# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Khesbn no. 85-86 - September 1976 - Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/67w495c3

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 85-86(1)

### Author
Admin, LAYCC

### Publication Date
1976

### Copyright Information
Copyright 1976 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לשנה טובה תּכתבו ותחתמו

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

SEPTEMBER
1976

86-85

תּשרי
תּשל"ז

ארויסגעגעבן פון:

● לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

● ל. א. קאָונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד

# אינהאַלט


דער יובל־יאָר פון ל״א יידישן קולטור קלוב — 3
די וועלט־אסיפה פאַר יידישער קולטור אין ירושלים — 6
אַלעקס ראַבין: אַ האַלבער י״ה פון ל״א יידישן קולטור־קלוב — 7
בינם העלער: לידער — 10
אברהם גאָלאָמב: שלום עליכם (צו זיין 60סטן יאָרצייט) — 12
רבקה סאַוויטש גאָלאָמב: אָבסערוואַציעס און רעפלעקסן — 16
חיים לייב פוקס: סאָנעטן צום אַלטן בדחן — 22
ד״ר ישראל שטערן: יידיש און וועלטלעכקייט — 23
משה שקליאַר: ער... (ליד) — 33
שרה ראַפּאַלין־לייגער: דער סטאַטוט פון דער פרוי ביי יידן — 34
שמואל הנגיד: אַ תפילה (יידיש: י. י. שוואַרץ) — 40
אַריה פּאַזי: פּאַראַפּסיכאָלאָגיע — אַ באַגרינדונג און פאַרטייטשונג — 42


## שרייבערס און ביכער


שואל גוטמאַן: האַו״ס וועלט פון אונדזערע פאָטערס — 49
משה שקליאַר: בינם העלער און זיין ליד — 56
זלמן שלאָסער: ויהי בימי... די שירה פון איש יאיר — 59
ס. שניאור: אונדזער אימפּרעסאַריאָ—אַלעקס ראַבין — 65
נייע ביכער: (ביכער עסייען פון לילי בערגער, מלך ראַוויטש, א. גאָלאָמב) — 69
לזכר מלך ראַוויטש ע״ה — 79


## זה דור דורשיו...


זאב וואָלף סאָליס: ד״ר יהודה אבן שמואל (קויפמאַן) ע״ה — 70
יעקב פרידמאַן: אַ מאָל שלאָפן ווערטער (ליד) — 73
אַריה פּאַזי: בנימין (טייטלבוים) דעמבלין ע״ה — 74
ס. נוטקעוויטש: די זינגערין פון אונדזער פרייד און טרויער — 77


## אין און אַרום לאָס אַנדזשעלעס


שמואל ווייס: פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ל״א — 80
אַשר קיפּניס: דער יידישער קולטור־קלוב אין ל״א — 82
ראש השנה באַגריסונגען — 91-86

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטווירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן

מיר לאַדן אייך איין אַנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל. א. שטאַט־קאָמיטעט פון
ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד

סיוון האַמבורגער, פּרעזידענט • משה כהן, עקז. סעקרעטאַר

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

A. POSY, *Editor*

SAMUEL WEISS, *Associate Editor*

S. SCHLOSSER, *Editorial Secretary*

1108 South Clark Drive • Los Angeles, Calif. 90035

S. BUNYAN, *Secretary Emeritus*

ALEX ROBIN, *Consultant*

*Administration*: H. BERMAN, *Treasurer*

ELIMELECH DEITCH SAM ZUCKERMAN

M. GOLDFARB, *Financial Secretary*

153 So. Hayworth Ave. — Los Angeles, Calif. 90048 — Tel. 935-2950

**Subscripton price: $5.00 per year**

PRINTED BY SCHWARTZ PRINTING CO.

אריה פּאַזי, רעדאַקטאָר
שמואל ווייס, מיטרעדאַקטאָר
זלמן שלאָסער, סעקרעטאַר
ז. בובין, סעקר.־עמעריטוס

# חשבון

פּעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען.

העניך בערמאַן,
פּאַרוואַלטער־קאַסירער

מ. גאָלדפאַרב,
פינאַנץ־סעקרעטאַר
אַלעקס ראַבין, קאָנסולטאַנט

32סטער יאָרגאַנג, נומערן 85־86 • האַרבסט 1976 • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.

# דער יובל יאָר פון ל״א יידישן קולטור־קלוב

אין משך פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָר, תשל״ו, האָט דער לאָס אַנדזשעלעס יידישער קולטור־קלוב געפייערט זיין קיילעכדיקן יובל — 50 יאָר זינט ער איז געגרינדעט געוואָרן.

אין משך פון דעם יובל־יאָר האָט דער קולטור־קלוב פאַרגעזעצט זיין טראַדיציאָנעלע יידישע קולטור־טעטיקייט, און ער פאַרנעמט זיך דאָס צו טאָן אויך אויף להבא, אַזוי ווי זיין טראַדיציע איז געווען דאָס צו טאָן אין משך פון די אַלע יאָרן זינט ער איז געגרינדעט געוואָרן.

אין משך פון די לעצטע 50 יאָר איז ל״א געוואָרן אַן עיר ואם בישראל — אַ שטאָט וואָס איז געוואָרן דער צויבער־רוף צו וועלכן עס ציען זיך טויזנטער יידן סיי פון אַמעריקע און סיי פון אויסלאַנד און אפילו מעבר לים. צווישן זיי אַ גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל יידיש־רײדנדיקע יידן, וואָס קומען אַהער און ווערן דאָ תושבים.

און ווען אָט די יידישע יידן בירגערן זיך דאָ איין, פילן זיי מיט אַ טיפער בענקשאַפט, אַז „לא על הלחם לבדו יחיה האדם״— אַז ניט מיט דעם ברויט אַליין לעבט דער מענטש! זוכט דעריבער אַזעלכער ייד, קודם כל, אַ גייסטיק ווינקל, וווּ אויסצולעבן זיך יידיש־קולטורעל, אויסלעבן זיך אין אַן אייגענער יידיש־גייסטיקער סביבה, צווישן אייגענע יידישע קולטור־מענטשן.

אָט די יידישע יידן, וועמענס גלויבן איז יידישע קולטור, וואָס יידישע קולטור איז ביי זיי אַן עיקר־מאָטיוו אין זייער לעבן, באַטראַכטן זיי דעם יידישן קולטור־קלוב פאַר אַ טייל פון זייער גייסטיקער היים — אַן עיקרדיקן טייל. אַהער קומען זיי אויסהערן — וואָך איין וואָך אויס — אַ יידישן רעפעראַט, אַ יידיש מוזיקאַלישן קאָנצערט, אויסזינגען בציבור אַ יידיש פאָלקס־ליד; דאָ ווערט פון זיי אויפגענומען אַ יידיש בוך, און בכלל אַלץ וואָס ווערט אַריינגענומען אין דעם רייסטער פון אונדזער יידישן קולטור־קלוב.

אוודאי איז עס אונדזער ווונטש, אַז אָט די אַלע יידיש־יידן זאָלן ניט נאָר זיין אונדזערע געסט, נאָר זיי זאָלן אויך ווערן געטרייע שותפים צו אונדזער יידישן קולטור־קלוב און מיטאַרבעטער אין זיינע פאַרצווייגטע קולטור־טעטיקייטן.

אָט די יידישע יידן, אַפילו אַזעלכע וואָס האָבן ניט קיין באַשטימטע פּאָליטישע אָדער סאָציאַלע אָנגעהעריקייט, האָבן זיי אָבער אַן אָפענעם אויער און אַ וואַרעם האַרץ פאַר אַלץ וואָס איז עכט יידיש קולטורעל אין אונדזער יידיש לעבן. זיי זיינען עס אונדזערע אויפריכטיקע אַספּיראַנטן און שטיצערס פון יידישן קולטור־לעבן און יידישער קולטור.

אונדזערע טירן זיינען תמיד ברייט אָפן פאַר יעדן איינעם וואָס באַטראַכט זיך ווי אַ דענקענדיקער ייד. היגע ניי־אָנגעקומענע יידן, וואָס האָבן אָנגעפירט אַחריותפולע קולטור־טעטיקייט אויף דער פּראָווינץ, און אַפילו אין גרעסערע שטעט, ווי ניו־יאָרק, שיקאַגע, אין קאַנאַדע, דרום־אַמעריקע און אין אַנדערע מקומות — פאַר זיי ווערט ערשט דענסטמאָל פאַרשטענדלעך מיט וויפל אידעאַליזם, איבערגעבנקייט און אַפילו ראַנגלענישן אַזאַ איבער־פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע ווי אונדזער קולטור־קלוב, איז אויסגעקומען דורכצוטראָגן אָט די אַלע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ, בכדי צו פאַרזיכערן זיין דויער און קיום. אונטער אָט די אַלע באַדינגונגען, ווען די גאַנצע וועלט האָט געהאַלטן אין איין טרייסלען זיך, איז אָנצוהאַלטן דעם קולטור־קלוב אין משך פון אַ פולן יובל יאָרן — גלאָררייכע יאָרן! — געוואָרן כמעט ווי אַ פענאָמען.

דער קולטור־קלוב איז געבליבן איינער פון די ווייניקע יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָט זיך ניט אונטערגעגעבן צו דער שפּראַך־אַסימילאַציע, וואָס האַלט אין אויסשפּרייטן זיך איבער דער יידישער גאַס. ערנסט, אויפריכטיק און מיט חשיבות האָט דער קלוב אָפּגעהיט די ריינקייט פון אונדזער מאַמע־לשון, 30 יאָר כסדר אַרויסגעגעבן אונדזער אייגענע צייטשריפט „חשבון", געשטיצט דעם ייווא, דעם יידישן קולטור־קאָנגרעס, דעם יידישן שולוועזן, און אָפּגערופן זיך אויף אַלץ וואָס איז יידיש קולטור־שעפעריש.

במשך די אַלע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ האָט דער קולטור־קלוב באַוויזן אויפצובויען און אויפצוהאַלטן אַ פּראַקטיקן קולטור־צענטער, צוערשט אויף מאָנראָו גאַס, שפּעטער אויף דער דריטער גאַס, ווו ער געפינט זיך אַצינד, מיט אַ גרויסער צירקולירנדיקער ביבליאָטעק פון אַרום צען טויזנט ביכער (נאָר אויף יידיש און אויך אַ קליינע צאָל העברעישע ביכער), און איז בכלל געוואָרן די היים פון יידישן בוך און יידישער קולטור־סביבה.

הגם דער קולטור־קלוב פּילט דאָ אויס אַ באַשטימטע יידישע געזעלשאַפטלעכע פונקציע און איז צום דינסט און נוצן פון דער יידישער קהילה, קריגט ער אָבער ניט קיין שום סובסידיע פון וועלכע עס איז געזעלשאַפטן. ער האַלט זיך אויס פינאַנציעל דורך די ביישטייערונגען פון די אייגענע מיטגלידער מיט אַ בודזשעט וואָס שטייגט איבער צען טויזנט דאָלער אַ יאָר.

דער וועג פון קולטור במשך דעם יובל יאָרן פון זיין עקזיסטענץ איז נישט תמיד געווען אויסגעלייגט מיט בלומען. ער האָט, ווי דער רוב קולטור־אָרגאַניזאַציעס, איבערגעלעבט ניט ווייניק שוועריקייטן, שטרויכלונגען און נביאות. דאָך איז ער אין משך פון די אַלע יאָרן געשטאַנען אָן איבעררייס ביי דער

וויכטיקער קולטור־אַרבעט כסדר געמונטערט דעם יידישן קולטור־מענטשן און אים גערופן זיך מתייחד זיין מיט זיינע טואונגען און צו באַהעפטן זיך מיט זיין קולטור שעפערישער טעטיקייט. זיינע טירן זיינען אַלע מאָל געווען ברייט אָפן פאַר אַלעמען. ער האָט גערן און מיט פרייד אַלעמען אויפגענומען, בעיקר די וואָס האָבן געהאַט אַ באַציונג צום יידישן וואָרט און יידישער קולטור.

ניט תמיד איז דער קולטור־קלוב רוף צו די אַלגעמיינע קולטור־עסקנים ווי געהעריק אויפגענומען געוואָרן. ניט זעלטן איז דער רוף פון זיינע אייגענע עסקנים געפאַלן אויף טויבע אויערן. אָבער זיי זיינען ניט מיד געוואָרן און קיין מאָל ניט אַנטמוטיקט געוואָרן. צו אונדזער אַלעמענס גרויסער פרייד האָבן אַ גרויסע צאָל יידישע יידן (ניט דווקא „יידישיסטן״), אמתע פאָלקס־מענטשן, זיך צו זיי יאָ צוגעהערט. זיי זיינען געוואָרן און געבליבן דעם קלובס וואַרעמסטע אספּיראַנטן און געטרייע שטיצערס.

**כח לחי!**

* * *

מיר ווילן, מיר מוזן זיך אָפּהיטן פון דערמאָנען נעמען פון פאַרדינסטפולע חברים און חברות, וואָס האָבן מיט זייערע טעטיקייטן אַ סך בייגעשטייערט צו די דערפאָלגן פונעם קולטור־קלוב. מיר טאָרן עס ניט טאָן מחמת דעם, וואָס מיר קענען געשטרויכלט ווערן און על פי טעות פאַרגעסן אַ וועלכן ניט איז פאַרדינסטפולן נאָמען. מיר קענען זיך אָבער פאָרט ניט איינהאַלטן און די נעמען פון צוויי חברים מוזן מיר יאָ פאַרצייכענען:

קודם כל, **שלמה צוקערמאַן.**

שלמה צוקערמאַן איז דער דאַזיקער, וואָס האָט ממש געראַטעוועט דעם קיום פונעם קלוב. מיר ווילן דאָ ניט אַריינגיין אין פּרטים. זיי זיינען אַלעמען באַקאַנט. מיר ווילן אָבער יאָ באַשטעטיקן, אַז ווען ניט ער — מיט זיין אידעאַליזם, מיט זיין קלאָרן געדאַנק, מיט זיינע אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן — האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק געראַטעוועט דעם קלוב פון אונטערגאַנג.

צווייטנס, **אַלעקס ראָבין.**

אַלעקס ראָבין איז אין משך פון די לעצטע עטלעכע יאָר געווען דער פאַרזיצער פונעם קלוב. און ער, מיט דער מיטאַרבעטערשאַפט פון שלמה צוקערמאַן און אַנדערע מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע, האָט אויפגעהאַלטן דעם הויכן קולטורעלן ווערט און באַטרעף פון דעם קלוב.

זיי ביידע גרייכן איצט דעם חשובן עלטער פון גבורה. דריקן מיר אויס זיי ביידן אונדזערע האַרציקסטע גליקוואונטשן:

ביז הונדערט און צוואַנציק און ווייטער און פאַר זיי זאָל אויך מקויים ווערן וואָס איז פאַרשריבן אין דער תורה וועגן משה רבינו, אַז ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן „איז זיין אויג ניט געווען טונקל, און זיין פרישקייט איז ניט אַוועק.״

אַ כתיבה וחתימה טובה צו אַלע מיטגלידער פונעם קולטור־קלוב, צו כל ישראל און מדינת ישראל וכל העולם כולו, אָמן.

# די וועלט-אסיפה פֿאַר ייִדישער קולטור אין ירושלים

בעת מיר גייען צום דרוק האָבן מיר נאָך נים פֿאַר זיך די גענויע ידיעות וועגן דער וועלט־קאָנפֿערענץ פֿאַר דער ייִדישער קולטור, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ירושלים סוף אויגוסט, 1976.

אונדזער זשורנאַל „חשבון" און דער ייִדישער קולטור-קלוב זיינען דאָרט פֿאַרטראָטן דורך צוויי דעלעגאַטן: אַלעקס ראָבין און זלמן שלאָסער.

אַ פֿולער באַריכט און אָפּשאַצונג פֿון דער דאָזיקער היסטאָרישער קאָנ־פֿערענץ וועט צוגעגרייט ווערן פֿאַרן קומענדיקן נומער „חשבון". דערוויילע קענען מיר געבן נאָר ראשי פּרקים פֿון אָט דער ייִדישער קולטור־אסיפֿה.

דער פּראָגראַם פֿון אָט דער אסיפֿה, ווי ס'איז פֿון פֿאָרויס אָנגעצייכנט געוואָרן, באַשטייט:

א) די דערעפֿענונג־זיצונג, מאָנטאַג אָוונט, כ"ז אב, געווידמעט דעם זעכציקסטן יאָרצייט פֿון שלום עליכם, מיט דעם אָיפֿטרים פֿון די בעסטע בינע-קינסטלערס אין אַ רעפּערטואַר פֿון שלום עליכמס ווערק — דערציילונגען און דראַמעס;

ב) אַ צווייטער זייער וויכטיקער מאָמענט אין דעם פּראָגראַם פֿון דער קאָנפֿערענץ ווערט פֿאַרצייכנט די פֿייערונג פֿון 300 יאָר ייִדישע פּרעסע און די דעבאַטע וועגן דער איצטיקער סיטואַציע פֿון דער פּרעסע;

ג) אַ צאָל רעפֿעראַטן וועגן דער ייִדישער קולטור, ליטעראַטור און פּרעסע זיינען פֿון פֿאָרויס באַשטימט געהאַלטן צו ווערן פֿון: פּראָפֿ' דוב סדן, חיים גראַדע, פּראָפֿ' אַרטור לערמער, יצחק יאַנאַסאָוויטש, ש. ל. שניידערמאַן, שמעון דזשנסקי, ל. לענעמאַן, יעקב גלאַטין, פּראָפֿ' חנא שמערוק, יצחק באַשעוויס און אַנדערע.

ד) די וויכטיקסטע קאָמיסיע אויף דער קאָנפֿערענץ איז געווען געוויד־מעט דער ייִדישער דערציונג, מיט דער הויפּט-באַטייליקונג פֿון יהודה עלבערג, פּראָפֿ' חיים בעז און חיים פֿינקעלשטיין.

ה) אַ ספּעציעלע קאָמיסיע איז באַשטימט צו פֿאַרנעמען זיך מיט איבער־זעצונגען פֿון ייִדיש אויף עברית און פֿון עברית אויף ייִדיש און אויך אַנצוגעבן פּלענער און פּראָיעקטן צו שטאַרקן און צו אַנטוויקלען די ייִדישע קולטור, סיי אין ישראל און סיי אין די תּפֿוצות.

די היסטאָרישע קאָנפֿערענץ איז געווען באַשטימט צו שליסן זיך דאָנערש־טאָג, א' ר"ח אלול, תשל"ו.

אַלעקס ראַבין

# אַ האַלבער יאָרהונדערט פון ל״א יידישן קולטור קלוב

אַ קיילעכדיקער יובל — פופציק יאָר זינט דער גרינדונג פון דעם ל״א יידישן קולטור־קלוב. דעמאָלט זיינען נאָך געווען גוטע יאָרן, צוזאָגנדיקע יאָרן, יאָרן פון האָפענונג און קאַמף — די יאָרן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. דאָס זיינען אויך געווען יאָרן פון דערוואַכונג און שעפערישקייט. דאָס זיינען נאָך געווען די צייטן איידער די ווילדע ברוינע און רויטע כמאַרעס האָבן אָנגעהויבן פאַרפלייצן און שטעלן אין גרויליקער סכנה דאָס יידישע לעבן. די הימלען זיינען נאָך געווען קלאָרע און די לופט — אָנגעפילט מיט רעוואָלט און די חזיונות פון באַפרייאונג און שטרעבונג צו אַ נייעם יידישן לעבן. דאָס יידישע לעבן האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט מיט פאַרבנרייכקייט און קאָלאָריט, מיט באַנייאונג און פאַרמעסט צו שאַפן אַ נייעם מאָדערנעם קולטור־לעבן. יידיש שאַפן האָט דערגרייכט גאָר הויכע מדרגות אויף אַלע געביטן, און יידישע קולטור האָט זיך אַריבערגעטראָגן צום פאָלק און ס'איז אויפגעקומען אַ פאָלקס־אינטעליגענץ, ס'האָבן געהאַלטן אין כסדרדיקן אויסשפּראָצן פון העכערע לערן־אינסטיטוציעס אויף יידיש, קינסטלערישער יידישער טעאַטער, פאָלקשולן, קולטור־געזעלשאַפטן, קולטור־קרייזן און קלובן.

לאָס אַנגעלעס איז נאָך דאַמאָלסט ניט געווען די גרויסע שטאָט וואָס זי איז היינט — פופציק יאָר שפּעטער — אָבער זי האָט שוין געהאַט די אָנציונג פון אַ צוביבער־שטאָט: די מילדקייט פון קלימאַט און, באַזונדערס — דער רייץ פון האָליווד האָט שוין געבראַכט אַהער אַ צאָל יידישע שרייבערס, בינע־קינסטלערס, בכלל קולטור־מענטשן, און אויך דאָ האָט זיך געגרינדעט אַ קולטור־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן — געווי אין יאָר 1926 — באַקאַנט געוואָרן אין אַלע תפוצות ווי דער לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור־קלוב. (געווען שפּעטער פאָרשלאָגן מ'זאָל בייטן דעם נאָמען אויף אַ פאָלקס־מאָטיוו אָדער אַ געזעלשאַפט.

אָבער די רעפּוטאַציע פון דעם קלוב און במילא דער נאָמען האָבן געשלאָגן אַזעלכע טיפע וואָרצלען און באַקומען פּאָפּולאַריטעט, אַז די פאָרשלאָגן זיינען אַלע מאָל אָפּגעוואָרפן געוואָרן און ס'איז געבליבן ביים אָריגינעלן נאָמען).

די גרינדערס זיינען געווען מענטשן מיט באַוווסטזיין, מיט אַ דראַנג זיך אויסצולעבן אין דער אייגענער שפּראַך און קולטור. צוויי שונאים האָט מען דעמאָלט באַדאַרפט באַקעמפן: פון איין זייט, דעם פלאַכן קולטור־ניוואָ פון דעם אַרום, און פון דער צווייטער זייט, די אַסימילאַציע, איבערהויפּט די שפּראַכלעכע.

וואָס זיינען געווען די גרונט־יסודות אויף וועלכע דער קלוב האָט זיך געשטיצט? איך האָב ניט געפונען קיין פאַרשריבענע קאָנסטיטוציע אָדער פאַרצייכנטע צילן. בכלל זינדיקן מיר וואָס מיר האָבן ניט קיין כראָניק פון אונדזערע אָרגאַניזאַציעס. אָבער אורטיילנדיק פון די פּראָגראַמען, דעם ניוואָ פון דער מיטגלידערשאַפט און דעם קלובס אייגנאַרטיקייט, וועל איך מאַכן אַ פאַרזוך צו פאָרמולירן די הויפּט־טעזן וועלכע האָבן געבראַכט דעם קלוב צום לעבן און וואָס זיינען אים בייגעשטאַנען דורך די אַלע יאָרן. ווייל איך האַלט, אַז אַלץ וואַקסט אַרויס פון אַ נויט, און וואָלט ניט געווען קיין באַדערפעניש פאַר אַזאַ אינסטיטוציע, וואָלט ער ניט געהאַט קיין קיום.

לאָמיר זיך דערמאָנען: וואָס זיינען געווען די באַדערפענישן? איך מיין, אַז דער עיקר איז געווען די שטרעבונג אויסצולעבן זיך אויף יידיש און אידענטיפיצירן זיך מיטן בעסערן יידישן וואָרט און מיט אַלץ וואָס איז פּראָגרעסיוו און שעפעריש אין יידישן לעבן צו שאַפן אַ סביבה אין אונדזער גייסט און אונדזערע אידעאַלן.

דאָס איז געווען דער זכות הקיום פון קלוב ביים אָנהייב און אויך היינט, 50 יאָר שפּעטער. דאָס איז די לופט אין וועלכער ער איז געבוירן געוואָרן, אויסגעוואַקסן און צעריינגעוואַקסן. צייטן בייטן

זיך און אין לעבן קומען אויף נייע ווערטן, ענדערונגען און צופּאַסונג. די פינף צענדליק יאָר זיינען געווען יאָרן פון געראַנגל, קאַמף, אפילו ברודער־קריג אין יידישן לעבן. אָבער דער קלוב האָט פאַרמאָגט די נייטיקע וויטאַליטעט און לעבנס־כּוח בייצוקומען און איבערקומען אַלע שטרויכלונגען. און היינט איז דאָס דער איינציקער קלוב פון דעם מין אין גאַנץ אַמעריקע — מיט פּראָגראַמען אויף יידיש, וואָס שטייען אויף אַ הויכער ניוואָ, מיט לעקציעס, פאָרלעזונגען און געזאַנג, אַן אייגענעם אודיטאָריום און אַ מיטגלידערשאַפט פון אַרום 200 מענטשן, וואָס קומט זיך צונויף יעדן שבת אָוונט, דערהייבענע און באַגייסטערטע.

איך מיין באמת אַז מיר האָבן ניט גענוג אָפּגעשאַצט און אַוודאי ניט דערשאַצט דעם גרויסן בייטראָג וואָס דער קלוב גיט אונדז. אַנדערע שטעט זיינען אונדז מקנא און געסט דריקן אויס זייער באַוווּנדערונג וואָס זיי באַזוכן אונדזער שבת־צו־נאַכטסן און זען די וואַרעמקייט און צופרידנקייט פון די אַנוועזנדע.

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דער קלוב?

איך וועל פּרובירן צו דער יובל־פייערונג אַנוואַרפן עטלעכע שטריכן און געדאַנקען, וואָס מיר דאַכט זיך זיינען די פונדאַמענטאַלע יסודות פון דעם קלוב. יידיש לעבן האָט אַלע מאָל געהאַט פאַרשיידענע פאָרמען און אַ סך פּנימער, באַזונדערס ביי אונדז אין די שטאַטן. דער קלוב האָט אין זיך פאַרקערפּערט דעם סינטעז פון דעם סעקולערן מזרח־אייראָפּעישן אידעאַליזם, באַגייסטערונג און בענקעניש, מיטן אַמעריקאַנעם פּראַגמאַטיזם. אונדזער דור האָט אַהער אַריבערגעבראַכט אידעאַלן, חלומות, פאָלקסטימלעכקייט און מעגלעכקייטן, ווייל מיר האָבן ניט געקענט לעבן אין אַ חלום. און אויב מ'האָט אפילו אַמאָל, צוליב די באַדינגונגען, אַרונטערגעלאָזט זיך פון דעם הויכן סטאַנדאַרד און געמאַכט קאָמפּראָמיסן, האָבן מיר מלמד זכות געווען אויף זיך אַליין, און דער גייסט פון דעם בערדיטשעווער, אַז אפילו מאַכנדיק קאָמפּראָמיסן, היטן מיר אָפּ די נשמה — דער חלום זאָל בלייבן גאַנץ; אונדזער לייטמאָטיוו, אַז יידישע קולטור איז פאַראַנקערט אין אונדזער לעבן און געשיכטע.

ס'איז ניט פאַנאַטיזם, ס'איז ניט עקשנות, ס'איז ניט אפילו שפּראַך אַליין. ס'איז אַוודאי ניט די פּלוגתא צווישן „פּליינעם" יידיש און „פּאָטייטאָ"־יידיש. ס'איז אַ דרך אין אונדזער געשיכטע און מיר זיינען דאָס ממשיך.

דאָס איז דער גייסט, אויב אפילו אַ מאָל אין אונדזער אונטערבאַוווּסטזיין, וואָס באַהויכט אַלץ וואָס מיר טוען. דער דרך איז ניט בלויז קולטור אויף יידיש — ס'איז יידישע קולטור געשפּייזט פון דער גרויסער יידישער פאָלקס־טראַדיציע. דאָס זיינען באַגריפן און שטייגער, אַלטע און נייע, אויסגעדריקט אין אונדזער שפּראַך און אונדזער נוסח.

דערפאַר איז דאָס וואָס מיר באַצייכענען אָדער רופן קולטור־אַרבעט, ניט אַן אַבסטראַקטער אינטעלעקטועלער באַגריף, נאָר ס'איז אַ באַדאַרף פאַר אונדזער נשמה יתירה, אַרויסצורייסן אונדז פון דער וואָכעדיקייט. דאָס, וואָלט איך געזאָגט, איז אונדזער אני מאמין און אויך אונדזער זכות הקיום. דער קלוב איז ניט קיין ציל פאַר זיך אַליין, ס'איז אַ מיטל, אַן אַגענטור, וואָס מאַכט מעגלעך פאַר אונדז צו שעפּן פון דעם דאָזיקן קוואַל.

מיר דערמוטיקן הויפּטזאַכלעך דעם סעקולערן נוסח. אָבער אין ברייטערן זין, אַלץ וואָס איז שעפעריש און יידישלעך. ס'איז אמת, אַז אויך אַנדערע גרופּירונגען און געזעלשאַפטן האָבן אין זייערע פּראָגראַמען קולטור־צילן, אָבער ביי יענע איז דאָס אַ בייזאַך, אַ מאָל בלויז אַ פליכט, אַ מהיכא תיתי צוגאַנג. זייערע הויפּט אויפגאַבן ליגן אויף אַן אַנדער שטח. אָבער ביי אונדז איז קולטור נוסח דער עיקר. צוליב דעם עקזיסטירן מיר און דאָס זיינען מיר מקיים. פאַראַן ביי אונדז אידעאָלאָגישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע מיינונג־פאַרשיידנקייט, אָבער יידישע קולטור איז ביי אונדז געמיינשאַפטלעך, און אונדזער אַקטיוויטעט קומט צום אויסדרוק ביי דעם וואָס פאַראייניקט אונדז און ניט וואָס צעטיילט אונדז.

דאָס איז ניט ווייל מיר מיינען אַז אונדזער וועג איז דער איינציק ריכטיקער און אַז מיר האָבן שוין געפונען אַלע אמתן.

ניין, מיר וויסן און פאַרשטייען אַז אין דעם זעקס מיליאָנענדיקן ייִדישן ישוב דאָ אין אַמעריקע, ווו ס׳שווימבלט מיט צענדליקער אָרגאַניזאַציעס, מיט אַלערליי שטראָמען און ריכטונגען, זיינען מיר אַ גאָר קליינע מינדערהייט. אָבער אונדזער דרך איז ביי אונדז געוואָרן אַ שטייגער לעבן און ייִדישע קולטור איז דער הויפּט אָנשפּאַר. אַזוי ווי פרומקייט, דאַווענען און כשרות איז געווען ביי אונדזערע באָבעס און זיידעס דער עצם פון לעבן, איז דער גייסט פון ייִדישן קולטור־קלוב ביי אונדז אַ מוז און מיר ווילן ניט מוותר זיין אויף דעם.

דער ייִדישער קולטור־קלוב איז מיט די יאָרן געוואָרן אַ וועלט־אַדרעס פאַרן ייִדישן וואָרט. דער קלוב איז אַלע מאָל געווען די פּלאַטפאָרמע אויף וועלכע שרייבערס און קינסטלערס, סיי פון דאָ הי און סיי געסט פון אַנדערע מקומות, פלעגן אויפטרעטן. צווישן זיי גדולי הדור. אין אַ סך פאַלן איז דער קלוב געווען אינסטרומענטאַל צו דעם אַז גאַסט־לעקטאָרן אָדער שרייבערס זאָלן אַראָפּגעבראַכט ווערן קיין לאָס אַנגעלעס. דאָ ביי אונדז ווערט געפייערט אַ יובל פון שרייבערס, דאָס דערשיינען פון אַ נייַ בוך, געפּראַוועט אַ געדענק־אָונט נאָך אַן אַוועקגעגאַנגענעם שרייבער, און אַנדערע פאַסיקע, צייטיקע קולטור־געשעענישן. אויף אַזאַ אופן פירט דער קלוב דורך די פונקציעס וואָס אין ניו־יאָרק פאַסט אויף דער קולטור־קאָנגרעס אָדער פּרץ שרייבער־פאַריין, די רעדאַקציעס פון צייטשריפטן און אַנדערע צענטראַלע פאַריינען.

לעצטנס האָט דער קולטור־קלוב אָנגעהויבן געבן פּרעמיעס צו שטיצן קולטור־צוועקן אין די שטאַטן און אין ישראל.

אויך דער זשורנאַל „חשבון“, דער איינציקער ייִדישער ליטעראַרישער זשורנאַל אין די שטאַטן, אַחוץ ניו־יאָרק, ווערט סובסידירט פון דעם קלוב מיט אַ ברייטער האַנט. מיר באַטראַכטן דעם זשורנאַל ביי היינטיקע צייטן פאַר אַ וויכטיקן צושטייער צום ייִדישן וואָרט. ער צעגייט זיך אין אַלע ייִדישע תפוצות איינגעשלאָסן ישראל. די לעצטע יאָרן האָט דער „חשבון“ אונטער אריה פאָזיס רעדאַקציע באַקומען אַ סך חשיבות. זיין פּרעסטיזש איז היפּש געשטיגן. אַ סך מאמרים, אַרטיקלען, עסייען פון ייִדישע שרייבערס, וועלכע וואָלטן געבליבן ניט פאַרעפנטלעכט, געפינען אַ תיקון אין אונדזער זשורנאַל. איך מעג אויך דערמאָנען אַז אַ צאָל שרייבערס (אויסלענדישע) באַקומען האָנאָראַר פאַר זייערע אַרבעטן. דערפאַר געפינט מען זשורנאַל וואָגיקע אַרבעטן פון וואָגיקע שרייבערס. אויך אויף דעם שטח האָט דער קלוב גרויסע פאַרדינסטן.

אַרום דעם קולטור־קלוב האָבן זיך אויך אין פאַרשיידענע צייטן גרופּירט אַנדערע קולטור אַקטיוויטעטן, ווי ס׳דערציילן י. פרידלאַנד און מרדכי מייזל אין דעם אליהו טענענהאָלץ יובל־בוך — דעם גרינדער פון דעם לאָס אַנגעלעסער ייִדישן קולטור־קלוב — זיינען ביים קלוב אָרגאַניזירט געוואָרן אַ יוגנט־גרופּע און אַ יוגנטלעכע דראַמאַטישע סטודיאָ, טאַקע אונטער טענענהאָלצס לייטונג און רעזשי. זיי פלעגן אויפפירן ווערק פון די ייִדישע קלאַסיקערס און פאָרלייענען פון ייִדישער דיכטונג.

דער ייוואָ פון לאָס אַנגעלעס האָט אין קלוב אַ שטענדיקע וואַרעמע היים, און אַן אָונט מיט פּראָפעסאָר ברײַנדל קירשנבלאַט, דער יונגער ייוואָ וויסנשאַפטלערין, האָט אין אוידיטאָריום פונעם קלוב אָנגעפילט אַן עולם פון 300 מענטשן מיט אַ סך פרייד, אמתער התרוממות הנפש.

לעצטנס האָט זיך פון קלוב אויסגעשטראַלט דער לאָס אַנגעלעסער קאָמיטעט פאַר ייִדיש אין ישראל, מיט זלמן שלאָסער אַלס סעקרעטאַר. ס׳איז געווען מיטן צוועק צו העלפן אַרויסגעבן ביכער פון די סאָוועטישע עולים שרייבערס אין ישראל. פון דעם איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן די וועלט־קאָנפערענץ פאַר ייִדיש היינטיקן יאָר.

איך וואָלט געקאָנט אויסרעכענען נאָך אַ סך וויכטיקע טעטיקייטן פונעם קלוב, אָבער דער באַשיידענער אָרט אין „חשבון“ צווינגט מיך מצמצם צו זיין.

ס׳בעט זיך אָבער פאָרט צו דערציילן, אַז אין די לעצטע פאַר יאָר האָט דער קלוב אויסגעשטרעקט אַ וואַרעמע חברשע האַנט צו די נייַע ייִדישע אימיגראַנטן פון די סאָוועטישע לענדער. מיר האָבן זיי פאַר־

בעטן אין קלוב ווי אונדזערע געסט, פריי פון וועלכע ס'איז אָבליגאַציעס, זיי זאָלן קומען און געניסן פון דעם קלאַנג פון יידישן וואָרט און ליד, וואָס זיי האָבן אין סאָוועטן פאַרבאַנד ניט געהערט. אַ צאָל פון זיי קומען צו אונדז, האָבן גרויס הנאה און עטלעכע האָבן עפנטלעך אויסגעדריקט זייער גליק וואָס זיי האָבן אין אונדזער קלוב געפונען אַ וואַרעם ווינקל. זיי זיינען ביי אונדז אָנגעלייגטע געסט.

אין משך פון די פופציק יאָר זינט דער קלוב עקזיסטירט האָט ער דורכגעמאַכט פאַרשיידענע צייטן — אַ מאָל בעסערע, אַ מאָל שווערע צייטן. איצט איז דער מצב פון דעם קלוב אַוודאי אַ בעסערער ווי ער איז געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק. אַ מאָל לייכט אונדזער פלאַם העלער און אַ מאָל בלאַסער. אַזוי איז אַלע מאָל ביי יידן. טאָ לאָמיר זיך דערמאָנען די רייד פון אונדזער גרויסן קלאַסיקער, י"ל פרץ, ווען ער האָט גערעדט וועגן די קליי־נע פלעמעלעך פון די קליינינקע חנוכה ליכטעלעך, וואָס סימבאָליזירן אַ העלדישע תקופה אין דער יידישער געשיכטע. יידיש־קייט, האָט פרץ געזאָגט, איז אַזוי ווי אַ גומעלאַסטיק: ס'קען זיך פאַנאַנדערציען גאָר ברייט — ווי די גאַנצע וועלט און, ווען נייטיק, קען דאָס איינגעצויגן ווערן... יידישקייט קען לייכטן דורך מנורות, הענג־לייכטערס, גאַנצע זונען, מיט אַ גרויסער ליכט, וואָס קען פאַרבלענדן די אויגן און וואַרעמען מיט אַ העלער ליכטיקער וואַ־רעמקייט. און ווען מ'דאַרף, ווען מ'מוז, קען יידישקייט אויפגעהאַלטן ווערן דורך אַ דינער פלעמעלע, אַ קליינעם חנוכה־ליכט. און אַט דער קלייניקער ושאַר, אַ פינטעלע ליכט, קען לייכטן און וואַרע־מען און געבן גלויבן און ביטחון.

לאָמיר זיך אַלע, מהיום והלאה, וואַרע־מען ביים ליכט וואָס שטראַלט אַרויס פון אונדזער קלוב; דאָ הי אין לאָס אַנדזשע־לעס און זאָל ליכט פאַרשטויסן אַלע פינצ־טערנישן סיי דאָ הי, סיי איבער אונדזער גאַנצן לאַנד, סיי אין מדינת ישראל וכל העולם כולו, אָמן.

---

בינם העלער / תל אביב

# לידער

## גאָלד

ניט גאָט פון בראשית אַנטדעקט האָט דעם געלן מעטאַל.
די זון פון גן־עדן האָט אים ניט געשאָנקען קיין שטראַל.

אין אויפוואַך פון חלום האָט אָדם אים נאָך ניט געזוכט —
געצויגן האָט אים צו דעם בוים מיט דער שמאַרביקער פרוכט.

אפילו די ערשטע פון אַלע פאַרפירער — די שלאַנג —
האָט אויך ניט געהערט און געוווּסט נאָך די קראַפט פון זיין קלאַנג.

דאָס האָט בלויז דער שטן געזוכט זיך צו רייצן מיט גאָט:
ער האָט זיך געגראָבן, גענישטערט די ערד ווי אַ קראָט.

דאָס האָט ער געפונען דאָס גאָלד אין תהום און געבראַכט
און שפּעטער געשטעלט זיך אַנטקעגן דער זון און געלאַכט.

איצט שאַצט ער מיט דעם און ער נעמט פונעם לעבן דעם ווערט —
פאַרמשכנט פאַר גאָלד איז געוואָרן די געטלעכע ערד.

# ליד וועגן קאָרעקטאָר

וואָס טוט ער, נעבעך, דער קאָרעקטאָר?
דעם גאַנצן אלף־בית פאַרמעקט ער.

דעם לאַמען און דעם קרומען אלף
ער קוילעט מיט זיין פעדער־חלף.

די ביתן, ענלעכע צו כפן,
ער יאָגט מיט אַלע שטראָפן.

צוליב אַן אָפּגעהאַקטן גימל
ווערט פינצטער איבער אים דער הימל.

צוליב אַן אויסגעדרייטן זין (זאַיען)
ער הייבט אָן הויך און ווילד צו שרייען.

צוליב די חיתן און די טיתן
ווערט ער פאַרגעסן אײנעם עסן.

און אַזוי ווייטער און דעסגלייכן —
ער פרוווט די פעלערן פאַרשטרייכן.

און אַז פאַרריכטן שוין פאַרריכט ער,
קומט אַן אַ שורה (פון אַ דיכטער).

וואָס גייט אַראָפּ פון גלייכן זינען,
און וויל אַן אַנדער אָרט געפינען,

און נעמט מיט גוואַלד זיך איבערדרוקן
די לעצטע רגע פאַרן דרוקן...

אַז אָך און וויי איז צום קאָרעקטאָר:
דעם גרייז—געדרוקטערהייט אַנטדעקט ער!

# אַ רגע

דער זאַפט פון רויער פרוכט איז ביטער
און פון דער רייפער— זיס און זויער.
אין אונדזער ביידנס בלוט אין ציטער
איז אויסגעמישט דאָס גליק מיט טרויער.

אַ רגע בלויז דער ציטער דויערט —
די רגע פונעם זיין צוזאַמען.
אויף אָט דער רגע הענגט און הויערט
די אייביקייט פון אַלע שטאַמען.

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען צו ווענדן זיך צו אונדזער פינאַנץ־סעקרעטאַר:

M. GOLDFARB

153 So. Hayworth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048
פאַרוואַלטונג „חשבון" Telephone: 935-2950

אברהם גאָלאָמב

# שלום עליכם

## (צו זיין זעכציקסטן יאָרצייט)

שלום עליכם האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ הומאָריסט, אַזוי האָט ער געהייסן שרייבן אויף זיין מצבה, אָבער עס איז גאָר אַן אַנדער הומאָר, אַ יידישער הומאָר. עס איז אַ געלעכטער דורך טרערן. „טאַטע, דו לאַכסט? אָך און ווי צו דיין געלעכטער," אַזוי זאָגט אַ יידיש ווערטל. עס איז אַ געלעכטער, וואָס באַהאַלט דעם געוויין. דאָס האַרץ וויינט און כדי צו באַהאַלטן דעם געוויין לאַכט מען... זינט יידן זיינען אין גלות לאַכט זיך ניט אַ יידן; און עס איז געווען די גבורה פון אַ יידן צו קענען לאַכן פון צרות. וויינען פון צרות איז ניט קיין קונץ—עס וויינט זיך אַליין. לאַכן פון צרות—דאָס איז אַ סך שווערער; לאַכן פון צרות—דאָס האָט געלערנט יידן שלום עליכם. צי האָבן יידן זיך אויסגעלערנט צו קענען לאַכן פון צרות? איך ווייס ניט — אַ צו שווערע תורה, בכל אופן ניט צום לאַכן איז שלום עליכם מיט זיינע ווערק. רער האַלבער יאָרהונדערט וואָס שלום עליכם האָט געלעבט און געלערנט יידן לאַכן איז ניט געווען בעסער פון אַלע אַנדערע צייטן און געלאַכט האָבן יידן פון די צרות אָן אַ ברעג: פון די גויים — די גורמים פון די צרות, פון דער וועלט; געלאַכט אין זיינע ווערק, אין זיינע בריות און פון די אייגענע גאָר ניט קנאַפּע צרות, און געלערנט זיין פאָלק לאַכן פון צרות. לאַכן פון צרות — דאָס איז די תורה פון שלום עליכמען.

שלום עליכם האָט דריי הויפּט העלדן וואָס ער געזעגנט מיט זיי קיין מאָל ניט. זיי זיינען מיט אים און ער גייט מיט זיי אַ גאַנץ לעבן און זיי זיינען געבליבן נאָך אים, ניט פאַרענדיקט. זיי קענען זיך ניט פאַרענדיקן, סיידן מיטן לעצטן יידן.

דריי זיינען אונדזערע קלאַסיקער — מענדעלע, פּרץ און שלום עליכם. דריי זיינען זיי, און זייערע אויפטוען זיינען אַנדערע, פאַרשיידענע. מענדעלע מוכר ספרים האָט זיך געזעגנט מיט דער השכלה און מיט איר ליטעראַטור. איז ער אין דער ליטעראַטור געווען גאָר אַנדערש ווי אין לעבן. אין לעבן איז ער געווען ניט קיין מענדעלע, נאָר אַ גאָספּאָדין אַבראַמאָוויטש. פּרץ איז געווען איינער אין שטוב און אין וואַרשעווער גמינע איז געווען אַ צווייטער. שלום עליכם איז געווען איינער און דער זעלביקער. שלום עליכם איז אַ גאַנץ לעבן געווען שלום עליכם, נאָר שלום עליכם. אַ ייד—אַ שרייבער, געלעבט מיטן פאָלק, געשריבן פאַרן פאָלק אַזוי ווי דאָס פאָלק רעדט, זיך באַלד באַפרייט פון די משכילישע דרכים צו שרייבן אויף אַ „שענערער" שפּראַך, איז ער געווען אַ גאַנץ לעבן אַ יידישער שרייבער.

איטלעכער פון די דריי אָבות פון דער יידישער ליטעראַטור האָט גענומען אויף זיך אַן אַנדער אויפגאַב: מענדעלע האָט זיך געזעגנט מיט דער השכלה, איז ער אַרומגעפאָרן מיט זיין פערד און וועגעלע און פאַרקויפט ספרים. פּרץ האָט בכלל גאָר ווייניק געהאַט צו טאָן מיט לעבעדיקע יידן. ער האָט גענומען אידעען יידישע און זיי געגעבן. יידן האָבן ניט געלאָזן קיין לענדער מיט פּאַלאַצן, זיי האָבן אָבער דער וועלט געבראַכט אַ ים מיט אידעען. האָט פּרץ גענומען אָט די אידעען און זיי אָנגעטאָן פליש און ביינער און געלאָזט רידן. ער האָט ווייט ניט אויסגעשעפּט אַלע אידעען פון יידישקייט: צופיל אפילו פאַר אַזאַ גאון ווי פּרץ. האָט שלום עליכם גענומען לעבעדיקע יידן, מיט זייער גאַנצן האַנדל־וואַנדל און זיי געגעבן אין דער ליטעראַטור.

די השגחה האָט דערזען אַז יידישקייט גייט אונטער, אַז דאָס יידישע פאָלק גייט אויס, ניטאָ מער דאָס צוויי טויזנט יאָריקע יידנטום און האָט אונדז געגעבן שלום עליכמען.

און אָט דער שלום נחום וועוויקס האָט גענומען אַלע יידן, דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, און אים געשטעלט אַ דענקמאָל ניט פון שטיין — ניטאָ ביי יידן אַזוינע—

נאָר פון ווערטער, ווי דאָס פאָלק הערט און עסט און טרינקט און וויינט און לאַכט, און האָט עס פאַראייביקט אין שריפט. די תנ"ך־תקופה — איינס; די גמרא — צווייטע תקופה און — דאָס יידישע פאָלק לויפט קיין אַמעריקע פון חורבן וואָס ד אַ ר ף קומען. איז געקומען דער גאון שלום עליכם און האָט עס פאַראייביקט. דאָס וואָרט ביי יידן איז אייביקער פון שטיין און אייזן. דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין לעבן — דאָס איז דער אויפטו פון שלום עליכם.

אַ גאַנץ לעבן איז ער געווען נאָר אַ שרייבער. זיינע הויפט־העלדן זיינען דריי: טוביה, מנחם־מענדל און מאָטל פייסי דעם חזנס. קיינס פון די דאָזיקע דריי ווערק איז ניט געענדיקט. דאָס יידישע פאָלק לעבט און האָט נאָך ווייט ניט פאַרענדיקט זיין לעבן. זיינע העלדן לעבן ווייטער. זייער קינסטלער איז אָבער מער ניטאָ.

עס איז ביי מיר אַ פראַגע, צי קען ביי אונדז איצט אויפקומען אַ ממשיך, אַ צווייטער גאון־שרייבער וואָס זאָל ממשיך זיין ווייטער, שמידן ווייטער דאָס יידישע פאָלק אין אייביקער קונסט? ממשיך זיין שלום עליכמס? קען זיין אַז מיר האָבן זיך פאַרזינדיקט און קיין צווייטער שלום עליכם איז מער ניט מעגלעך ביי אונדז. קען זיין, אַז שלום עליכם איז דער איינציקער קינסטלער פון דעם מין. איין מאָל און מער ניט. אַט זיינען שוין אַריבער זעכציק יאָר אָן שלום עליכמען און ניטאָ קיין ממשיך, קיין ציען ווייטער די שלום עליכמיאַדע. ניטאָ מער קיין טוביה, ניטאָ קיין מנחם מענדל און ניטאָ קיין מאָטל פייסיס. און אפשר זיינען זיי ניטאָ אין ליטעראַטור, ווייל ניטאָ אין לעבן. ניטאָ דער טוביה, וואָס לעבן האָט ער גאָר געלעבט צווישן גוים, אַ גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט צווישן זיי און איז דאָך געווען און געבליבן אַ „ייד שביידן!" טוביה — דער פעסטער ייד וואָס איז ממשיך דאָס יידישע לעבן פון דער אייביקייט. ערשט צום סוף פון זיין לעבן ווערט עס צעבראָכן און טוביה דאַרף לויפן, דאָס יידישע פאָלק דאַרף ווייטער לויפן.

טוביה איז ניט געענדיקט. עס פעלן נאָך טוביהס צווי טעכטער, וואָס איינע פון זיי איז אין אַמעריקע און זי שיקט דעם אַלטן טאַטן אַמעריקאַנער „לאָקשן", ווייל ער האָט ניט פון וואָנען צו לעבן. ניט געענדיקט איז אויך מנחם מענדל. ווער עס מיינט אַז דער מנחם מענדל, וואָס איז געוואָרן אַ פשוטער, סתם אַ „מנחם־מענדל" צום לאַכן פון אים. אַ, ניין!

מנחם מענדל איז דער סימבאָל פון דעם לויפער, פון דעם אונטערגייענדיקן שטעטל. בויבעריק גייט אויס, ניטאָ מער דאָס יידישע שטעטל אין מיזרח־איראָפּע; דאָס יידישע פאָלק געזעגנט זיך מיט דער מולטער, מיט דער קאַץ אויפן פריפּעטשאָק און לאָזט זיך לויפן פון דעם אונטערגייענדיקן בויבעריק. מנחם מענדל איז אַ פּיאָנער, ער לויפט קיין אַמעריקע. צי ער קומט, צי ניט, זעלטן ווען פּיאָנערן דערגרייכן זייער ציל, אָבער זייערע אייניקלעך לערנען פילאָסאָפיע אין אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן.

טוביהס היים איז צעבראָכן. וווהין גייט מען אויף דער עלטער? מנחם מענדל לויפט, ער ברעכט האַלדז און נאַקן. ער איז דער פּיאָנער. שיינע שיינדל — יידישע טראַדיציע ציט אים צוריק. מנחם מענדל פילט אָבער דעם סוף. ער לויפט קיין אַמעריקע. די ערשטע אימיגראַנטן אין אַמעריקע, וואָס האָבן פון אַמעריקע געשיקט דאָלאַרן אין די שטעטלעך אַריין — די האָבן פון אַמעריקע אונטערגעהאַלטן דאָס יידישע לעבן אין די אונטערגייענדיקע שטעטלעך.

צו פרי איז שלום עליכם געשטאָרבן. ניט געבליבן קיין קדיש־זאָגער נאָך דעם יידישן שטעטל אין מיזרח־איראָפּע. ניט געקומען די אויפבויערס פון דער יידישער אַמעריקע. דאָס האָט געזאָלט זיין מאָטל פייסעס, פייסי דעם חזנס יינגל. אַ גאַנצע עפּאָפּייע דורות האָבן אָפּגעלעבט אין יידישע שטעטלעך אין מיזרח־איראָפּע און אויס! מער ניטאָ. ניט אַזוי גרינג קומט עס אָן אַט די עמיגראַציע, אָבער יידן טראָגן עס אַריבער, מען לעבט זיך איין, מען טראָגט מער ניט קיין וואַסער פון ברונעם, עס גייט וואַסער פון וואַנט. מען דאַרף ניט קויפן קיין פונט קעראָסין — אַ דריי אַ קנעפּל אויף דער וואַנט און „יהי אור" — עס ווערט ליכטיק. איר שפּילט זיך עפּעס מיט „אַמעריטשקע גנב"...

האָבן יידן געשלעפּט „פּושקאַרטס" איבער אַמעריקע, און די אייניקלעך לערנען פילאָסאָפיע אין אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן. און דער יידישער שרייבער האָט עס אַלץ געזען און גענומען באַשרייבן, האָט אָבער דער טויט צעשטערט אַלע פּלענער.

זיינען די דריי ווערק — טוביה דער מילכיקער, מנחם מענדל און מאָטל פּייסיס די ווערק, וואָס האָבן געדאַרפט פאַראייביקן דעם גרויסן איבערברוך אין יידישן לעבן. שלום עליכם האָט עס אָנגעהויבן צו געבן, באשר דער טויט האָט עס צעשטערט, בעוונותינו הרבים!! דערוויל איז נאָך ביי יידן ניטאָ קיין ממשיך, וואָס זאָל אָט די גרויסע עפּאָכע, די עפּאָכע פון יידישן איבערוואַנדער באַשרייבן, ניטאָ נאָך קיין ממשיך, ניטאָ נאָך אין דער ליטעראַטור.

מיר האָבן ניט קיין היסטאָרישע דענקמעלער, ניט פון שטיין און ניט פון אייזן. אַלע אונדזערע דענקמעלער זיינען אין וואָרט, און די וואָרט־דענקמעלער זיינען אויך ניט ווייניקער אייביק ווי יענע שטיינערנע. שטיינערנע אייביקע האָבן מיר בלויז פון כותל המערבי. זיי זיינען שטומע און זיי זיינען מיט אונדז ניט מיטגעגאַנגען, ווי עס איז יאָ מיטגעגאַנגען די גמרא פון בבל.

דער איבערגאַנג פון אַ קאַפּיטל תנ״ך צו אַ בלעטל גמרא איז ביי אונדז ניט נאָטירט. עס איז ווי אַ נאַטירלעכער איבערגאַנג. דאָס יידישע פאָלק האָט געלעבט אַן אייביקייט ניט מיט אַ קאַפּטל תנ״ך, נאָר מיט אַ בלעטל גמרא. דער ווייטערדיקער איבערגאַנג פון אַ בלאַט גמרא צו דעם היינטיקן תנ״ך פון אונדזער צייט איז ווייטער ניט פיקסירט. ער איז אָבער פאַראַן. דער איבערגאַנג פון אַ בלאַט גמרא צו טוביה דער מילכיקער איז ווידער ביי אונדז ניט נאָטירט, ניט פאַרשריבן, אָבער ער איז פאַראַן.

ווען איך לייען וועגן די גרויסע יידן אין אַמעריקע, זע איך מאָטל פּייסיס. דאָס איז ער אָדער זיינע קינדער. טוביה — דער לעצטער ייד פון בויבעריק, מנחם מענדל — דער וואַנדערער, וווהין גייט מען? גוואַלד, וווהין לויפט מען פון חורבן?

און מאָטל פּייסי איז דער נייער ייד פון די אַמעריקעס. שלום עליכם האָט עס נאָר אָנגעהויבן. צי וועט עס געבן די נייע יידישע ליטעראַטור? — גאָט ווייסט. מיר ווייסן נאָר אַז מיר דאַרפן עס האָבן. עס פעלט אונדז! דאָס חרובע שטעטל אין מיזרח־אייראָפּע, יתגדל ויתקדש טויזנט יאָר יידיש לעבן! דער גרויסער היינטיקער „לך לך" און מאָטל פּייסיס אין אַמעריקע — שלום עליכם האָט עס אַלץ אָנגעהויבן, אָבער דער טויט האָט זיך מקדים געווען. גאָר ניט אָנגעהויבן כמעט איז טוביהס אַ טאָכטער אין ארץ ישראל. זאָל דאָס זיין גאָלדע מאיר? אפשר זי, ווער ווייסט? שלום עליכם האָט אויפן קראַנקבעט ניט באַוויזן אונדז צו געבן אָט די גרויסע בלוטיקע מהפּכה אין אונדזער געשיכטע. צי וועט עס נאָך אונדז געגעבן ווערן אין אונדזער ליטעראַטור?

און פאַרן טויט, ווען די רייכע נשמה האָט זיך געראַנגלט מיטן שוואַכן גוף, ניט געוואָלט אַרויס פון געבענטשטן גוף, איז געקומען פאַר גאָט גבריאל המלאך — דער פאָרשטייער פון יידישן פאָלק, און ער האָט געפרעגט ביי גאָט לאמור, אַזוי צו זאָגן: וואָס טוסטו, גאָט? האָט גאָט געענטפערט דעם אַלטן אויסגעדראָשענעם ענטפער: גזירה היא מלפני — אַזוי האָב איך גוזר געווען, דעם אַלטן ענטפער, ווען קיין קלאָרער ענטפער איז ניטאָ.

אָט האָבן מיר זיי אַלע: טוביה — דער מאָנומענט פון חרובן שטעטל. איז טוביה געהאַמערט, איז אַן אייביקער דענקמאָל געהאַמערט אין ווערטער? איז מנחם מענדל — דער וואַנדערער. דער וואָס לאַכט בלויז פון מנחם מענדלען — דער פאַרשטייט אים ניט. דער פאַרשטייט ניט די היסטאָרישע ראָל פון מנחם מענדלען. שוין דאָס שטעטל איז ניטאָ. די טראַדיציע, די אייביקע טראַדיציע, שיינע־שיינדל ציט אים צוריק אין אַלטן שטעטל. מנחם־מענדל האָט כסדר אַלץ נייע און נייערע פּלענער און ער מוז סוף כל סוף לויפן. לויפט און ברעכט האַלדז און באַקן. ער האָט אָבער אויסגעטראָטן אַ וועג פאַר זיינע קינדער. זיי האָבן אין אַמעריקע אויפגעבויט אַ נייע היים פאַר יידן.

**ווען איך לייען וועגן די גרויסע** ייִדן אין אַמעריקע דערקען איך זיי: דאָס זייַנען דאָך אונדזער מאָטלס קינדער, ווען ער איז אויסגעוואַקסן. שלום עליכם האָט זיך פון זייַנע הויפּט־העלדן ניט געקאָנט שיידן, ניט געזעגענען זיך מיט זיי. ער איז צוזאַמען מיט זיי געגאַנגען פון דער וועלט. דער טויט האָט אים אָפּגעריסן פון זיי.

איך שרייַב גאָר ניט וועגן שלום עליכמס ביאָגראַפיע. שלום עליכמס ווערק זייַנען אַרייַן ווי אַן אָרגאַנישער גליד אין דער ייִדישער ליטעראַטור. די ערשטע תקופה פון ייִדישן פאָלק מיטן תנ״ך, די צווייטע תקופה מיט דער גמרא, און די דריטע תקופה מיט שלום עליכמס ווערק. מיר זייַנען דאָס פאָלק פון וואָרט. בראשית — פון אָנהייב איז געווען דאָס וואָרט. סע איז אַוועק דאָס מיזרח־אייראָפּעישע שטעטל, אַוועק קאַסרילעווקע, איז געבליבן שלום עליכם מיט זייַנע 3 הויפּט־ווערק: טוביה, מנחם און מאָטל.

דאָס ייִדישע וואָרט איז אייביקער פון שטיין. אויסער דעם כותל המערבי האָבן מיר ניט קיין שטיינערנע זכרונות. און מיר געדענקען! מיר לעבן מיט זכרונות. זיי זייַנען אייביקע. טייַער זייַנען אונדז די שטיינער פון כותל מערבי. אָבער ניט אין פאַרגלייַך מער פון זיי האָט אויפגעהאַלטן אונדזער קיום ניט די שטיינער פון כותל, נאָר דאָס וואָרט „אָמר אביי“.

אין שלום עליכמס ביאָגראַפיע איז וויכטיק פאַר אונדז דער פאַקט אַז ער איז ניט געווען קיין ליטוואַק. וואָלט ער געווען אַ ליטוואַק, וואָלט ער קיין שלום עליכם ניט געווען. אַ רב אין אַ שטעטל וואָלט ער געווען און דאָס ייִדישע פאָלק וואָלט ניט געהאַט קיין שלום עליכם, וואָס זאָל שטעלן אַ ייִדישן דענקמאָל דעם שטעטל, אַ דענקמאָל אין וואָרט. איך ווייס ניט ער היים וואָס האָט מער געהאָלפן דעם ייִדישן קיום: די הייליקע שטיינער פון כותל מערבי אָדער די פּאָר ווערטער: אָמר רבא, אָמר אביי. שלום עליכם איז צום גליק געווען אַ ייִד פון אוקראַיִנע. אין אוקראַיִנע איז דער הימל רייַנער, ניט פאַרלייגט מיט אומעטיקע וואָלקנס. אָבער צי שלום עליכמס שטעטל האָט געהייסן בויבעריק אָדער יעהופּעץ איז קיין אונטערשייד ניט. דער עיקר אַז אַ ייִד פון אוקראַיִנע, שלום עליכם, האָט געקאָנט לאַכן. מיר ליטוואַקעס קענען גאָר ניט לאַכן. וויינען קענען מיר, אָבער ניט לאַכן. שלום עליכם האָט יאָ געקאָנט לאַכן און מיר האָבן געירשנט דאָס לאַכן פון שלום עליכמען.

דאָס קענען לאַכן פון צרות, דאָס איז שלום עליכמס געלעכטער. וויינען פון צרות קענען מיר פון אייביק אָן. מיר האָבן תעניתים, ימים נוראים איבערגעגנוג, אָבער פרייען זיך, לאַכן פון צרות — דאָס האָבן מיר געירשנט פון שלום עליכמען. שלום עליכם האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ הומאָריסט; שלום עליכמס הומאָר איז אַ לאַכן פון צרות, אַ לאַכן מיט טרערן — דאָס איז דער ייִדישער הומאָר. וואָלטן מיר געווען אַ פאָלק ווי עס געהער צו זייַן, און ייִדישע קינדער וואָלטן גערעדט און געהערט תמיד ייִדיש, און דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן וואָלט געווען ייִדיש, ווי עס איז געווען אין דעם שטעטל, וואָלט שלום עליכם געווען אַ דערציִער פון ייִדישע קינדער, וואָלטן מיר געלעבט אַן אייגן לעבן, און מיר וואָלטן אַלע געקאָנט לאַכן פון צרות. און מיר דאַרפן עס. אוי! דאַרפן מיר קענען לאַכן פון צרות! עס וואָלט געווען דער ריכטיקער גאַנג: פון פאָלק צום פאָלקס־שרייַבער, און פון שרייַבער צוריק צום פאָלק. דאָס וואָלט געדאַרפט זייַן... מאַלע וואָס מיר האָבן געדאַרפט.

## דער נס שלום עליכם

מיר לעבן מיט נסים, פון נסים. דער עלטסטער קלאַסיקער אונדזערער, מענדעלע, האָט אָנגעהויבן, ווי אַלע משכילים, אין העברעיש, ניט פון לעבעדיקן ייִדישן פאָלק, נאָר אַ מין נאָכמאַכן דעם רוסישן שרייַבער, וואָס האָט אַ ראָמאַן „טאַטעס און קינדער“. איז עס טאַקע אַ ראָמאַן... שוין איין מאָל אַ ראָמאַן! ערשט נאָך אַ סך יאָרן, ווען מענדעלע האָט געלערנט ביי „ר׳ יודלען“ איז מענדעלע געוואָרן מענדעלע. אַוודאי איז אָבער מענדעלע געווען אַ טאָפּעלע פּערזענלעכקייט: אַ מענדעלע איז ער געווען נאָר ביי דעם שרייַבטיש. אין לעבן און אין שול איז ער געווען אַ „גאָספּאָדין“ אַבראַמאָוויטש. דער אייניקל אָבער, שלום עליכם, איז געווען נאָר אַ שלום עליכם, פיר און צוואַנציק שעה אין

מעת־לעת. האָט ער זיין גבירישקייט גיך געפּטרט, געלעבט פון שרייבן; מער ניט געוווסט פון גבירישקייט.

האָט שלום עליכם אָנגעהויבן פון זיין אַ „קאַזיאָנער ראַבינער". וואָס איז דאָס פאַר אַ מין פויגל? דאָס איז איינע פון די קאַריקאַטורן וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אונדז געגעבן: אַ רב צו שפּילן קאָרטן מיטן פּריסטאַוו. האָט שלום עליכם דאָס אויסגעפּרובירט און געשריבן העברעישע קאָרעספּאָנדענצן אין „המליץ" ביז ער האָט זיך באַפרייט פון די פאַרקרימענישן פון יידישן לעבן און איז געבליבן נאָר איינס, אַ שלום עליכם אין שריפט און אין לעבן.

מענדעלע איז געוואָרן מענדעלע ערשט שפּעטער, ווען ער האָט אָפּגעדינט די משכילישע עבודה זרה. ער איז געקומען צו העברעיש פון יידיש. שלום עליכם האָט די אומגליקלעכע משכילישע תקופה דורכגעמאַכט זייער ק ו ר ץ: געקומען פון פאָלק, גענומען פון פאָלק, אויסגעשיידט פון דעם אמתע קונסט און צוריקגעגעבן דעם פאָלק. דאָס איז דער נס שלום עליכם.

וואָלטן מיר געווען אַ נאָרמאַל פאָלק, וואָלטן אַלע יידישע קינדער זיך דערצויגן אויף שלום עליכמען. וואָלט עס געווען דער נאָרמאַלער קרייז: פון פאָלק צום קינסטלער, פון קינסטלער צוריק צום פאָלק... אַזוי וואָלט עס געדאַרפט זיין, אָבער... מאַלע וואָס עס וואָלט געדאַרפט זיין?

ביי מיר אויף דער וואַנט הענגט אַ בילד פון שלום עליכם. ער איז ביי מיר שוין אַ יאָר פופציק און באַגלייט מיך אין אַלע מיינע וואַנדערונגען: אין ווילנע, מקוה ישראל און בן שמן, וויניפּעג (קאַנאַדע), מעקסיקע און לאָס אַנדזשעלעס. די גלאָז האָב איך איין מאָל געמוזט בייטן, איך האָב אָבער ניט געביטן די ביליקע ראָם: דאָס בילד ווי עס איז — איז מיר אַ מתנה אַמאָל פון תלמידים אין סעמינאַר. דער סעמינאַר־קלאַס האָט געלערנט די פּראָבלעם גאַנצע ווערק אָדער פראַגמענטן פון אַ כרעסטאָמאַטיע. ווי אַ גאַנץ ווערק איז גענומען געוואָרן „דאָס מעסערל".

ווען איך בין איין מאָל געקומען פון סעמינאַר אַהיים (כ'האָב געוווינט ביי אַ שוועסטער), אַ זייגער 8 אין אָוונט, האָט מיר די שוועסטער געזאָגט, אַז עס זיינען געקומען צוויי סעמינאַריסטינס און עפּעס געבראַכט. עס ליגט אויפן טיש ביי מיר. געעפנט דאָס פּעקל, ערשט עס איז שלום עליכמס אַ בילד מיט אַן איינפאַכן רעמל. אויף דער לינקער זייט פון בילד — אַ פולע שריפטן פון אַלע סעמינאַריסטן אין קלאַס. די אויפשריפטן האָב איך באַלד אַראָפּגענומען און באַהאַלטן אין אַ לאַנגן בוך. אַזוי גוט באַהאַלטן, אַז איך קען עס ביז היינט ניט געפינען.

דאָס בילד הענגט ביי מיר אויף דער וואַנט, אין דער זעלביקער ביליקער ראָם — אַן אָנדענק נאָך אַמאָליקע אַרבעט־יאָרן.

ניטאָ יענע יידן וואָס האָבן געבויט יענע יידישע שולן; ניטאָ יענע יוגנט, ניטאָ אַזוינע שולן ווי מיר האָבן דעמאָלט געהאַט אין רוסלאַנד, ליטע און אין פוילן. און מיר דוכט זיך, אַז מיר האָבן אויך ניט יענע יידן, וואָס האָבן געבויט, אָפט מיט מסירת נפש, יענע שולן... איז דאָס שלום עליכמ־בילד אין פּשוטן רעמל ביי מיר אַ טייערער זכרון נאָך יענע יאָרן, יענער אַרבעט, יענע תלמידים, יענעם גלויבן.

---

## צו אונדזערע לייענערס:

מיר בעטן אייך איינצוצאָלן דעם חוב פאַר אייער יערלעכן אַבאָנימענט פאַרן „**חשבון**". אונדזער זשורנאַל שטיצט זיך דורכויס אויף אונדזערע לייענערס. אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר.

**די פאַרוואַלטונג**

רבקה סאַוויטש־גאָלאָמב

# אָבסערוואַציעס און רעפלעקסן

## I

... ער איז געזעסן דאָרט איינגעבויגן, דערשלאָגן און פאַרלאָרן אין איינעם פון די באַקוועמע פאָטעלן אין אַן אויפנאַם־צימער פון דער באַרימטער מאַיאָ־קליניק. אַזוי ווי נאָך אַנדערע פאַציענטן האָט ער געדולדיק געוואַרט שעהען, כדי אויפגענומען צו ווערן פון אַ גרויסן אויגן־ספעציאַליסט.

דער יונגער, איידל־געשניצטער פּנים פון דעם 20־יאָריקן בחור האָט פון צייט צו צייט געגעבן אַ צוק און זיך אויסגעקרימט אין אַ משונהדיקער גרימאַסע. ביי יעדן צוק פון פּנים האָט ער זיך אַרומגעקוקט פאַרלאָרן און מיט אַן אויסדריק פון אַ שולד־געפיל. דער קאָליר פון זיינע אויגן איז אוממעגלעך געווען צו באַשטימען, ווייל די ריזיקע שוואַרצאַפּלען האָבן צוגעדעקט די אויגן כמעט ביז די ווייסלעך.

אָבסערווירנדיק דעם בחור אַ לענגערע צייט, זיין הילוך, זיין אומזיכערקייט, זיין אופן פון זיצן, זיין צערודערטקייט און דאָס כמורדיקע צוקן פון זיין פּנים — דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן עפּעס אַ רחמנות־געפיל צו דעם יונגן בחור און אַ פאַרלאַנג אים צו העלפן מיט עפּעס.

מען האָט בפירוש געשפּירט, אַז ער איז ניט קיין אוניקום, קיין אויסנאַם, נאָר אַ פאָרשטייער פון אַ גאַנצער גענעראַציע בלאָנדזשענדיקע יונגע מענטשן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער פאַרקערפּערט און פּערזאָנאַפיצירט די אַלע עמאָציאָנעל־אויסגעשפּיגענע פון דער געזעלשאַפט; די צעטומלטע, די דורכפאַלן, די אַלע וואָס האָבן ניט געהאַט דאָס מזל אָדער אַמביציע זיך אַרויפצודראַפּען אויפן לייטער פון דערפאָלג. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס קריטישע אויגן פון אונדזער געזעלשאַפט קוקט אויף אַזוינע, לכתחילה, מיט פאַראַכטונג און פאַראורטיילט זיי אָן אַ משפּט, ווי גאָרנישטן, לא יצלחס און טויגעניכטסן.

* * * * *

די פּאַציענטן אין דער מאַיאָ־קליניק, ווי אין יעדער אַנדער שפּיטאָל, וואַרפן אַראָפּ פון זיך אַלע שלייערס, צודעקן און מאַסקעס וואָס מען טראָגט אויף זיך דאָס גאַנצע לעבן. דאָ זעט מען יעדן מענטשן אין זיין גאַנצער נשמה־נאַקעטקייט. ווען מענטשן זיינען אין אַ לעבנס־סכנה און שטויסן זיך צונויף פּנים אל פּנים מיטן טויט, זעען זיי אַלע ערדישע אַספּיראַציעס און שטרעבונגען ווי מיקראָסקאָפּיש־קליין; דאָס האַוועון און שמייען און אַלע געיעגן נאָך רייכקייט און דערפאָלג קומען אויס שווידערלעך נאַריש.

דאָ, אין די אומשטענדן און באַדינגונגען, ווערן מענטשן נאַטירלעך; זיי זיינען דאָס וואָס זיי זיינען — אינדיווידן אָן מאַסקעס. דאָ דאַרפן זיי ניט מאַכן קיינע שום אָנשטעלן; זיי דאַרפן ניט דערשטיקן דאָס אייגענע, אינטימע, כדי צו זיין „דער און יענער איינער, ווייל אַליין איז מען ניט קיינער.“

דאָ, אין דעם עמק הבכא, ריידן זיך מענטשן זייער גרינג אַראָפּ פון האַרצן; מען רעדט אָפן און אויפריכטיק. קיינער שעמט זיך דאָ ניט צו עפענען די קאָרטן און אַרויסברענגען פאַר ווילד־פרעמדע מענטשן אַלץ וואָס האָט במשך לאַנגע יאָרן געדריקט אויף דער נשמה. אַלע פאַרדרוסן, דורכפאַלן און חרפּות ווערן אַרויסגעשלעפּט פון די פאַרבאָרגענע טיפענישן פון דער אייגענער נשמה און מען שעמט זיך ניט צו דערציילן עס ביי אַן ערשטער געלעגנהייט.

אָבער ווען מען מאַכט אָפּ די אַלע סך־הכלען און מען דערזעט פּלוצלונג ווי נאַריש מען האָט געלעבט, ווי מען האָט אַ גאַנצן לעבן געטראָגן אַ מאַסקע, זיך פאַרשטעלט; ווי מען האָט כסדר דערשטיקט דעם אייגענעם איך כדי צו מאַכן אַ בעסערן איינדרוק אין דער געזעלשאַפט — ווען מען גיט זיך אָפּ דעם דין וחשבון, איז עס צום באַדויערן שוין כמעט תמיד צו שפּעט.

* * * * *

צום בעסטן האָט אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע געדאַנקען און געמאַכט די געהעריקע אויספירן טאַקע דער יונגער בחור,

וואָס האָט געדולדיק געוואַרט שעהען אויפן ספּעציאַליסט און וואָס האָט אויסגעזען אַזוי נעבעכדיק און צעטומלט.

ס'איז געווען זייער גרינג מיט אים צו פאַרקניפּן אַ שמועס וואָס איז כמעט תיכף געוואָרן אַ מאָנאָלאָג. זיינע געדאַנקען האָבן געשטראָמט ווי די וואַסערן אין אַ שפּרודלדיקן קוואַל. ער האָט גערעדט אָפן, פריי, אויפריכטיק און אומגעצוימט:

„כ'שעם זיך ניט מודה צו זיין, אַז איך בין אַ נאַרקאָטיקער און איך נוץ ל.ס.ד... ווען כ'האָב מיך געלאָזט לעצטנס אויף איינע פון מיינע האַלוצינאַציע רייזעס איז עפּעס געשען מיט מיינע אויגן. כ'האָב נאָך אָפּגעשניטן גוט, ווייל אַ חבר מיינער איז שוין צוריק ניט געקומען און מיין מיידל האָט געענדיקט אין אַ משוגעים־הויז. הייַנטיקע צייטן איז אוממעגלעך צו לעבן ערלעך, פשוט, האָבן אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען דעם אייגענעם פּאָטענציאַל, זיך באַנוגענען מיט ווייניק און זיין גליק־לעך. דער דרויסנדיקער דרוק און די פאָדערונגען פון דער הייַנטיקער פּסעודאָ־אינטעלעקטועלער געזעלשאַפט קענען אַ תל מאַכן און צעשטערן יעדן שמץ פון אינדיווידועלקייט פון דעם יחיד.

„כ'האָב געלעבט אין אַ היים ווו טאַטע־מאַמע זיינען געווען באַרימט און זיי האָבן געמאַכט אַן אומגעהויערן פאַרמעגן. זיי האָבן מיר געגעבן אַלע באַקוועמלעכקייטן וואָס מען קען קויפן פאַר געלט: די שענ־סטע הויז, די בעסטע פּריוואַטע שול, אַ קאַר פון נייסטן מאָדעל און וואַקאַציעס אין די טייערסטע רעזאָרט־ערטער. זיי האָבן מיר געגעבן אַלץ — אַלץ אַחוץ אַ ביסל גליק. מיינע עלטערן, פּונקט ווי זייערע פריינד, פּונקט ווי זייער גאַנצע געזעל־שאַפט האָבן אַלע מאָל געטראָגן מאַסקעס. זיי האָבן געפירט אַ צביעותדיק לעבן: מען האָט געשמייכלט ווען ס'איז גוט געווען פאַר ביזנעס; מען האָט איינגעלאַדן תמיד געסט אין הויז, אין וועמעס פריינדשאַפט מען האָט זיך גענייטיקט; זיי האָבן גע־טראָטן מיט די פיס און געטראָטן אַנדערע כדי זיך אַליין אויפצוהייבן העכער. זיי האָבן אַלע מאָל געמאַכט דעם אָנשטעל פון שפּילן עפּעס אַ ראָל, פון זיין וויכטי־קער, פּרעטענדירן אויף עפּעס העכערס ווי מען איז ווירקלעך געווען.

„און וואָס האָב איך געהאַט פון דעם גאַנצן לוקסוס און דער גאַנצער רייכקייט? קיין גליק זיכער ניט! עלנט, איינזאַמקייט — דאָס יאָ! איך האָב געבענקט, געלעכצט און געגאַרט נאָך אַ ביסל וואַרעמקייט, אויפמערק, ליבע. מיינע עלטערן זיינען אָבער געווען צו פאַרנומען מיט זייער דערפאָלג און מיט דער רדיפה נאָך מער עשירות. רייכקייט און באַקוועמלעכקייט האָבן מיר געהאַט איבער גענוג. — קיין גליק האָט אָבער אין אונדזער היים ניט געהויזט.

„כ'האָב געוואָלט מיין מאַמע זאָל מיך זען אַזוי ווי איך בין; זי זאָל דערפילן אַז איך האָב אַ נשמה, פּראָבלעמען, צערודע־רונגען... זי זאָל פאַרשטיין, אַז אַ גרויסע הויז, אָדער אַ גרויסע קאַר מיינט גאָר ניט פאַר מיר און עס גייט מיר ניט אין לעבן צו לערנען דווקא אין באַרימטסטן אוני־ווערסיטעט, זיין דער בעסטער סטודענט און לערנען אַ פּראָפעסיע וואָס מיינע על־טערן האָבן פאַר מיר אויסגעקליבן. איך ווייס, אַז איך האָב זיי פאַרשאַפט אַ סך ווייטאָג, חרפּות און בזיונות און ס'פאַר־דריסט מיר ניט. איך האָב געוואָלט עס זאָל זיי ווי טאָן. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן בכיוון און אין גאַנצן באַוווסט־זיניק. וויפל מאָל קען מען הערן דאָס כסדרדיקע נעגען: — פאַרוואָס ביסטו אַזאַ פוילער? פאַרוואָס האָסטו אַזוינע נידע־ריקע נייגונגען? קענסט ניט נוצן אַ ביסל מער דיין קאָפּ? נאָר נאַרישקייטן און שטותערייען האָסטו אין זינען! פאַרוואָס גייסטו אַרום אַזוי אָפּגעלאָזן און פאַר־שלומפּערט? נעם זיך אַראָפּ אַ מוסטער פון דעם, פיר זיך אויף דער, ווי יענער... טו דאָס, טו יענץ!

מיין מאַמע האָט מיך כסדר געוואָלט פורעמען אין איר געשטאַלט. איך בין אָבער אַן אַנדער אינדיוויד, מיט אַנ־דערע געפילן און פאַרלאַנגען און כ'האָב ניט געקענט דערשטיקן מיין אייגענע נשמה כדי צוליב צו טאָן מיין מאַמען און נושא חן זיין ביי אירע פריינד. איך בין זיכער, אַז איך בין ניט דער איינציקער. אַ סך יונגע מענטשן טראַכטן אַזוי ווי איך.

ווער דאַרף עס אַרבעטן שווער, זיך אויסהאָקן פון די כּוחות כּדי צו מאַכן אַ סך געלט? ווער וויל עס אַנטייל נעמען אין אַ זינלאָזער מלחמה, גיין און געהרגעט ווערן, אָדער בכלל פאַרקריפּלט ווערן אויפן גאַנצן לעבן? וואָס פאַראַ זינען האָט בכלל דאָס לעבן ווען די וואַסערשטאָף־באָמבע הענגט כּסדר איבער אונדזערע קעפּ?

„כ'האָב געזוכט תמיד ענטפערס אויף די אַלע דרינגענדע, וויטאַלע פּראָבלעמען; מיינע עלטערן זיינען אָבער ניט געווען באַוווסטזיניק וועגן דעם וואָס ברענט און ברענט ביי מיר אין האַרצן. כ'בין געוואָרן אַזוי צעטומלט, אַז כ'האָב זיך בכלל ניט געקענט קאָנצענטרירן און דאָס לערנען איז מיר ניט געקראָכן אין קאָפּ אַריין. מיין מאַמעס זאָרג פאַר מיר האָט זיך אויסגעדריקט נאָר אין אונטערשטרייכן כּסדר מיינע דעפעקטן.

„איך בין געוואָרן ווי צעמאָלן, פאַרלאָרן און כ'האָב בכלל ניט געוווסט מער ווער איך בין. ס'האָט אויסגעזען ווי איך וואָלט געווען ווי אַ שפּענדל אויפן ים, וואָס ווערט געוואָרפן פון די כוואַליעס אַהין און אַהער. כ'האָב געזוכט ענטפערס אויף די אַלע מאַטערנדיקע פּראָבלעמען און זיי ניט געפונען. כ'האָב געוואָלט אויסוויקלען דעם קנויל וואָס האָט געפּרעסט אויף מיין נשמה און ניט געוווסט ווי אַזוי. איינס בין איך געווען זיכער, אַז אפילו די געווינערס, די דערפאָלגרייכע, זיינען אויך ניט קיין גליקלעכע מענטשן.

„כ'האָב געפּרוווט געפינען דאָס אומשטערבלעכע אין זיך און ניט געקענט. האָב איך זיך געוואָרפן אין אַלע ריכטונגען. דער ערשטער וועג האָט געפירט צו אַלקאָהאָליזם. צו אַכצן יאָר בין איך שוין געווען אַ דערפאַרענער טרינקער. ס'האָט אָבער ניט געאַרבעט; דאָס טרינקען האָט ניט געשטילט מיין אומרו און מיין פאַרצווייפלונג. האָב איך זיך גענומען צו מאַריוואַנאַ. צו ערשט איז געווען וווּנדערבאַר צו שוועבן אין אַ ניט רעאַלער וועלט און ניט זאָרגן וועגן די אומעטיקע נעכטנס און די אומזיכערע מאָרגנס. ס'אַר אַ מערקווירדיקע איבערלעבונג דאָס איז צו טרעטן מיט די פיס און ניט אָנרירן דעם באָדן.

„די צרה איז אָבער וואָס נאָך יעדער האַלוצינאַציע־רייזע פלעגט אויף מאָרגן ביים אויסניכטערן זיך, קומען אַ שווידערלעכע דעפּרעסיע מיט עפּעס אַ מאָדנעם געפיל פון ליידיקייט און אויסגעהוילטקייט. און דער געדאַנק, אַז איך בין אַ קאָמפּלעטער דורכפאַל אין לעבן פלעגט ווידער נעמען עקבערן אין מוח.

„איך ווייס אַז איך בין געבוירן געוואָרן אין דער ניט ריכטיקער צייט. ס'איז צופיל שפּאַנונג היינט, זשעדנעקייט, פאַראורטייל און דעהומאַניזירונג. ערשט איצט איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז איך האָב ניט קיין שום צוקונפט, קיינע דערוואַרטונגען און האָפענונגען, קיינע שום אויסזיכטן. ביסלעכווייז האָב איך זיך אַריינגעפּאַסט אין דער פורעם און זיך צוגעוווינט צו דער ראָל פון אַ מאַרטירער און אַ טויגעניכץ. האָב איך געטאָן אַלץ צו אַנטלויפן פון אַלע לעבנס־פּראָבלעמען אויף וועלכע כ'האָב מיט צוויי יאָר פריער געזוכט אַ לייזונג. גיין אויף דעם וועג פון ל.ס.ד. איז געווען נאַטירלעך און כ'האָב זיך אָוועקגעלאָזן אָן קיינע שום מוראס. היינט, צו צוואַנציק יאָר, צאָל איך אָבער פאַר מיינע אַלע אַוואַנטורעס אַ טייערן פּרייז. אָט זיץ איך דאָ אין אין דער מאַיאָ־קליניק אַ האַלב בלינדער און מיין איינציקער פאַרלאַנג אין לעבן איז צו געווינען צוריק מיין ראיה."

* * * * * *

די קראַנקן־שוועסטער האָט אויסגערופן זיין נאָמען. דער שמועס, אָדער ריכטיקער דער מאָנאָלאָג האָט זיך געענדיקט. ער האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן און מיט אומזיכערע, וואַקלענדיקע טריט זיך געלאָזט אין דאָקטערס צימער.

• • • • • •

און ווער פון די יונגע, אַריינגערעכנט מיינע אַלע געוועזענע און שוין דערוואַקסענע תלמידים, וואָס האָבן אַזוי פיל טענות צו זייערע עלטערן און בכלל צום אַלטן דור — ווער וועט מיר ענטפערן אויף מיין פראַגע: „פאַרוואָס מיינען די דערוואַקסענע קינדער, אַז נאָר זיי האָבן פּראָבלעמען? פאַרוואָס באַשולדיקן זיי תמיד זייערע עלטערן אין אַלע זייערע דורכפאַלן? באַשר די עלטערן האָבן זיי

ניט גענוג פֿאַרשטאַנען און זיך ניט גענוג אַריינגעטראַכט אין אַלץ וואָס דריקט אויף זייערע קינדער. אפשר האָבן אויך עלטערן פּראָבלעמען וואָס זייערע קינדער האָבן פֿאַר זיי געשאַפֿן? האָבן דען די איי־גענע קינדער ניט צעשמעטערט און גע־שענדעט אַלץ וואָס ס'איז געווען הייליק פֿאַר זייערע עלטערן..."

זיי, די יונגע, האָבן צעטראָטן און צע־שטויבט אַלע ווערטן מיט וועלכע זייערע עלטערן האָבן געלעבט; זיי זיינען אַוועק און איבערגעלאָזן זייערע עלטערן צע־טומלט און דיסאָריענטירט.

אפשר דאַרפֿן אויך דערוואַקסענע קינ־דער פּרובירן זיך דערנענטערן צו זייערע עלטערן און פּרובירן מיט זיי זיך צו קאָמוניקירן?...

דער אַלטער דור איז פּונקט אַזוי אומ־זיכער, צעטומלט און פֿאַרלאָרן ווי די יונגע גענעראַציעס. ווען מען וועט זיך מער צוהערן איינער צום צווייטן וועט זיין גרינגער צו געפֿינען דעם וועג פֿון זיך פֿאַרשטענדיקן.

II

## אויך דאָס איז גבורה

ווי לאַנג קען איך זי?... שוין גאַנצע דרייסיק יאָר. און אַלט איז זי דעמאָלט געווען בסך הכל זעקס יאָר. איך געדענק ס'איז אַריינגעקומען אין קלאַס אַ קליינ־טשיק מיידעלע מיט אַ פּאָר פֿריילעך־לוס־טיקע, גרויסע, נייגעריקע, גרינע אויגן. אָנגעטאָן איז זי געווען אין אַ געקראָכ־מאַלט, קורץ, ראָזן קליידעלע, ווייסע שי־כעלעך און מיט אַן אויסגעבונדענעם ווייסן שלייף אין אירע ווייכע, זיידענע, ליכטיק־ברוינע האָר. כ'געדענק זי היינט, ווי דע־מאָלט. אין זכרון איז איבערגעבליבן דער איינדרוק פֿון אַ צאַרטער, דעליקאַטער, פֿאַרצעלייענער ליאַלקע.

כאָטש ס'איז שוין אַוועקגעלאָפֿן איבער אַ פֿערטל יאָרהונדערט און מיר האָבן זיך אַ שפּאָר ביסל יאָרן ניט געזען — איז דאָך צווישן אונדז געבליבן אַ וואַרעמע נאָענטקייט און אַ כסדרדיקער שריפֿטלע־כער קאָנטאַקט. עפּעס אומזעבאַרע נשמה־פֿעדים פֿאַרבינדן די געוועזענע לערערקע מיט איר אַמאָליקער תלמידה. זי טיילט זיך תמיד מיט איר לערערקע סיי מיט אירע פֿריידן, אַזוי אויך מיט אירע ליידן. כ'האָב זי עטלעכע מאָל באַזוכט און זיך אָדיך באַפֿריינדעט מיט איר מאַן און מיט אירע קינדער.

עס איז שוין ניט מער די פֿאָדערונג פֿון אַ תלמידה און די ליבע פֿון אַ לערער־קע. ס'האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט גי־כער אַ טיפֿע פֿריינדשאַפֿט צווישן אַן על־טערער חברטע מיט אַ סך אַ ייִנגערער; און נאָכן טויט פֿון איר מאַמען האָט זי זיך אומבאַוווסטזיניק גענומען אידענטיפֿיצירן מיט איר לערערקע ווי מיט איר מאַמען.

אין אַ געוויסן אָוונט, מיט פֿינף יאָר צוריק, האָט זי מיר אָנגעקלונגען פֿון אַ שפּיטאָל אין אַ ווייטער שטאָט. מיט אַ ציטער אין דער שטים האָט זי אַריינגע־שעפּטשעט אין דער טעלעפֿאָן־טרייבל, אַז זי מוז מיך זען און טאַקע תיכף, ווייל ס'וועט זיכער געשען עפּעס שרעקלעכס.

כ'האָב אינטואיטיוו דערפֿילט, אַז עס שפּילט זיך דאָרט אָפּ אין ווייטן שפּיטאָל אַ שוידערלעכע טראַגעדיע און כ'האָב באַשלאָסן גלייך צו פֿאָרן. מיטן עראָפּלאַן איז דאָך היינט קפֿיצת הדרך — בין איך שוין באַלד אין דער פֿרי געווען ביי איר אין שפּיטאָל. (אגב, ווען איך בין מיט 14 יאָר צוריק געווען אָפּערירט און געלעגן אין שפּיטאָל איז זי פֿון זייער אַ ווייטער שטאָט מיך געקומען באַזוכן).

כ'האָב זי געפֿונען אין אַ שפּיטאָל־צימער וווּ זי איז געלעגן ממש פֿאַראַליזירט פֿון שרעק. איר דיאַגנאָזיס איז געווען: אַ פֿאַרשפּרייטער קאַנסער אין דער הייב־מוטער. זי האָט עס נאַטירלעך אָנגענומען ווי אַ טויט־אורטייל.

„לערערקע, כ'בין היינטיקע נאַכט עט־לעכע מאָל צוגעגאַנגען צום פֿענצטער מיטן געדאַנק אַרויסצושפּרינגען פֿון פֿינפֿ־טן גאָרן און מאַכן אַ גיכן סוף. איך האָב געטראַכט: וואָס דאַרף איך פֿאַרשאַפֿן מיינע נאָענטסטע און טייערסטע אַזוי פֿיל עגמת נפֿש און נאָך דערצו זיי לאָזן הויל און נאַקעט? צו וואָס זאָל מיין מאַן פֿאַרלירן זיינע שווער פֿאַרהאָרעוועטע אָפּשפּאָרונ־גען פֿאַר אַן ענין וואָס מען ווייסט לכתחילה אַז ס'איז אַ דורכפֿאַל?

דאַן האָב איך אײַך אָפּגערופן כדי זיך מיט אײַך צו געזעגענען. און ווען מיר האָבן אַזוי גערעדט אויפֿן טעלעפאָן האָבן פּלוצלונג אויפֿגעטויכט אין מײַן זכרון שטיקלעך און ברעקלעך פון דעם אַמאָל געלערנטן. ס׳האָט מיט אַ מאָל אין מיר אָפּגעהילכט: לעבן איז הייליק, אפילו אַ טראָפּן בלוט איז לעבן. אַ מענטש איז באַשאַפֿן געוואָרן בצלם אלוהים, אין דער געשטאַלט פון גאָט איז ער באַשאַפֿן געוואָרן. איך בין אַ ייִדיש קינד און כ׳מוז שלום מאַכן מיט מײַן גורל. ווער בין איך און ווער האָט מיר געגעבן דאָס רעכט אַ סוף צו מאַכן פון מײַן לעבן וואָס איז מיר געשאָנקען געוואָרן במתנה. דורות ייִדן זײַנען געגאַנגען אויף קידוש השם — זיי האָבן אָבער ניט גענומען דאָס אייגענע לעבן אין זייערע הענט.

„מיט אַ מאָל איז דער דראַנג אַרויסצושפּרינגען דורכן פענצטער שוואַכער געוואָרן און כ׳בין פּעאיק געווען צו באַהערשן דעם דאָזיקן שוידערלעכן אימפּולס. כ׳האָב שלום געמאַכט מיט מײַן גורל און באַשלאָסן אָנצונעמען אַלץ פאַר ליב. אַ גאַנצע נאַכט בין איך געלעגן אין דער פינצטערניש און אונטערגעצויגן צו פינף און דרײַסיק יאָר דעם סך־הכל פון מײַן לעבן: כ׳האָב געהאַט דאָס גרויסע גליק צו האָבן טײַערע, האַרציקע עלטערן; אַן איבערגעגעבענעם, געטרײַען מאַן און צוויי געראָטענע, וווּנדערלעכע קינדער. דאָס איז אַ גרויס גליק, האָב איך געטראַכט, וואָס ניט יעדער איז צו דעם זוכה. וועל איך זיך אײַנבײַסן מיט צײַן און נעגל און פירן אַ ביטערן קאַמף און באַזיגן מײַן קראַנקייט.״

• • • • •

זי איז איבערגעקומען די אָפּעראַציע בשלום. נאָכן פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל האָט זי דורכגעמאַכט אַ סעריע פון 36 קאָבאַלד באַהאַנדלונגען. ווי נאָר זי איז געווען ביכולת צו שרײַבן האָט זיך אונדזער בריוו־אויסטויש צוריק באַנײַט.

דאָס זײַנען אָפּגעקליבענע אויסצוגן פון אירע מערקווירדיקע בריוו, געשריבן עטלעכע חדשים נאָך דער אָפּעראַציע:

„טײַערע לערערקע: איר זײַט געוויס זיכער, אַז כ׳בין שוין אימון צו מורא? הײַנט זיך גאָר ניט אָן. כ׳בין נאָך אַלץ דער זעלבער פחדן. מײַן פּאַראַליזירנדיקע שרעק, אַז איך האָב קאַנסער, קען איך נאָך אַלץ ניט בײַקומען. איך האָב עס אין זיך, אַרום זיך. איך פיל עס. איך קען עס אָנטאַפּן, איך קען עס שמעקן, איך ווייס דעם טעם פון דעם. כ׳גיי אָבער אָן מיט מײַן לעבן מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט שטאָלץ און ווירדע.״

„אין יענע שווערע, פײַגלעכע, שוידערלעכע טעג פון קאָשמאַר, שאָק, פּײַן און ווייטאָג, האָב איך זיך געגעבן אַ שבועה: אויב איך וועל זיך אַרויסקאַראַבקען פון מײַן קראַנקייט און אויסלעבן מײַנע געשאָנקענע יאָרן, וועל איך מער קיין מאָל ניט לעבן נאָר פאַר זיך. כ׳וועל מנדב זײַן מײַן גאַנצע צײַט צו העלפן אַנדערע. קודם כל וועל איך אַלעמען דערציילן, אַז מען קען גיכער שטאַרבן פון מורא פאַר קאַנסער, ווי פון קאַנסער גופא. הײַנט ווערט יעדער איינער פון דרײַ קאַנסער־קראַנקע קאָמפּלעט אויסגעהיילט. פאַרוואָס זאָל איך אויך ניט זײַן איינע פון די דרײַ? עס לעבן דאָך הײַנט אין אַמעריקע מער פון אַ מיליאָן מיט אַ האַלבן וואָס האָבן זיך קאָמפּלעט אויסגעהיילט פון דער מוראדיקער קראַנקייט. אפשר וועל איך און נאָך אַנדערע האָבן דאָס גוטע מזל?״

„כ׳האָב ערשט איצט אָנגעהויבן אויסאַרבעטן אין זיך די פעסטקייט צו זײַן צופרידן מיט קליינטשינקע טאָג־טעגלעכע פּאַסירונגען אין מײַן קלײנער וועלט. כ׳בין גליקלעך וואָס כ׳האָב דערגרייכט די מדרגה צו זען אונאָפּצושאַצן דאָס אמתדיקע, אייביקע און פּערמאַנענטע אין לעבן; דאָס איז מחוץ און איבער מאַטעריעלן דערפאָלג, עולם־הזהדיקע דערגרייכונגען און גאווהדיקע אַמביציעס. מײַן איצטיקער, פּלוצלונגדיקער געפיל פון קרובהשאַפט צו דער נאַטור און במילא צום אוניווערס האָבן צונישט געמאַכט מײַנע אַלע פריערדיקע נאַרישע פאַרדרוסן. ס׳איז גוט צו פילן דאָס פּולסירנדיקע לעבן אַרום זיך. ווען איך בין געשטאַנען דאָ ניט לאַנג בײַם אָקעאַן־ברעג און געקוקט אין דער אינסופיקער, אומבאַקאַנטער ווײַטקייט — האָב איך ס׳ערשטע מאָל אין מײַנע 36 יאָר דערשפּירט ווי נישטיק און זינלאָז עס זיי־

נען די רייסערייען און די קריגערייען אויף אונדזער כלומרשטער, גאָט־גע־בענטשטער ערד. ערשט דאָ, ביים ברעג פון דעם אומענדלעכן אָקעאַן, האָב איך ס׳ערשטע מאָל באַנומען די גרויסע סימ־פּאַגיע וואָס הייסט לעבן. איצט ווייס איך דעם זינען און די פריי פון הללו יה.״

„די גרעסטע גבורה ליגט ניט אין דעם אויסהיטן זיך פון שטרויכלונגען. אַ גיבור איז דער וואָס קען זיך יעדעס מאָל אַרויס־הייבן ווען ער ווערט געשטרויכלט. כ׳באַמי זיך און קעמף מיט זיך אַליין פאַרעקשנט כ׳זאָל ניט אַריינפאַלן אין יאוש. אַזוי פיל צער און יסורים האָבן געמוזט אויסאיי־דלען מיין נשמה, ווייל הייגט בין איך מסוגל אַריינצונעמען אין זיך אַן אַ שיעור פרייד און באַגייסטערונג.

„מערקווירדיק ווי מיין זינלאָזע, משונה־דיקע קראַנקייט, וואָס האָט מיך שיער ניט דערבראַכט צום אומקום און געמאַכט אַ סוף צו מיין יונג לעבן — די זעלבע סכנותדיקע מחלה האָט אויפגעוועקט אין מיר פאַרבאָרגענע גייסטיקע אוצרות.

„לערערקע, צו די צען געבאָט וואָס איך האָט מיט אונדז אַמאָל געלערנט אין שול און איך קען זיי נאָך עד היום אויף אויס־ווייניק — צו די צען געבאָט האָב איך איצט מיינע אייגענע זעקס געבאָטן:

● „זיין מוטיק און שטאַרק, ווייל מיינע נאָענטע נייטיקן זיך אין מיר.

● זיך באַנוגענען מיט ווייניק און זיין צופרידן.

● האָבן אַ פאַרשטענדעניש פאַר אַנדערע וואָס זיינען אפשר אין אַן ערגערער מערכה.

● זיין אויפריכטיק און אמתדיק, ווייל מיינע פריינד האָבן צוטרויען צו מיר.

● זיין ווילין זיך צו טיילן מיט אַנדערע וואָס האָבן ווייניקער פון מיר.

● זיין ענוותדיק, ווייל איך ווייס מיינע אַלע דעפעקטן און דורכפאַלן.

„מיינט איך ניט, לערערקע, אַז מיינע אייגענע זעקס געבאָט זיינען נאָך שווערער אָפּצוהיטן ווי די צען פון דער תורה?

„איינס קען איך אייך פאַרזיכערן, כאָטש איך בין אַ פּחדן האָב איך זיך דאָך אַרויס־געהויבן איבער אַלע אַנטוישונגען און פאַרצווייפלונגען; היינט קוק איך מונטער מיט האָפענונג און גלויבן צום אומבאַ־קאַנטן מאָרגן.״

* * * * * *

זאָלן די חשובע און ליבע לייענער אַליין משפטן, אויב דאָס איז ניט קיין גבורה און אפשר — „אויב ניט נאָך העכער.״

---


אין ליכטיקן אָנדענק פון

**פייגעלע פאַניץ ע״ה**

ווינטשן מיר אַלע יידן פון דער וועלט
אַ שנת שלום ושלווה.

**יוסף פאַניץ און משפחה**

**חיים לייב פוקס** / מאָנטרעאָל

# סאָנעטן צום אַלטן בדחן

## א.

אַ בדחן טייערער און האַרציקער, ערשטער יידישער פּאָעט.
דיין צער גרייכט טיף אין מיר אַריין. דאָס קול פון דיין טרער
הער איך אין מיין בלוט. עס רוישט און רוישט דאָרט שווער.
אַ, נע־ונדנער, יידיש־זינגער, גיב אַ שטילן גלעט!

איך וואָלט געגאַנגען איצטער אין אַ פּעכט־געוועט:
ס'זאָל עמיץ טרעפן, זאָגן דיר דיין האַרץ־באַגער:
— גיי פרעג: צי וואָלט עמיץ אָפּגעגעבן פאַר דיר אַ טרער,
צי אַ שמייכל, ווען דיין האַרץ אַ שמייכל גאַרט און בעט?

אַ, גיב די הענט און טוליע פעסטער, ברודער פון איין שטאַם —
אַראָפּגעוואָרפענע, ווי נפילים, מיר, פון הימלען אויף דער וועלט!
ס'איז טונקל אונדזער פלאַך, נאָר אין טיפער־טיפעניש, עס העלט!

זינג לוסטיק, ברודער! פריי זיך מיט דיין ליד און פּיין —
עס מוזן אַלע מענטשן־קינדער שטיל נאָך אונדז אין רייען גיין,
ווי אַלע טייכן מוזן לויפן צו דעם האַרץ פון ים!...

## ב.

נישט טרויער, יידיש־שרייבער, ווען דיין וואָרט ווערט איינגעשטילט.
וואָרף עס ווי אַ קערנדל, וואָס דער ווינט פאַרשפּרייט.
עס האָט דער האַר מיט דיר זיין וועלט פאַראַקערט און פאַרזייט,
מיט זיין ליד דעם תהום געוועקט אויף די סטרונעס פון געפיל.

איך האָרך זיך איין אין יידיש וואָרט. עס טרעפט און צילט
אין האַרץ אַריין און ברענגט מיר טרייסט און פרייד.
ציר איך אָן זיך אין מיין ליד, ווי אין אַ יום־טוב־קלייד
און שוועב מיט אים ווי אויף אַ וואָלקן וואָס זינגט און שפּילט.

טאָ זינג צו מיר, אָ בדחן האַרציקער, ליב־יידישער פּאָעט.
ווי אַ יידישע כלה, איז ריין און טריי דיין יידיש וואָרט.
אין מסתּרים־ווינקעלע פון גאָט, עס איז דיין היכל־אָרט.

טאָ פיר מיך בעת נעילת־שער. איך הער די שטילקייט רעדט
און הער, ווי עס דאַוונט אויך דער האַר צו דיר און בעט:
אַז דערפרייען זאָלן מיר זיין וועלט דורך זיין יידיש וואָרט!

ד״ר ישראל שטערן / מאָנטרעאַל

# יידיש און וועלטלעכקייט

אין מזל לישראל ואין מזל ליידיש. דער ביטערער מזל פון יידיש איז ווייל באַקאַנט. איר געראַנגל פון „זשאַרגאָן" צו יידיש, פון אַ שפחה צו דער מדרגה פון אַ רעס־פּעקטירטער אָדער טאָלערירטער קולטור־שפּראַך, איז פיל מאָל באַשריבן געוואָרן. וועגן דעם מצב פון יידיש היינט וועל איך דאָ נישט מאריך זיין. גענוג צו זאָגן, אַז יידיש קעמפט פאַרן בלויזן לעבן. נאָך דעם ווי זי, מיט איר פאָלק צוזאַמען, איז אַזוי אַכזריותדיק פאַרשטומט געוואָרן אין מזרח־איראָפּע; נאָך דעם ווי זי איז במזיד ובשוגג דערשטיקט געוואָרן אין די מיי־לער פון יונגן דור, אין אַנדערע יידישע תפוצות; נאָך דעם אַלעם, איז יידיש אין צושטאַנד פון פּערמאַנענטן קריזיס. די כוחות פון ווידערשטאַנד, קיום, און, ווער שמועסט נאָך, המשך, זענען שוואַך און צעשטויבט.

לעצטנס האָבן זיך געיאַוועט יידיש־פאַרזאָרגערס פון די הויכע פענצטערס. זיי מאַכן אַן אַרום זיך אַ רעש און אַ ווינט, זיי שפּרייטן שמייכלען, גרונטלאָזן אָפּטי־מיזם און פירסום. דערין באַשטייט פאַק־טיש זייער גאַנצע טעטיקייט לטובת יידיש. אַנדערע ווידער, לאַנגיאַריקע אונטערגרע־בערס און באַגראָבערס פון יידיש, זענען פּלוצעם געוואָרן די אומגעבעטענע פאַר־זאָרגערס און אַפּוטרופּסים פון יידיש. זיי יאָגן זיך אַוודאי נאָך דעם שכר מצוה און ברענגען דעם „בר־מינן" לקבר ישראל... דאָס איז דאָך, כידוע, אַ יידישלעכע מידה און טראַדיציע...

דאָ וויל איך זיך אָבער נאָר אָפּשטעלן אויף איין אומגליקלעכער היסטאָרישער אידעען־פאַרבינדונג — פון יידיש מיט וועלטלעכקייט. די אַשכנזישע יידישע מאַסן, וועלכע האָבן אויסגעהאַמערט די יידישע שפּראַך, און אַריינגעטריפט אין איר זייער זאַפט, האַרץ און נשמה, איז אַזאַ פאַרבינדונג זיכער אויפן זינען נישט געקומען. אין אונדזערע טעג קען מען זיכער אָפּגרענעצן פון אַזעלכע כוונות דעם חסידיש־פרומען, דעם נאַטירלעכער־הייט יידיש רעדנדיקן לאַגער.

אָבער דער לאַגער וועלכער האָט אַרויס־געשטעלט יידיש ווי אַ קאַמף־פאָן — דער סאָציאַליסטיש־פאָלקסיטישער לאַגער — ד ע ר האָט גערעדט וועגן יידיש־וועלט־לעכע שולן, וועגן יידיש־וועלטלעכער קולטור, אד״גל. במשך פון צוויי־דריי דורות האָט יידיש, וואָס אמת איז, גענאָסן פון דער דאָזיקער אידעען־באַהעפטונג. איר אויפבלי איז פאַרגעקומען איינצייטיק מיט דעם קורץ־דויערנדיקן צעבלי פון דער סאָציאַליסטיש־פאָלקיסטישער באַ־וועגונג. אָבער איצט ליידט זי פון דער דאָזיקער קונסטלעכער באַהעפטונג. ווייל דער סאָציאַליסטיש־פאָלקיסטישער לאַ־גער עקזיסטירט כמעט נישט מער. און, דאָרט וווּ ער זשיפּעט נאָך, דרייט ער זיך אַרום ווי אַ שאָטן פון זיין אַמאָליקן נעכטן: אויסגעליידיקט פון נייע אידעען און אומ־געטריי צו די וועלכע ער האָט צוריק מיט אַ דור אַזוי פייערלעך געדינט... מיט רייד...

סאָציאַליסטן, פאָלקיסטן, פון אַלערליי שאַטירונגען, האָבן גרינג פאַרבויגן כל־ערליי פּרינציפּן, האָבן זיך באַרייכערט כדבעי; חלילה ניט אָפּגעשטאַנען פון גאַנצן מיטלקלאַס. וועגן איין פּרינציפּ נאָר פּרעפּ־לען זיי נאָך אַלץ — ווי פּרצעס אַרענדאַר... פון קאַשמאַר אַרויס, ליגנדיק אויף דער הקדשדיקער נאַרע — וועגן איין זאַך פון זייער געוועזענער גדולה, וועגן וועלטלעכ־קייט. מיטן יידישן גאָט, הייסט עס, זענען זיי נאָך אַלץ נישט שווה בשווה...

דאָס הייסט, לוקסוס בר מצוות, וואולגאַרע חתונות און שמחות פּראַווען זיי גלייך מיט אַלעמען. מען שמעקט אפילו אַריין אין אַ סינאַגאָגע אָדער טעמפּל, ווייל... מען וווינט דאָך אין דער גילדענער געטאָ — סובורביא. אָבער ווען מען קומט צו זיך אַהיים — דאָס הייסט, צום אַרעמען ביסל יידיש — איז מען מקפּיד על טהרת הוועלטלעכקייט און מען איז אומצופרידן וואָס זי ווערט פון דאָרט אַרויסגעשטויסן

דורך אַ לאַקריץ־זיסער און באַקוועמער „אהבת ישראל“...

## ב.

יידיש־וועלטלעך באַטייט נישט דאָס זעלבע ווי סתם וועלטלעך. קען דאָך אַ העכסט פרומער ייד זיין גלייכצייטיק אַ וועלטלעכער מענטש. דאָס ספרדישע יידנטום, אין זיין העגעמאָניע פעריאָד, בפרט אין דער צייט פון דער גאָלדענער עפּאָכע אין שפּאַניע, האָט קולטיווירט וועלטלעכע פּאָעזיע, פילאָסאָפיע און וויסנשאַפט. אויך אונדזער אַשכנזישער שבט, אין מיטלאַלטער און אויך שפּעטער, האָט געהאַט אַ וועלטלעכע זייט פון פאָלקסלעבן. עדות דערויף זענען אַלערליי פאָלקסשפּילן, פאָלקס־ליטעראַטור, ווי אויך זיינע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמעס און פּאָליטיק כלפּי חוץ.

די מאָדערנע יידישע וועלטלעכקייט איז אָבער אַן אידעאָלאָגיע, באַזירט אויף ראַציאָנאַליזם און אויף אַ געוויסער פאַרעלטערטער פילאָסאָפיע פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט. זי איז אין תוך אַ קינד פון דער השכלה. און הגם דאָס אַקצענטירן דאָס יידיש־נאַציאָנאַלע האָט געזאָלט זיין אַ גאַראַנטיע קעגן דעם ביטערן שמד־ און אַסימילאַציע־סוף פון דער השכלה, דראָט אויך דעם יידיש־וועלטלעכן לאַגער די סכנה פון יורשימלאָזיקייט. די יידיש־וועלטלעכע באַוועגונג האָט — ווי די רוסישע שיינהייט ביי דאָסטאָיעווסקין — זייער איבערראַשנדיק און פּראַקטיק אויפגעבליט, און שנעל פאַרוועלקט געוואָרן.

דער באַגריף וועלטלעכקייט, אין דער וואָרט־באַהעפטונג יידיש־וועלטלעך גייט דורך אַ גאַמע פון אויסטייטשונגען. מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט באַטראַכטן עטלעכע פון זיי.

אַנדערש ווי ביי די קריסטן, ביי וועמען „וועלטלעך־סעקולער“ איז אַלץ וואָס ליגט נישט אונטער דער השגחה פון מאָנאַכישע אָרדנס — דער געוויינטלעכער גלח איז ביי זיי שוין אויך סעקולער — ווערט דער באַגריף פאַרשטאַנען ביי אונדז. וועלטלעכקייט האָט ביי אונדז געקראָגן אַן אויסטייטשונג אַן אַטעאיסטישע, אין מילדערע פאַלן, אַן אַרעליגיעזע, אַ וועלטלעכער ייד האָט זיך דיין גלויבן, זיין אַטעאיסטישן גלויבן, וואָס איז באַזירט אויף אַן איינגעגלייבטקייט אין „וויסנשאַפט“ און „פּראָגרעס“. נישט אָן אַ געוויסער מאָס גאווה האַלט ער זיך פאַר אַ מאָדערנעם, ראַציאָנאַלן מענטש. דער דאָזיקער גלויבן האַלט זיך נאַטירלעך אויף געוויסע הנחות (מען קען אפילו זאָגן, דאָגמעס). ההיינו, אַז די פילאָסאָפישע באַזע פון דער וויסנשאַפט איז סאָליד גענוג, כדי אויפצוהאַלטן אַ שכלדיקן גלויבן אין איר; אַז „פּראָגרעס“ איז עפּעס אַ ממשות — נישט קיין פיקציע; אַז דער מאָדערנער מענטש איז דער געזימס אויף אַ מענטשן־טורעם, אויסגעטאָקט דורך, און במשך, דעם לאַנגן פּראָצעס פון עוואָלוציע, און נישט די נאַרישע איינרעדעניש בלויז פון סוף 19טן און אָנהייב 20טן יאָרהונדערט.

דער וועלטלעכער ייד פון דעם טיפּ אַנאַליזירט נישט זיינע הנחות פון דאָס ניי, אין ליכט פון אַרויסרופערישע דערשיינונגען, וואָס זיינען עלול צו צעשמעטערן דעם דאָזיקן פונדאַמענט. פּונקט אַזוי וויל ער נישט זען, אַז דאָס באַהעפטן וועלכע עס איז יידישקייט צו אַזאַ וועלטקוק, איז אַ קינסטלעכע איבערפלאַנצונג פון מזרח־אייראָפּעישע מינדערהייט־נאַציאָנאַליזמען אין ספּערעס וווּ זיי פּאַסן זיך ווי אַ פּאַטש צו גוט־שבת.

האַלטנדיק זיך פאַר רעאַליסטן, מוזן די דאָזיקע יידן באַגרייפן, אַז דאָס לעבן בכלל און דאָס יידישע לעבן בפרט לאָזט זיך מער נישט אַריינפּאַסן אין די ראַמען פון זייער „גלויבן־אומגלויבן“. און אַזוי ווי מיטגיין מיטן שטראָם פון לעבן איז דאָך אַן עיקר ביי זיי, ווערן זיי דעריבער פאַרביטערט, סעקטאַנטיש — על ה׳ ועל משיחו. אָבער, אין דעם ליגט אויך אַ טרייסטנדיקע, ביטער־זיסע סאַטיספאַקציע...

אגב־אורחא, לאָמיך דאָ באַמערקן: די אויפפאָדערונג ביי די אַמעריקאַנער נעגערס, וועלכע זענען, אין זייער קאַמף פאַר רעכט, אַריבער פון אַ שטרעבונג צו פולער אינטעגראַציע צו אַ פאָדערונג פון אַ ראַדיקאַלן קולטור־סעפּאַראַטיזם; ענלעכע פאָדערונגען צווישן די פּאָרטאָריקאַנער, טשיקאַנאָס, אינדיאַנער און אַנדערע מינדערהייטן; און די שריט וואָס זענען גענו־

(המשך אויף זייט 27)

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# יידישער נאַציאָנאַל פאָנד
# אניואיטי פאנד

## איר קענט האָבן
## אַן איינקונפט אין משך פון אייער לעבן
### מיט אַ צוגאָב פון אַ בונד מיט ישראל

עס איז אייער אינטערעס זיך באַלד איינצושאַפן
אַ לעבנסלענגלעכע נאַציאָנאַל-פאָנד אַניואיטי-הכנסה
און העלפן זיך אַליין דורך העלפן מדינת ישראל!

✡

שניידט אָפּ דעם קופּאָן און שיקט עס דורך פּאָסט
פאַר וויטערדיקער אינפאָרמאַציע:

אברהם שפּיגעל, קאונסיל פּרעזידענט • טעלעפאָן: 655-8100

---

**MR. FRED KAHAN, Executive Vice-Pres.**

# JEWISH NATIONAL FUND

**Western Region, Jewish National Fund**

**6420 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90048**

*Yes, I am interested in helping the Land of Israel while obtaining an income for life. Please send me more information about the Jewish National Fund Annuity Trust.*

Name............................................................................................

Address........................................................................................

City..........................................................Zip Code.........................

(המשך פון זייט 25)

מען געוואָרן כדי די דאָזיקע פאָדערונגען צו באַפרידיקן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין קאַנאַדע; דאָס אַלץ צוזאַמען האָט ווידער געגעבן אַן אָפּמינטערנדיקע איינשפּריצונג דער טעאָריע פון קולטור־פּלוראַליזם. צווישן דעם רעשטל פון יידיש־וועלטלעכן לאַגער האָבן זיך ווידער געלאָזט הערן קולות פון פאַפירענעם אָפּטימיזם און פוסטער האָפענונג, אומבאַגלייטע מיט ממשותדיקע מעשים.

עס מוז אָבער פאַרשטאַנען ווערן, אַז די יידישקייט־פּראָבלעם איז לגמרי אַנדערש פון די קולטור־פּראָבלעמען — טייל מאָל קינסטלעך אויפגעבלאָזענע — פון די אַנדערע פעלקערשאַפטן. דעריבער איז דאָס אָנכאַפּן זיך אָן די דאָזיקע טענדענצן געגליכן צו אַ טרינקענדיקנס אָנכאַפּן זיך אָן אַ שטרוי. מען מעג און מען דאַרף אפשר אויסנוצן די דאָזיקע אַנטוויקלונגען לשם מוסר און פּראָפּאַגאַנדע. אָבער אָנשפּאַרן זיך אויף זיי, בויען אויף זיי, קען מען נישט. אונדזערע היסטאָרישע דערפאַרונגען און אַנדערשקייטן — און נישט פאַרבייגייענדיקע דערשיינונגען — מוזן פאָרמירן דעם אויסגאַנג־פּונקט פאַר באַטראַכטן אונדזערע פּראָבלעמען, און דעם באַזיס פאַר אונדזערע קולטור־קיום און המשך־ווערק.

אַן אַנדער שטרעמונג צווישן געוועזענע וועלטלעכע יידן גייגט דעם טראָפּ אויף אינטעגראַלער יידישקייט — פון אברהם אָבינו ועד... טוביה דעם מילכיקן. די דאָזיקע גרופּע האָט זיך שוין, ביז אַ געוויסער מאָס, דערהויבן איבער לאָקאַלער צייט און פּראָווינציאָנעלן אָרט. זי לעבט אין דער צייט פון ישראל סבא — שפּרינגט נישט אַריבער קיין תקופות. דעריבער קריגט ביי איר יידיש אַ באַרעכטיקטן פּלאַץ אין כוללדיקן ירושה־אוצר. די דאָזיקע שיטה איז באַהויכט פון טיפער און ברענענדיקער אהבת ישראל אין... אַבסטראַקציע. דאָס הייסט: ליב האָט מען דעם כלל־ישראל פון דער פאַרגאַנגענהייט — בפרט פון דעם מזרח־אייראָפּעישן נאָענטן עבר, ווי ער מאָלט זיך אויס אין אַ ליטעראַריזירטער ראָמאַנטישער קאָנסטרוקציע — און אַ ביטערן פאַרדרוס טראָגט מען קעגן ר' ישראל דהשתא, וועלכער איז פורק עול יידיש ויידישקייט. אין דעם פּרט היטן זיי די היסטאָרישע טראַדיציע פון די נביאים, וועלכע האָבן אויך אי געריסן פאַסן פון די זינדיקע יהודה ושומרון, אי באַזאַלבט מיט באַלזאַם פון גלעד דאָס פאַרוואונדעטע לייב פון דער אָרעמער, באַליבטער כנסת ישראל.

נישט נאָר די תורה און די הלכה, נאָר אויך דער גאָט פון ישראל איז, לויט דער שיטה נאָך, די יצירה פון עם ישראל. דאָס פאַרגרעסערט נאָך ביי זיי דאָס געפיל פון נאַציאָנאַלער אייגנליבע. דאָס יידישע פאָלק, זיין שפּראַך (שפּראַכן?) זענען די ברענפּונקטן פון די נאַציאָנאַלע געפילן און עמאָציעס פון דער שטרעמונג. הויכע געפיל־שפּאַנונג איז דער סימן־מובהק פון דער דאָזיקער גרופּע. אָבער, פון דעם אַלעם בלייבט הענגען אַ פריקרער ווידערקול פון אַ גרויליק־באַוווסטער „בלוט־און־באָדן" עבודה־זרה, אָדער פון אַ געצנדינערישן, הומאַניסטישן, פאָלקס־נאַרציסיזם.

נאָך אַן אַנדערן צוגאַנג צו איבערגעניצוועטער וועלטלעכקייט באַגעגנט מען ביי אַ גרופּע, וועלכע, הגם זי איז נישט מעור אחד, האָט זי דאָך עפּעס שותפותדיקס וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר איר. די שטרעמונג, גלייך ווי די ערשטע, אָפּערירט אויך מיט שכלדיקע קאַטעגאָריעס. אָבער זי טוט דאָס מיט אַ סטיל פון סטאַטעטשנער איינגעהאַלטנקייט און בנימוסדיקער געהיטקייט. זי איז מער אַמעריקאַניזירט פון די אַנדערע אויבנדערמאָנטע גרופּעס, און דעריבער — מער פּראַגמאַטיש. אימיטירנדיק דעם אַמעריקאַנעם מיטלקלאַס, ביי וועמען די אַפיליאַציע מיט אַ קירכע איז אַן אָנגענומענער סימן פון באַלעבאַטישער סאָלידקייט, זוכט זי אַ וועג צוריק צו אַ סאָרט רעליגיעזן לעבן. צוליב איר עבר און אָפּשטאַם, מיינט דאָס ממילא אַז זי זוכט דעם וועג צוריק צום היסטאָריש־יידישן דרך, אין די היינטיקע באַדינגונגען. דערביי וויל זי חלילה נישט אָנטרעטן אויף די הינעראויגן פון אַלערליי געטשקעס — ווי וויסנשאַפט, פּראָגרעס און מאָדערניזם. נאַטירלעך, אַז אין די אויגן פון דער גרופּע זעען דאָס נישט

קיין געטשקעס, נאָר פּאַרקערט, עמאַנאַציעס אָדער אָפּשפּיגלונגען פון דעם דערהויבנסטן „טראַנסצענדענטאַל־אין־מיטן" — לויט דער טערמינאָלאָגיע פון פּאָול טיליך.

מען גנבעט אַריין אַ ביסל טראַדיציע, מען זוכט אפילו אַן איידעלן ריטואַל, אָבער איידער מען טוט עפּעס דאַרף מען זיך פריער באַזאָרגן מיט אַ הכשר פון דער וויסנשאַפט, סאָציאָלאָגיע און מאָדערנער פילאָסאָפיע פון רעליגיע, לויט דער לעצטער מאָדע. מען וויל זיך פּאַרקניפּן מיטן אוניווערסאַלן ישראל־סבא, מען וויל זיך אַ ביסעלע אָנוואַרעמען מיט רעליגיע, אין וועלכער עס איז קוים צו פאַרזוכן דעם גאָט־עלעמענט, און... מען בלייבט געפרוירן, קאַלט. גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס איז געגוג פאַר איבערציוויליזירטע מענטשן...

די אויבן באַשריבענע דריי דוגמאות שעפּן נישט אויס דעם גאַנצן ספּעקטער פון די צעשפּליטערטע רעשטלעך פון געוועזענעם יידיש־וועלטלעכן לאַגער, אָבער איך וועל זיך מיט זיי באַגנוגענען, ווייל דער טראָפּן שפּיגלט אָפּ דעם ים.

## ג.

די וויסנשאַפט און איר צווילינג־שוועסטער די טעכנאָלאָגיע, זענען די צום מיינסטן דערפאָלגרייכע מענטשלעכע אונטערנעמונגען פון אונדזער עפּאָכע. אַזוי זעט עס אויס אויבנאויף. דאָס איז דער איינדרוק ביים מענטש פון גאַס, און דער עיקר ביי די וועלכע האָבן אַ קנאַפּע אַנונג אין תוך און אין דער פילאָסאָפיע פון דער וויסנשאַפט. און אַזוי ווי קיין זאַך איז נישט אַזוי מצליח ווי הצלחה, שטייען פיל מענטשן, אינטעלעקטואַלן צווישן זיי, מיט גרויס יראת הכבוד פאַר דעם אָפּגאָט פון וויסנשאַפט און טעכנאָלאָגיע. די רעליגיעזע פירערס, וועלכע זענען וואַך צו דעם גייסט פון דער צייט, אָדער זיי הרגענען זייער גאָט לחלוטין, אָבער זיי זוכן כאָטש דורך פאַרשיידענע געשליפענע פילפּולים, אַ הכשר פאַר זייער אמונה. דער רעזולטאַט איז מערסטנס טראַגי־קאָמיש. אַ רעליגיע, וואָס זוכט הכשרים, ווערט אַ נעבעכדיק געצנדינסט, וואָס האָט נאָך דערצו אַ פּנים פון חוזק. נאָך וואָס נייטיקט מען זיך אין דעם צווייטראַנגיקן, ווען מען קען דינען דעם ערשטקלאַסיקן הכשר־געבער דירעקט?

דאָ איז נישט דאָס אָרט אַריינצוגיין אין אַ דעטאַליזירטער אָפּהאַנדלונג פון דער פילאָסאָפיע פון וויסנשאַפט. עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז איינע פון די הויפּטסימנים פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט איז געווען דאָס פּאַרבייטן די טעלעאָלאָגיע — אַ צום־ציל באַוועגונג — מיט סיבהדיקייט (קאַוזאַליטעט). איצט איז דער עצם באַגריף „סיבה" (און „רעזולטאַט") זייער פּאַרנעפּלט (אויב נישט אין גאַנצן פּאַרלייקנט) אין דער וויסנשאַפט. דער באַגריף איז אָבער אַזוי אַמענדירט געוואָרן, אַז דעטערמיניזם האָט פּאַרלאָרן דעם באָדן, אָדער, דער באַגריף ווערט אין געוויסע זוויסנשאַפט־צווייגן לחלוטין מער נישט באַנוצט. איינצייטיק זענען אויך פּאַרשוווּנדן אַנדערע סימנים פון וויסנשאַפט, ווי בילדערישקייט און מאַטעריאַליזם.

די פּאַרשטעלונג דורך מאָדעלן פון געוויסע פענאָמענען און די באַשרייבונג פון חומר ווי מאַטעריעלע קייקעלעך איז מער נישט מעגלעך. דער צווייג פון קוואַנטום־מעכאַניק באַנוגנט זיך מיט מאַטעמאַטישע פאָרמולען, אָפּזאָגנדיק זיך פאַרצושטעלן דורך וועלכן עס איז מאָדעל די פיזישע ווירקלעכקייט וואָס זיי רעפּרעזענטירן.

דאָ קומט אַריין די באַוווּסטע מחלוקת צווישן נילס באָר און אַלבערט איינשטיין וועגן דער אויפפירונג פון עלעמענטאַרע טיילעכלעך, אין אַטאָמישער פיזיק; ווו עס איז אוממעגלעך צו מעסטן פּאָזיציע און געשווינדקייט איינצייטיק; ווו עס באַווייזט זיך אויך דאָס פּראָבלעם פון דער השפּעה פון דעם אָבסערווירער — מעסטער — אויף דעם פענאָמען וועלכן ער שטודירט, אַ מין סוביעקטיוויזם אין פיזיק, רחמנא לצלן... (עס קומט אויפן זינען די אַנאַלאָגיע מיט קונסט. מען דאַרף די אַנאַלאָגיע נישט נעמען צו גענוי, אָבער טייל פילאָסאָפן פון וויסנשאַפט זענען איבערצייגט אַז אַ שייכות איז פאַראַן צווישן דעם קינסטלערס שאַפונגס־פּראָצעס און דעם

וויסנשאַפטלערס פאָרשונגס־פּראָצעס. דער סוביעקטיוויזם־שד אין פיזיק איז פאַר די דאָזיקע פילאָסאָפן נישט קיין איבערראַשונג, די עקזאַקטע וויסנשאַפטן מוזן בעל־כרחם שלום מאַכן מיטן פאַקט פון זייער ענלעך־ווערן צו די סאָציאַלע שטודיעס, ווו מען מוז זיך תמיד רעכענען מיטן סוביעקטיוויסטישן פאַקטאָר).

די אויבן־דערמאָנטע מחלוקת לשם וויסנשאַפט איז נאָך ביז איצט נישט געלעזט געוואָרן צו יעדן איינעמס צופרידנקייט. אַז מען וויל זיך דערלויבן אַ ביסל פריישאַפט פון אויסדרוק, קען מען זאָגן, אַז די וויסנשאַפטלייט פון דעם דאָזיקן געביט, וואָס שטייען ביים ראַנד פון מענטשלעכן וויסן, פאַרנעמען זיך מיט אַ יש וועגן וועלכן זיי זאָגן זיך אָפּ—על־פּי הכרח—צו האָבן וועלכע עס איז אַנונג. מען קען אויף דעם אָנווענדן אַ פּאַראַפראַזע פון בערטראַנד ראָסלס פּאַראַדאָקסאַלן זאָג וועגן מאַטעמאַטיק: „אין וויסנשאַפט ווייסן מיר נישט וועגן וואָס מיר רעדן, און עס אַרט אונדז נישט צי דאָס וואָס מיר זאָגן וועגן דעם איז אמת.“ ווי אַזוי־זשע קענען מיר זוכן אָנפירונג ביי אַ חכמה, וואָס שטיצט זיך אויף לאָגיק, קלאָרן שכל און רעאַליטעט, און ד א ך בלאָנדזשעט זי אַליין אין אירע אייגענע געמאַרקן?...

דאָ שליסן מיר אויס פון באַטראַכטן די פראַגע, צי די וויסנשאַפט דרינגט טאַקע אַריין אין דער רעאַלער וועלט, ווי זי איז באמת, און צי די רעאַלע וועלט פון דער וויסנשאַפט, שכל און חושים, איז די איינציקע רעאַליטעט. מיר באַהאַנדלען אויך נישט די פראַגע פון דעם קאַליידאָסקאָפּישן בייטן זיך פון וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס און היפּאָטעזעס, און די צייטווייליקייט פון כלומרשט פעסטגעשטעלטע פּאַראַדיגמען. מיר לאָזן אויך אויס די פראַגע פון דער היסטאָרישער צייטווייליקייט פון דער פאַרבינדונג צווישן טעכנאָלאָגיע און וויסנשאַפט, דאָס מיינט, דעם היסטאָרישן פאַקט, אַז די ביידע זענען נישט תמיד געווען פאַרבונדן. דער גלאַנץ פון דער מאָדערנער טעכנאָלאָגיע גיט דער וויסנשאַפט איר צוציונגס־קראַפט אין די אויגן פון דעם מאַסן־מענטש. אָבער אָנפירונג זוכט מען נישט ביי קיין טעכנאָלאָגיע, נאָר ביי דער וויסנשאַפט.

אַ באַזונדער קאַפּיטל שטעלן מיט זיך פאָר די מעטאָדן, וועגן פון פאָרשונג און אָנווענדונג פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט. אַחוץ דער דאַמאָקלעס־שווערד פון אַן אַטאָמישער קאַטאַסטראָפע איז לעצטנס קלאָר געוואָרן פאַר יעדן די איבערמאָסיקע צעטרענצלונג פון די באַגרענעצטע ענערגיע אוצרות פון דער נאַטור, איר פאַרמיאוסונג און פאַרפּעסטיקונג במשך פון די לעצטע יאָרהונדערטער, און מיט אַ שווינדלדיקן טעמפּאָ, במשך פון די לעצטע יאָרצענדליקער און היינט צו טאָג. די דעמאָנישע זייט פון דער טעכנאָלאָגיע און וויסנשאַפט, דעם פאָרשערס אומבאַגרענעצטע שפּילן זיך מיטן לעבן און טויט פון מענטש און וועלט, וואָלט נאָך שרייענדיקער אַרויסגעקומען אויף דער אויבערפלאַך, ווען אַלע סודות פון דער לאַבאָראַטאָריע זאָלן באַוווּסט ווערן דעם פּשוטן בירגער. טייל וויסנשאַפטלערס זענען באַזאָרגט, אַנדערע מאַטערט דאָס געוויסן. זוכן זיי דעריבער אַ מאָראַליש־עטישן שליסל אָדער אַ שולחן־ערוך. די וויסנשאַפט קען אים אָבער פון זיך אַליין נישט אַרויסברענגען, ווייל „אין חבוש מתיר את עצמו מבית האסורים“...

דאָס וואָס די מענטשהייט קלאַמערט זיך שוין כמעט אַ דור אויף אַ דינעם דראָט איבער אַן אָפענעם תהום, איז אין נישט קיין קלענער מאָס אַ פּועל־יוצא פון דעם עטיש־מאָראַלישן הפקר, וואָס הערשט אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט. עס איז גענוג צו פאַרגלייכן דעם פּעסימיזם פון אַן איינשטיין, שילאַרד און ווינער, אין זייערע לעצטע יאָרן, מיט די אָפּטימיסטישע ערשטע טריט פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט פון 16טן י״ה און ווייטער כדי צו זען ווי ווייניק הילף מיר קענען פון איר דערוואַרטן אין עיקרדיקע פראַגן פון אַ זינען פאַר עקזיסטענץ און אויפפירונג. פיל פון די וויסנשאַפט־פּיאָנערן זענען באַהויכט געווען פון אַ מיסטישן גלויבן אין ספר הספרים, און אין ספר החיים. היינט זענען אַ סך פון די וויסנשאַפטלערס ראָבאָטן בלויז — אויב אפילו גענאַלע — וועלכע וואַרפן פון זיך אַראָפּ יעדע אַחריות

פֿאַר די רעזולטאַטן פֿון זייערע פֿאָרשונגען. אָנשטאָט דעם וואָס מיר זאָלן זוכן הילף ביי זיי, וואָלטן זיי גערן אָנגענומען גייסטיקע און עטיש־מאָראַלישע הילף פֿון ערגעץ־ווו, אויב אַזאַ הילף זאָל זיין בנמצא.

די דאָזיקע באַמערקונגען זענען נישט אויסן צו פֿאַרמיאוסן אָדער אָפּזאָגן זיך לחלוטין פֿון יעדן מין וויסנשאַפֿט. פּונקט ווי מען דאַרף זיך נישט אָפּזאָגן פֿון אַ ריכטיק־פֿאַרשטאַנענער וועלטלעכקייט, פֿון פּראָגרעס און מאָדערניזם. עס מיינט בלויז אָנצודייטן, אַז וואָס אַבסטראַקטער די וויסנשאַפֿט ווערט, אַלץ מער דערווייטערט זי זיך פֿון דעם גראָב־מאַטעריאַליסטישן; אַלץ מער דערנעענטערט זי זיך צום טראַנסצענדענטאַלן, צו דעם וואָס לאָזט זיך נישט אַריינכאַפּן אין בעצן — ווער שמועסט נאָך, גראָבע זעק — פֿון דעפֿיניציע, בילדלעכקייט („לא תעשה לך כל פסל...“), און האַמעטנער סיבהדיקייט. עס מיינט אויך אַז דער הפקר אין וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט פֿאָרשן, מיט וואָס מען מעג און מיט וואָס מען טאָר נישט עקספּערימענטירן; וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט אָנווענדן, מוז אויפֿהערן. אויב נישט וועט די וועלט אויפֿהערן.

די וויסנשאַפֿט נייטיקט זיך דעריבער אין באָרמען, וועלכע קענען איר געגעבן ווערן נאָר פֿון דרויסן. פֿון דעם איז געדרונגען, אַז קיין באָרמען פֿאַר דער אויפֿפֿירונג פֿון אַנדערע קען מען פֿון איר נישט דערוואַרטן. אויף דעם אָפּשניט איז זי אַליין אַ נצרך. אויסלעבן זיך מיט איר קען מען אויך נישט. קיין אָפּגאָט פֿון איר טאָר מען בשום אופֿן נישט מאַכן. די מאָדערנע וויסנשאַפֿטלעך־טעכנאָלאָגישע עפּאָכע לעבט דורך אירע לעצטע יאָרן, נישט געקוקט אויף אירע גרויסע זיגן, און אפֿשר טאַקע צוליב זיי. כּדי די וועלט זאָל האָבן אַ קיום, מוז אויפֿגיין אַ נייע תקופֿה. אויב זי וועט האָבן אַ קיום, וועט עס זיכער געשען. מען קען עס שוין אָנען פֿון די יערונגען פֿון דער היינטיקער געזעלשאַפֿט. מיר, וועלטלעכיסטן, מוזן אויך ווענדן אונדזער בליק אין אַ לחלוטין נייער און אַנדערער ריכטונג.

## ד.

אַלע וועלטלעך־נאַציאָנאַלע באַוועגונגען ביי יידן — אָפּגערעדט פֿון די אַסימילאַטאָרישע — וואָס זייערע אידעאָלאָגיעס זענען געווען באַזירט אויף רעאַליזם, ראַציאָנאַליזם, און וויסנשאַפֿט, האָבן, אין אַזאַ אָדער אַנדערער מאָס, אַנטוישט. געוויס האָבן זיי היסטאָרישע פֿאַרדינסטן און אפֿילו דערגרייכונגען. אָבער, נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפֿע האָבן זיי אונדז מער גאָר נישט וואָס צו זאָגן. זיי האַלטן זיך נאָר מיטן כּוח פֿון אינערציע. דער אמת איז, אַז זייער אויסגעלײדיקטקייט האָט זיך נאָך באַוויזן איידער די קאַטאַסטראָפֿע איז געקומען. אפֿילו די ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס האָט כּלומרשט פֿאַרווירקלעכט איר אידעאַל (און וואָס איז אגב געגאַנגען קעגן וויסנשאַפֿטלעך־דעטערמיניסטישן שטראָם, נישט געקוקט אויף די העראָיש־טעאָרעטישע פּרוּוון פֿון באָראָכאָוויזם...) וואָס איז באַזירט אויפֿן פֿילאָסאָפֿיש־אידעאַליסטישן, וואָלונטאַריסטישן, און ממילא, כּלומרשט אומוויסנשאַפֿטלעכן זאָג פֿון הערצלען: „אויב איר ווילט, איז דאָס ניט קיין לעגענדע“, האָט, ווענלדיק פֿאַרענטפֿערן די יידן־פֿראַגע און שאַפֿן אַ „נאָרמאַל“ פֿאָלק ווי־אַלע־פֿעלקער, באַוויזן צו שאַפֿן אַן „אומנאָרמאַלע“ מדינה — אַן אויסנאַם פֿון אַלע מדינות... דהיינו, צו דער נישט־פֿאַרענטפֿערטער יידן־פֿראַגע איז אונדז צוגעקומען אַ נישט־פֿאַרענטפֿערטע מדינת־ישראל־פֿראַגע...

ווייזט אויס אַז אומנאָרמאַלקייט, אַנדערשדיקייט, איז דער היסטאָרישער גורל פֿון ישראל בין העמים. געוויינטלעכע וויסנשאַפֿטלעכע נאָרמען האָבן אונדז ווייניק וואָס צו זאָגן. גיכער איז בלעם גערעכט געווען זאָגנדיק: „הן עם לבדד ישכן ובגוים לא יתחשב“. ביי ראַדיקאַלן איז „אתה בחרתנו“ געווען אַ זידל־וואָרט. מען האָט זיך געשעמט, און מען שעמט זיך נאָך איצט אונטער, פֿאַר דער גויישער וועלט. דער אמת איז אָבער, אַז בלויז אין דעם אידעאַל פֿון ווערן אַן עם־סגולה דער זין פֿון יידישן קיום און המשך. דעקלאַרירן זיך פֿאַר יידן בלויז ווייל — און ווען — מען שלאָגט יידן, איז אָנגעמאָסטן פֿאַר אַן איליאַ ערענבורג, אָבער נישט פֿאַר אַ

פולבלוטיק, לעבעדיק, יידיש פאָלק. נעגאַטיווע ווערטן אַליין קענען קיין המשך נישט פאַרזיכערן, קענען דעם יידישן פאָלק קיין „רעזאָן ד'עטר" נישט געבן. דווקא באמת־גלייביקע קריסטן פאַרשטייען די חשיבות פון דעם ברית בין עם ישראל ואלקי ישראל, און די דערהויבנקייט פון דער יידישער בחירה...

יידיש־וועלטלעכע יידן זענען היינט פאַרשטופּט אין אַ קליין ווינקעלע פון יידישן לעבן. אַ טייל פון זיי נאָגט אַ נישט־געשטילטע בענקשאַפט נאָך אַ רעליגיעזן אויסלעבן זיך. כעני בפתח שמעקן זיי אַריין אין אַ סינאַגאָגע אָדער טעמפּל, און בלייבן אומבאַפרידיקט צוליב דער ענגלישער אַטמאָספערע און גאָטלאָזער קאַלטקייט. מעג דאָרט שטיין געשריבן: „מה נורא המקום הזה!" אָדער ענלעכע אויפשריפטן — דער רעליגיעזער ציטער פעלט. בדרך כלל לעבן די עלטערע וועלטלעכע יידן אין שאָטן פון זייערע פרומע טאַטעס. עס גייט זיי נאָך די היימישע יידישקייט פון זייער אייגענער קינדהייט. קיין אַנדערע רעליגיעזקייט אנערקענען זיי נישט. קלייבן זיי אויס צווישן אַלט־פרענקישע פרומקייט, ווו זי עקזיסטירט נאָך, אָדער גאָר נישט. ס'רוב בלייבן זיי ביי גאָר נישט, ווייל אַליין צורירן זיך צום דת — ווי עס טוען די קאָנסערוואַטיוון און רעפאָרמערס — וואָגן זיי נישט. זיי לאָזן אַזאַ וויכטיקע פאַרן יידישן קיום און המשך קאַמפּס־אַרענע, אין גאַנצן פריי פאַר דער טעטיקייט פון אַנדערע, וועלכע זענען אפשר ווייניקער ראוי דערצו...

פּרצעס קריטיק פון דער אָרטאָדאָקסיע איז נאָך אַלץ שייכדיק און גילטיק. דער טייל אירער, וואָס איז באמת גלייביק, איז געבליבן גייסטיק פאַרגליווערט, הגם ער איז לעצטנס היפּער־אַקטיוו, און האָט צוגעצויגן און אויפגעהאָדעוועט אַ שיינע יוגנט. די אַנדערע, די אַזוי־גערופענע מאָדערנע אָרטאָדאָקסיע, אונטערשיידט זיך פון די רעפאָרמערס און קאָנסערוואַטיוון מיט אויסערלעכע קלייניקייטן, און אויך מיט דעם וואָס זי מאַכט זיך נישט זעעוודיק צו דעם וואָס עס געשעט ביי איר און אַרום איר, מער ווי די אַנדערע. לדוגמא, די מערהייט מתפללים אין זייערע סינאַגאָגעס — במשך פון יאָר, אַחוץ די ימים נוראים — באַשטייט אָדער פון קדיש־זאָגערס, אָדער פון בר־מצוה געסט, אָדער פון יזכור־זאָגערס אויף־אַ־וויל. כמעט אַלע קומען אין שול דורך חילול שבת ויום־טוב — ווי עס ווערט פאַרשטאַנען על־פּי שולחן־ערוך — און פאַרלאָזן די שול דורך און צו חילול שבת ויום־טוב. דער ראַביי מאַכט זיך בלינד צו דעם און „ספּיטשעוועט" וועגן נייטראַל־גלאַטיקע ענינים, גלייך ווי אַלץ וואָלט געווען בסדר גמור. דער טראַכט און דער דעקאָרום זענען גויישע, ווי אין די רעפאָרם־טעמפּלען און קאָנסערוואַטיווע סינאַגאָגעס. פון דער גרויסער מאָס צביעות אויף דער יידישער גאַס נעמט די אָרטאָדאָקסיע איר גלייכן חלק.

די סינאַגאָגע באַפרידיקט אָבער געוויסע באַדערפענישן, וואָס זיינען אַנגענומען ביי די יידישע מאַסן אויף דעם צפון־אַמעריקאַנער קאָנטינענט, און אויך אין אַנדערע לענדער. וואָלטן מיר געקענט באַפרידיקן די באַדערפענישן פון די יידישע מאַסן ביי זיך, וואָלט יידיש, די יידישע ליטעראַטור און קולטור, אָרגאַניש באַהאַפטן געוואָרן מיטן יידישן מאַסן־לעבן. פון באַדינען אַ פאַרשטויסענע סעקטע בלויז, וואָלט יידיש — כּמעט ביי געוויסע געלעגנהייטן — באַדינט אויך דעם פשוטן ייד. איך שלאָג פאָר — לטובת יידיש און איר פאָלקסטימלעכן תוכן, און לטובת דער יוגנט — דאָס גרינדן יידיש־שטיבלעך (קלויזן) צום דאַוונען און אויף צו באַפרידיקן אַנדערע רעליגיעזע באַדערפענישן. אַנשטאָט דעם מיר זאָלן דאַרפן אַנקומען מיט אונדזערע חתונות, בר־מצוות — און באַהיט זאָל מען ווערן — לוויות, קדישים און יזכורס, צו אַנדערע, לאָמיר שאַפן אייגענע גייסטיקע היימען. מיר דאַרפן אויפהערן מורא צו האָבן צו צורירן זיך צו דער יידישער רעליגיע, אַנדערע, ווינציקער באַרופענע, זענען זיך מטפל מיט איר, מיט ידי־עשיו ממש. האָבן מיר דען נישט קיין חלק ונחלה באלקי ישראל?

איך ווענד זיך דאָ נישט צו געשווירענע אַטעאיסטן, נאַטירלעך. אויך נישט צו די

וועלכע געפינען אַ וועג צו תשובה, צו אַ וועלכן עס איז מין שול, און דאָס באַפרידיקט זיי. מיין רוף איז געווענדט צו די, וועלכע פילן אין זיך אַ רעליגיעזע בענקשאַפט, און פילן זיך איינצייטיק פאַרשעמט פון דאַרפן בעטלען אַ טראָפּן יידיש ביי ראַביים און תלמוד־תורהס; צו די, וועלכע זענען איבערצייגט אַז אַן עם ישראל וואָס איז פּורק עול אלקי ישראל איז נישט געמאָלט; צו די, וועלכע קענען אָבער איינצייטיק נישט פאַרבייגיין די ענדערונגען וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער פיזישער און גייסטיקער לאַגע פון ייד אין דער וועלט; צו די, וועלכע ווילן אַריינבלאָזן אויף ס'ניי אַ רוח חיים פון סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן יושר, פון דינאַמישן פאָרשן און שטרעבן אין יידישן רעליגיעזן אויסלעבן זיך. עס איז אַ רוף צו אַ מין ניי־חסידות — אויב ס'איז נאָך דאָ וועמען צו רופן. קיין אמתע פאָלקסטימלעכע דערהייגטיקונג פון דעם יידישן רעליגיעזן אויסלעבן זיך איז נאָך נישט פאָרגעקומען. מיר פאַרמאָגן דעם אוצר פון דער מאָדערנער יידיש־העברעאישער קולטור, וואָס קען אונדז באַהילפיק זיין אין דער דורכפירונג פון אַזאַ דערהייגטיקונג.

מיר קענען און דאַרפן נעמען פון דעם טראַדיציאָנעלן וויפל עס איז עיקרדיק און לעבעדיק. אָבער די סטערילע „סוירמאָנס" קענען מיר מיט אַ לייכט האַרץ פאַרבייטן מיט רעציטאַציעס און געזאַנג פון רעליגיעז אינספּירירטע ווערק פון דער יידיש־העברעישער ל י ט ע ר אַ ט ו ר. אונדזערע שמחות קענען ווידער געפּראַוועט ווערן אָן דעם אָפּשטויסנדיקן לוקסוס — מיט פרושימדיקער באַשיידנקייט. מיר קענען באַשיינען אונדזערע שמחות — פון וועלטלעך־באַלעבאַטישן מין — מיט די וועלטלעכע אוצרות פון אונדזער קולטור. מיר דאַרפן איינפירן אַ צנע אין אונדזערע פירונגען, און במקום פאַרשווענדן געלטער אויף אומנייטיקן גלאַנץ, קענען מיר באַשטייערן די בעלי־שמחה און אַזויערנאָך אָנזאַמלען פאָנדן פאַר די שרייענדיקע נאַציאָנאַל־קולטורעלע בויטן.

דווקא אין דער עפּאָכע פון דער אַלמאַכט פון דער וויסנשאַפט און טעכנאָלאָגיע, רעוואָלטירט די יוגנט קעגן באַלעבאַטישן שטייגער. מער פון אַלעמען רעוואָלטירט אפשר די יידישע יוגנט. אַחוץ אַנדערע סיבות, ווירקט דאָ דער פאַקטאָר פון דער גייסטיקער סטאַגנאַציע און מאַטעריאַליסטישער זעלבסטצופרידנקייט פון יידישן באַלעבעסל, וואָס הערשט אין דער יידישער סובורביע. ווען די יוגנט זאָל זוכן באַקוועמלעכקייט בלויז, וואָלט זי זיך געפילט ווי אַ וואָרעם אין כריין. ווען נאָך איז אַזוי פיל מאַטעריעלע שפע געווען צוטריטלעך פאַר אַ יונגן דור? עס איז קלאָר, אַז די יוגנט זוכט גאָר עפּעס אַנדערש. עס איז אויך נישט איבעראַשנדיק וואָס קומענדיק פון אַ גייסטיקן מדבר, בלאָנדזשעט זי און פאַרבלאָנדזשעט. אָבער די פּאָפּולאַריטעט פון דער פּסיכאָדעלישער באַוועגונג, נאַרקאָמאַניע, אַסטראָלאָגיע, אַ קולט־און־כישוף ריטואַלן, די „דזשיזוס־פריקס", אַלערליי אָריענטאַלישע קולטן, און — אין דעם יידישן אַקאַדעמישן וועלטל — דאָס אויסשפּראָצן פון פאַרשיידנערליי „חברותא" עקספּערימענטן, לערנען אונדז אין וועלכער ריכטונג די בענקשאַפט, די תשוקה איז געווענדט.

די האָנטשריפט אויף דער וואַנט ווייזט, אַז אַ נייער רענעסאַנס פון אַן אינטענסיוו־רעליגיעז לעבן וועט קומען. אויב מיר וועלן נישט זיין אָנגעברייט צו שטילן דעם דאָרשט — אונדזער אייגענעם, און פון די קומענדיקע דורות — וועט עס געשטילט ווערן פון אַן אַנדער מקור. מיר וועלן ווידער פאַרשלאָפן אַ געלעגנהייט צו שפּילן אַ היסטאָרישע ראָלע אין יידישן לעבן.

עס איז באַוווסט אין דער מאָדערנער לאָגיק, אַז קיין שום סיסטעם פון מחשבות קען נישט בלייבן — אַזוי צו זאָגן — אויטאַרקיש, זעלבסט־געשלאָסן. עס מוז אויסגעבויט ווערן אַ היעראַרכיע פון טיפן אָדער סיסטעמען. אויב נישט, ווערט מען פאַרפּלאָנטערט אין אַ לאַבירינט פון סתירות־פּאַראַדאָקסן. יעדער סיסטעם מוז דעריבער — על פּי הכרח — שטרעבן צו אַן „אויסער־זיך." אפילו ניכטערע רעאַליסטן, אויב זיי זענען נאָר איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן צו עפּעס אַ יש, אַ טעטיקייט, אַ ציל, אַן אידעאַל — מעג ער לכתחילה זיין פאַראַנקערט אין דער באַ־

גרענעצטער ווירקלעכקייט בלויז — וועלן עווענטועל גרייכן צום טראַנסצענדענטאַלן, צו דעם וואָס צילט אויסער זיך, גייט אַרויס פון די כלים, אַזוי צו זאָגן. . .

שוין באַלד ביי די ערשטע טריט פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט, איז ביים מענטש צוגענומען געוואָרן זיין ראָלע ווי דער צענטער פון דעם גאַנצן באַשאַף — פונקט ווי ביי דעם ערדקיילעך איז צוגענומען געוואָרן זיין ראָלע ווי דער צענטער פון אונדזער פלאַנעטן־סיסטעם. כאָטש דער הומאַניזם האָט געזאָלט שטעלן דעם טראָפּ אויפן מענטש, אויף זיין זעלבסט־שטענדיקייט, זיין זעלבסטגענוגיקייט, זיין אומאָפּהענגיקייט פון געטלעכע חסדים און השגחה־פּרטים, האָט די וויסנשאַפט — אויף וואָס דער הומאַניזם איז באַזירט — דעם מענטש פּאַקטיש דעטראַנירט. די טעאָריע פון ביאָלאָגישער עוואָלוציע, וואָס איז געקומען שפּעטער, האָט אים נאָך מער דעגראַדירט, צוגענומען ביי אים זיין צלם אלקים. פאַרקערט, לויט דער געשיכטע פון רעליגיע, איז גאָט (געטער) גאָר באַשאַפן געוואָרן בצלם האדם...

אין פרעוויסנשאַפטלעכן בליק האָט דער מענטש—דער בחיר היצירה—באַשאַנקען מיטן כוח פון בחירה—פרייען ווילן—געלעבט אין היסטאָרישער צייט, וואָס שטראָמט צו אַ געטלעך־באַזינטן ציל — אַן אחרית הימים. אין די אויגן פון דער וויסנשאַפט, און עווענטועל אין זיינע אייגענע אויגן, איז דער מענטש געוואָרן ניט מער ווי אַ שפּילעכל אין די הענט פון מעכטיקע אינערלעכע און אויסערלעכע כוחות. אין אונדזערע טעג איז דער פּראָצעס דערגאַנגען צו זיין לאָגישער קאָנסעקווענץ: פון הומאַניזם צו דעהומאַניזאַציע...

די מאַכט פון מאַשין, שטאַט, קאָמפּיוטער און מעכאַניזירטער דערציונג, צעמאַלט דעם יחיד עד דכא. די יוגנט רעוואָלטירט קעגן דעם. בלויז די אַנערקענונג פון טראַנסצענדענטאַלן אלוקים חיים קען אונדז אומקערן דעם צלם אלוקים. בלויז דאָס נעמען אויף זיך דעם עול מלכות שמים קען מילדערן די פאַרריסענע גאווה פון וויסנשאַפט, טעכנאָלאָגיע, באַוועגונג, שטאַם און שטאַט.

מיר זענען געבענטשט מיט דעם, וואָס די יידישע רעליגיע איז נישט באַזירט אויף אַ ליסטע פון קרעדאָס. דעריבער געפינענען מיר זיך אין אַ ספערע פון רעלאַטיווער גייסטיקער פרייהייט, וואָס גיט אונדז אָרט פאַר באַוועגלעכקייט און אַנטוויקלונג. מיר זענען נישט געצווּונגען צו דעפינירן די מהות פון דער גאָטהייט. מיר קענען זיך פריי באַוועגן אין די ראַמען פון „אחדות הבורא״ און „לא תעשה לך כל פסל״! פילאָסאָפיע פון רעליגיע האָט ביי אונדז איר באַרעכטיקטן פּלאַץ, אָבער זי איז קיינעם נישט מחייב. אַפילו קהלתדיקער סקעפּטיציזם און איוב לעסטערונג זענען נישט פאַרבאָטן, און געפינען ביי אונדז זייער צייט און זייער אָרט. פון דער וועלטלעכקייט קען בלייבן ביי אונדז די פרייקייט פון פרעגן און אָפּפרעגן. דער עיקר איז, אַז די נאַטירלעכע שטרעבונג צום העכערן, צום געטלעכן, זאָל געפינען ביי אונדז איר אינטענסיווע, התלהבותדיקע, פריידיקע אויפלעבונג.

מען קען פרעגן: ווי אַזוי קען דאָס צו שטאַנד קומען, ווען די אמונה איז פאַרשוואונדן? דער ענטפער איז: „ובקשתם משם את ה׳ אלהיך ומצאת, כי תדרשנו בכל לבבך ובכל נפשך״—און איר וועט זוכן פון דאָרטן ה׳ אייער גאָט און דו וועסט געפינען, אַז דו וועסט אים פאָרשן מיט דיין גאַנצן האַרצן, און מיט דיין גאַנצן נפש . . .״

*Greetings from*

**SCHWARTZ PRINTING CO.**

*Printers of the "Heshbon"*

773 Kohler Street

Los Angeles, Calif. 90021

Tel. 624-9378

משה שקליאַר

# ער...

אין וואַרשעווער געטאָ בין איך נישט געשטאָרבן,
פאַרצוקט האָט מיך נישט פון טרעבלינקע דער שייטער.
גיי איך אַרום — אַ פאַרוווּנדעטער קרבן
און שאָטן פון טויט אָן אָן אויפהער באַגלייט מיך.

ער קלאַפּט אין מיין טיר טאָג און נאַכט, שוין זיבט יאָרן,
ער יאָגט זיך נאָך מיר אויף די גאַסן און ראָגן,
שטעכט איין זיך אין האַרץ מיר אַזוי ווי אַ דאָרן
אַוו נאָר איך פּרוּו מיין געצעלט אויפצושלאָגן.

ער שטעלט זיך אַרויס אין פאַרשיידענע געשטאַלטן,
ער כריפּעט אַזוי ווי אַ צעבראָכענער אָרגל,
ער פּאַקט מיך אַוו נאָר איך פּרוּו זיך באַהאַלטן
און שטרעקט זיינע פינגער אַרויס צו מיין גאָרגל.

ער קאָן נישט מיין רו און מיין אומרו פאַרגינען,
ער שפּאָט פון מיין פרייד און ער לאַכט פון מיין טרויער,
ער וויקלט אַרום מיך ווי טויזנטער שפּינען
און אויף מיין גליק און מיין אומגליק ער לויערט.

ער האָט מיך אַזוי פיל שוין מאָל באַלד פאַרשניטן
און ווידער אַ שפּיל זיך געטאָן מיט מיין לעבן,
און ווידער געברענט הינטער מיר מיינע טריט און
שפּעטער פאַרלאַנגט איך זאָל אים פאַרגעבן.

ער האָט זיך פאַרנעסטיקט ביי מיר אין די ביינער,
ער האָט מיך געטריבן, פאַרהעצט און פאַרשפּיגן,
און כאָטש איך שטיי אַלץ נאָך אַנטקעגן אים — איינער
איך ווייס, אַז איך וועל אים, איך מוז אים באַזיגן.

---


אונדזער ווייטאָג אין מיטווייטאָג
צום טויט פון אונדזער געטרייסטן
פריינד אין מעקסיקע

## אבנר אליפז

וואָס איז געשטאָרבן ערב דעם עלטסטן
זונס חתנה. אויף אַזאַ פריינדשאַפט
זיינען פּאַסיק נאָר זעלטענע מענטשן.

רי גאָלאָמב משפחה


## אַכטונג!

איך בעט זייער, מכל לשון של בקשה,
ווער ס'האָט ביי מיר געליען די פיר מסיכ־
תות גמרא אין יידיש, אין דער איבער־
זעצונג פון ד"ר זאַלקינד, זאָל זיך אָפּרופן.
אַ דאַנק!! די גמרות זיינען ביי מיר טייער:
זיי זיינען די איינציקע, וואָס זיינען מיר
געבליבן פון מיין גאַנצער ביבליאָטעק אין
ווילנע.

אברהם גאָלאָמב

שרה ראַפּאַלין-ליינער

# דער סטאַטוס פון דער פרוי ביי יידן

אין אַן אַלטער לעגענדע ווערט דערציילט וועגן דער באַשאַפונג פון דער וועלט בערך אַזוי:

די געטער האָבן זיך געפילט לאַנגווייליק, האָבן זיי באַשלאָסן צו באַשאַפן די פרוי. אָבער ווי אַזוי? האָט יעדער איינער פון זיי געבראַכט עפּעס צושטייער צו די באַשטאַנדטיילן פון דער דאָזיקער באַשעפעניש. איינער האָט געבראַכט אַ שטראַל פון דער זון און האָט עס אַריינגעטאָן אין אירע אויגן, כדי זי זאָלן שיינען און ברענען מיט גלוסטעניש און תאווה; אַ צווייטער האָט געבראַכט די רויטקייט פון אַ קאַרש און באַאַרבעט מיט דעם אירע ליפּן, כדי זיי זאָלן זיין סענסועל און רייצנדיק; אַ דריטער האָט צוגעטראָגן די ווייסקייט פון שניי און ווייכקייט פון גענדזענעם פוך און עס אַריינגעטאָן אין אירע הענט און לייב; פאַר איר כאַראַקטער האָט איינער זיך געפּלייסט צו שענקען דעם שוים פון די ברויזנדיקע ים־כוואַליעס; פאַר איר אינטעלעקט האָט זיך איינער דערטראַכט צו ברענגען גאָר אַ געהויבענע מתנה — אַ מאַרך פון אַ פויגל... דאָס זיינען די הויפּט באַשטאַנד־טיילן פון דער בריאה, וועלכע די געטער האָבן אָנגערופן „פרוי".

עס איז אַ חנעוודיקע מעשהלע, וואָס רעדט וועגן דער פרויס געשטאַלטקייט און קלוגשאַפט און וועגן איר ראָלע בכלל אין דעם באַשאַף.

נאָר לאָמיר צוגיין צו דער ווירקלעכקייט.

די טעמע פון דער פרוי פאַרנעמט היינט צו טאָג אַ פּראָמינענטן פּלאַץ אין פּאָליטיק און עקאָנאָמיע, אין דיסקוסיעס און קולטור־לעקציעס, און גייט ניט אַראָפּ פון טאָג־אָרדענונג אין די צייטונגען, ראַדיאָ און טעלעוויזיע. די טעמע איז זייער אַ קאָנטראָווערסאַלע; אַזוי איז עס געווען אַמאָל און נאָך מער היינט, ווען די אַזוי־גערופענע באַפרייאונג־באַוועגונג פון דער פרוי האָט אָנגענומען גאָר שאַרפע פאָרמען און גייט ניט אַראָפּ פון סדר־היום.

אין אַלע צייטן און ביי אַלע פעלקער איז די פרוי תמיד געווען אַ טעמע פאַר באַשרייבונגען. פראַנצויזיקער און פּאָעטן האָבן זי באַזונגען, באַוווּנדערט איר שיינקייט, גלאָריפיצירט די ליבע צווישן מאַן און פרוי; מאָלערס האָבן זי געמאָלן, סקולפּטאָרן האָבן זי געפורעמט. אייניקע פאַרהערלעכן זי און פאַרגעטערן זי; אַנדערע דעגראַדירן זי און רייסן זי אַרונטער; אייניקע שטעלן זי פאַר ווי אַ מלאך און דער מקור פון אַלדאָס גוטס; ביי אַנדערע איז זי אַ טייוול און די אָנרעגונג צו אַלעם שלעכטן. זי איז שולדיק אין אַלץ —

*"Cherchez la femme"*

אָדער

*"She makes you, she breaks you"*

דאָס זיינען אָפט באַנוצטע אויסדרוקן.

אויך ביי יידן איז דאָ אַ שלל פון קעגנגעזעצטע אויסדרוקן וועגן דער פרוי. צו ציטירן נאָר עטלעכע:

„בנות ילדו להם, מריבה באה לעולם" (מיטן געבורט פון טעכטער קומט קריגעריי אויף דער וועלט);

„נשים דעתן קלות" — (פרויען זיינען לייכטזיניק);

„שוין בעסער פאַרברענען תורה־ווערטער און ניט איבערגעבן זיי צו פרויען";

„פרויען האָבן ניין מאָס רייד"; „פרויען ריידן און באַריידן".

פון דער אַנדער זייט זיינען דאָ אַ סך פיינע אויסדרוקן און אָנווייזונגען ווי דער מאַן דאַרף זיך באַציען צו דער פרוי. למשל:

אַ מאַן איז מחויב צו רעספּעקטירן זיין פרוי מער ווי זיך אַליין;

די ברכה אין הויז איז נאָר אַ דאַנק דער פרוי;

אויב דיין פרוי איז אַ נידעריקע, בייג זיך אַראָפּ צו איר;

די יידישע פרוי דאַרף ווערן געשעצט און געליבט מיט די כ"ב אותיות פון א"ב.

און נאָך אַזעלכע אויסדרוקן.

בכלל, זאָגן אויך יידן, אַז פרוי איז אַ מיסטעריעזע באַשעפעניש. און דער מאַן

פאַרשטייט זי ניט, זי איז אַ רעטעניש. ווי דאָס ווערטל גייט: „נשים עולם בפני עצמן" (פרויען זיינען אַ וועלט פאַר זיך).

דאָס זיינען אַלץ סוביעקטיווע מיינונגען פון יחידים, וואָס דער תלמוד און אַנדערע קוואַלן האָבן טאָלערירט. נאָר לאָמיר זען וואָס אונדזערע יידישע ערשטע מקורות דריקן זיך אויס וועגן דער פרוי:

גלייך ביים אָנהייב פון באַשאַף, ווערט דערציילט אין חומש, זיינען בידע, אָדם און חוה, באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט, אין צלם אלקים, ד"ה: ביידע דאַרפן האָבן די אַטריבוטן פון גאָט. „איש ואשה ברא אותם" — צוויי גלייך־באַרעכטיקטע מענטשן פון אָנהייב אָן.

אַ ביסל ווייטער, אין דער צווייטער ווערסיע, ווו עס רעדט זיך וועגן דער ריפּ, וואָס גאָט האָט אַרויסגענומען פון אָדמען און פון איר באַשאַפן חוהן, זאָגט זיך: „לא טוב היות אָדם לבדו" — עס איז ניט גוט צו זיין אַליין, אדם פילט זיך אומעטיק, עלנט, נידערגעשלאָגן און דאַרף אַן עוזר (כנגדו), און ווי דער יידישער שפּריכוואָרט זאָגט: אפילו אין גן עדן איז ניט גוט צו זיין אַליין. אָדם איז אומבאַהאָלפן; ער האָט, דוכט זיך, די גאַנצע וועלט פאַר זיך, און ער קען זיך מיט איר קיין עצה ניט געבן. די גרויסע וועלט ברענגט אים ניט קיין פרייד און ניט קיין נחת־רוח. ווען אָבער ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף און דערזעט לעבן זיך די נייע, שיינע באַשעפעניש, רופט ער אויס אין עקסטאַז, מיט באַגייסטערונג: דאָס איז ביין פון מיין ביין און פלייש פון מיין פלייש — „והיו לבשר אחד"... זכר ונקבה בראם, ויקרא את שמם אָ ד ם — ד"ה, נאָר דורך דער פרוי קריגט דער מאַן זיין שלימותדיקייט און ביידע האָבן אַ גלייכן חלק אין דער יצירה. זי, די פרוי, איז די ערשטע, וואָס איז גרייט צו געבן הילף, זי ווערט די לעבנס־באַגלייטערין פון איר מאַן און די מוטער פון דורות.

עס איז אַ פאַרשפּרייטע מיינונג, אַז די פרוי האַלט אַ נידעריקערע מדרגה פון דעם מאַן אין טראַדיציאָנעלער יידישקייט. דער אמת אָבער איז, אַז דאָס איז משמעות אַ בילבול, אַן אויסטראַכטעניש און אַ מיטאָס, וואָס האָט בשום אופן קיין באַגרינדונג נישט. **(דאָס איז אויך די מיינונג פון סעסיל ראָטה).**

אמת, די ראָלן פון דעם מאַן און דער פרוי אין דער געזעלשאַפט און אין דער היים זיינען איינגעטיילט געוואָרן צווישן זיי. נאַטירלעך, האָט צו דעם צוגעהאָלפן דער פאַקט, וואָס מען לעבט אין אַ פאַטריאַרכאַלישער איינטיילונג, אין אַ מענערהערשאַפט, אויך צווישן די אומות העולם מיט דעם פרינציפּ „והוא ימשול בה", מער אָבער צוליב די נאַטירלעכע פיזיאָלאָגישע אונטערשיידן פון ביידע מינים, האָט יעדער מין גענומען אויף זיך ספּעציעלע און ספּעציפישע פונקציעס: דער מאַן — די פיזישע פונקציעס, ווי גיין אין מלחמה, די באַשיצונג פון דער משפחה, גיין אויף יאַכט, אַריינברענגען דאָס עסן; די פרוי האָט גענומען אויף זיך די באַלעבאַטישקייט, די אָנהאַלטונג פון דעם פאַמיליע־לעבן, און דאָס וויכטיקסטע — די קינדערדערציונג. „אַל תטוש תורת אמך" — פאַרלאָז ניט די תורה פון דיין מוטער, זאָגט משלי.

און ווייל זי האָט זיך פאַרנומען מיט היים, קינדער און פאַמיליע־לעבן, איז זי, די פרוי, ביי יידן, באַפרייט געוואָרן פון אַ סך רעליגיעזע פליכטן, מצוות. דאָס זיינען די „מצוות עשה שהזמן גורמא", ד"ה, די פאָזיטיווע פאַרזאָגונגען, וועלכע דאַרפן אויפגעפירט ווערן אין אַ באַשטימטער צייט. פון די איז זי פּטור. נאָר דאָס איז ניט דערפאַר וואָס זי איז מינדערווערטיק, נאָר ווייל אירע פאַמיליע־פליכטן דערלויבן איר דאָס ניט אָפּצוהיטן.

די „מצוות לא תעשה" איז זי יאָ מחוייב אָפּצוהיטן אַזוי ווי דער מאַן. אויך פון די „מצוות עשה", וואָס זיינען באַזירט אויף וויכטיקע היסטאָרישע פאַסירונגען, איז זי מחוייב אָפּצוהיטן, ווי: שתית ארבע כוסות, קריאת המגילה, נר חנוכה, ווייל זי איז געווען פאַרטראָטן ביי די געשעענישן — „שאף הן היו באותו הנס."

עס איז אָנגענומען, אַז די פרוי איז דער שוואַכערער מין. דוכט זיך מיר, אַז עס איז גאָר פאַרקערט. כאָטש עס איז אַפּיקורסיש פון מיין זייט, האַלט איך אַז דווקא זי ווייזט זיך אַרויס צו זיין די שטאַרקערע. דער פאַקט אפילו וואָס די פרוי איז אָפּ־

(המשך אויף זייט 38)

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# אַ הסתדרות

# אַניואיטי טראַסט-קאָנטראַקט

פון דער

## ישראל הסתדרות-פונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי

- אַ יערלעכע הכנסה פון 9½%

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען

הכנסה-שטייער, ירושה-שטייער, „פּראָבעיט"-הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל-געווינס"-שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט...

אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל ?

אויב יאָ . . . טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 9.5 פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראָסט-פונדאַציע.

---

שניידט אוים דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

**7250 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90036 — Tel. 938-3201**

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to............................................................

Address............................................................

Date of Birth..............................Soc. Sec. No..............................

Principal Amount $............................................................

Date......................Signature of Applicant..............................

(המשך פון זייט 36)
געטיילט געוואָרן ביים דאַווענען פון דעם מאַן, אין עזרת נשים, ווייזט דווקא, לויט מיין מיינונג, איר שטאַרקייט איבער דעם מאַן; עס ווייזט, אַז די פרוי באַאיינפלוסט אים און באַצווייבערט אים; אפילו ווען ער דאַוונט, אין דער קעגנוואַרט פון גאָט אַליין, ווענדעט איר נאָענטקייט אָפּ זיינע געדאַנקען אין כוונה פון די תפילות. ס׳איז אַ סאָרט פאַרמעסט צווישן יראת און אהבת השם און דער גלוסטונג צו דער פרוי.

ביינענדיק צוריק צום חומש זעען מיר אין די ערשטע אַנאַלן פון אונדזער גע־שיכטע די געוואַלדיקע ראָל וואָס די פרוי האָט געשפּילט. לאָמיר נעמען די אמהות: די ערשטע פון זיי, שרה, זי איז אַ גלייכע שותפטע פון אברהמען אין דער מיסיע־אַרבעט צו פאַרשפּרייטן דעם מאָנאָטעיזם און געווינען נאָכפאָלגערס פון דעם גאָט פון צדק און יושר. (רש״י שטיצט זיך אויפן פּסוק „ואת הנפש אשר עשו״ — עשו — מספר רבים״, ד״ה, ביידע האָבן דאָס געטאָן).

דער תלמוד ברענגט אויך, אַז שרה איז געווען גרעסער פון אברהמען אין נביאות. זי, מיט איר אינטואיציע און שאַרפער אויג פון אַ מאַמען, באַזאָרגט פאַרן קיום האומה און איר גורל, האָט פאַרשטאַנען, אַז זי טאָר ניט דערלאָזן אַז יצחק, איר זון, זאָל באַאיינפלוסט און פאַרפירט ווערן פון דעם ווילדן ישמעאל, און זי טרייבט ישמע־אלן אַרויס צוזאַמען מיט זיין מוטער הגר. ווען אברהם געפינט זיך איבער דעם אין אַ פאַרלעגנהייט און שווערער לאַגע, הערט ער גאָטס סאַנקציע: „את אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה״ (אַלץ וואָס שרה וועט דיר זאָגן הער זיך צו צו איר). שרהס אינטואיציע איז שטאַרקער ווי זיין לאָגיק.

דאָס זעלבע זעען מיר שפּעטער ביי דער מוטער רבקהן, וואָס שטעלט זיך איין פאַר איר איידעלן זון יעקב און באַשיצט אים קעגן זיין ברודער עשו, דעם פרא אָדם.

לאה און רחל, יעקבס ווייבער, „אשר בנו שתיהן את בית ישראל״ (רות ג׳), פון זיי שטאַמען אַרויס די צוועלף שבטים און דאָס יידישע פאָלק. לאה איז די עקרת הבית, און מיט רחלען איז פאַרבונדן די אַנטגילטיקע גאולה, וועגן וועלכער ירמיהו הנביא זאָגט אַזוי שיין אין קאַפּיטל ל״א:

„קול ברמה נשמע, רחל מבכה על בניה...״ זי באַוויינט אירע קינדער און זי שטורעמט דעם כסא הכבוד און פאָדערט גערעכטי־קייט און דערלייזונג פאַר אירע קינדער, און מיט אירע טרערן קריגט זי אַרויס די הבטחה פון גאולה פאַרן פאָלק: „...מנעי קולך מבכי... כי יש שכר לפעולתך״... — עס איז דאָ אַ באַלוינונג פאַר דיינע מעשים, דיינע קינדער וועלן זיך אום־קערן צו זייער היים.

ווען מען רעדט וועגן גלות מצרים ווערט עס אין גאַנצן פאַרצייכנט ווי די פעולה פון דער פרוי, וואָס דורך איר מסירת נפש איז מקויים געוואָרן די גאולה — ווי עס ווערט געזאָגט: „בשביל נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים״, וואָס דער טייטש איז: אין זכות פון די גערעכטיקסטע פרוי־ען פונעם דור זיינען יידן אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרישן יאָך, און דאָס איז ווייל זיי האָבן מער פאַרשטאַנען דעם באַ־טייט און ווערט פון גאולה. און ווען די גזירה אומצוברענגען יעדן יידישן יינגעלע איז געווען אין פולער קראַפט, האָבן די יידישע אָקושערקעס איינגעשטעלט זייער לעבן און פאַרשוויגן דאָס געבורט פון די קינדערלעך קעגן דעם שטרענגן באַפעל פון פרעהן.

עס איז כדאי צו באַמערקן אויך די מסירת נפש פון מרים הנביאה, די שוועס־טער פון די צוויי גרויסע ברידער, משה און אהרן, וועלכע האָט אַרויסגעהאָלפן די הייבאַמס אַפּצונעמען די קינדער. אַזוי איז געראַטעוועט געוואָרן דער גרויסער מחוקק און נביא הנביאים, משה רבינו.

אין איר זכות האָבן די בני ישראל גע־האַט וואַסער אין מדבר (באר מרים).

בכלל, ביי יעדער גרויסער היסטאָרי־שער געשעעניש ווערט באַטאָנט די ראָל פון דער פרוי. ביים מעמד הר סיני שטייט די פרוי גלייך מיטן מאַן צו הערן און פאַרשטיין די געזעצן, וועלכע מאַכן זיי פאַר אַן עם קדוש, אַ הייליק פאָלק. די עשרת הדברות זיינען געגעבן געוואָרן צו ביידע גלייך; אין די געזעצן פון שקלאַ־פעריי איז די שקלאַפין גלייך מיטן שקלאַף. נאָך מער, ווען מען קויפט אַ יידישע שקלאַ־פין, דאַרף דער באַלעבאָס זי נעמען פאַר אַ ווייב, אָדער זי געבן צו דעם זון פאַר אַ ווייב, און אירע קינדער האָבן די זעלבע

ירושה־רעכט ווי די אַנדערע קינדער. ביי פדיון שבויים האָט די מאַמע די בחירה פאַר דעם טאַטן. אמת, אויך אין די נעגאַטיווע געשעענישן פון פאָלק באַטייליקט זיך די פרוי גלייך מיטן מאַן. (מעשה עגל).

ס׳איז ווערט צו באַטראַכטן די געוואַלדיקע שטאַרקע פּערזענלעכקייט פון דבורה הנביאה, וועלכע איז אַזוי פּראָמינענט אין דער שופטים תקופה. זי, אַ פרוי, ווערט אָנגערופן די ערשטע נביאה נאָך דעם נביא־הנביאים, משהן (און מרים), און ניט נאָר איז זי נביאה, נאָר אויך אַ פּאָליטישע פירערין, וואָס פאַראייניקט די יידישע שבטים, וואָס זיינען געשטעלט אין סכנה דורך כנענישן שונא, מלך יבין. זי וועקט זיי צום קאַמף און באַאיינפלוסט דעם שר צבא ברק בן אבינועם זיי צו פירן אין מלחמה; באַזיגט דעם שונא און זינגט איר שירה פון נצחון, וואָס איז אַריין אין אוצר פון תנ״ך.

(קען מען זי ניט פאַרגלייכן מיט גאָלדען פון אונדזער צייט?...).

חנה, די מוטער פון שמואל הנביא, אויך פון דער שופטים תקופה, איז אין קעגנזאַץ פון דבורהן, אַ שטילע, באַשיידענע, צאַרטע פרוי, וואָס מיט איר שטילן געוויין בעט זי אויס ביי גאָט אַ זון, שמואלן, וואָס פאַרפולט איר לעבן. מען זאָגט אַז זי האָט איינגעשטעלט דעם סיסטעם פון דאַווענען די עמידה, דורך מעדיטאַציע. אויך איר ליבגעזאַנג צו גאָט ווערט פאַררעכנט צווישן די צען פּאָעמעס פון תנ״ך.

צוויי פרויען זיינען אפילו זוכה געווען צו האָבן מגילות אויף זייערע נעמען און זיינען באַליבט און פאַרהייליקט ביים פאָלק פונקט ווי די אַנדערע העלדן פון תנ״ך: די מגילות רות און אסתר. דער אינהאַלט איז באַקאַנט. פון רותן שטאַמט אַרויס דוד המלך און די אַלע שפּעטערדיקע מלכי יהודה, און אַ דאַנק אסתרן האָבן מיר געהאַט דעם נס פון פורים.

אַ פּאָר ווערטער וועגן די חתונה מינהגים, וואָס ווייזט ווי יידן באַציען זיך צו דער פרוי. אין דער תורה און אין תלמוד איז די משפחה דער עיקרדיקער, קאַרדינאַלער באַשטאַנדטייל אין דער געזעלשאַפט. חתונה האָבן איז אַ סובלימאַציע, אַ דערהייבונג פון אַן עגאָצענטרישן לעבן צו אַן אַלטרואיסטישער באַציונג צו אַ צווייטער פּערזענלעכקייט, אַ לעבנס־שותף, און יהדות קוקט אויף חתונה ווי אַ השלמה, אַ דערגאַנצונג פון באַשאַף.

די ערשטע מצווה צום מענטשן איז „פרו ורבו״ — פּרוכפּרעט זיך און מערט אייך און פילט אָן די ערד. דורך דעם זיווג, די עכטע ליבע, ווערט דער מענטש אַ שותף צום באַשעפער אין דעם מעשה בראשית, דורך ממשיך זיין יצירה און קיום המין. דערפאַר האַלטן יידן, אַז חתונה האָבן איז אַ הייליקער אַקט, באַהייליקט דורך אהבה, רעות, אחווה... און די חכמי התלמוד האָבן געטאָן אַלץ כדי צו שטאַרקן שלום בית. עס ווערט געבראַכט: איש ואשה זכו, שכינה ביניהם — אויב מאַן און פרוי, ביידע צוזאַמען גייען אין גלייכן וועג, פירן זיך אנשטענדיק, שוועבט צווישן זיי די שכינה — „יה״: די יוד פון איש און די הא פון אשה שאַפן צוזאַמען גאָטס נאָמען, די שכינה פאַרבינדט זיי און מאַכט ס׳זאָל הערשן שלום בית. אָן דעם איז דאָס „אש״־פייער...

דער שלום בית איז אויך באַזונגען געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור. גענוג צו דערמאָנען די דערציילונג „שלום־בית״ ביי פּרצן, ווו חיים, דער אָרעמער טרעגער, בונטעוועט זיך קעגן דער רבנישער איינשטעלונג, אַז דאָס ווייב איז אַ פוסבענקעלע. אָ, ניין, ער וועט ניט דערלאָזן אַזאַ זאַך, זיין חנה וועט מוזן זיצן מיט אים צוזאַמען אויפן שטול, אויף יענער וועלט, ביי דער סעודהניו...

דאָס שיינע יידישע פאַמיליע־לעבן ווערט אויך באַוואונדערט אפילו דורך גויים. נאָך אין חומש זעען מיר ווי אַ שונא ישראל, בלעם, האָט עס באַמערקט און באַוואונדערט און בעל כרחו געזונגען אַ ליבגעזאַנג: „מה טובו אוהליך יעקב״ (ווי גוט זיינען דיינע געצעלטן, יעקב).

ווי געזאָגט פריער, האָבן חז״ל באַשיצט די יידישע פרוי, דערפאַר טאַקע האָבן זיי ניט דערמוטיקט פּאָליגאַמיע, הגם אין יהדות איז עס ניט געווען פאַרבאָטן. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז קיין גוטס פון דעם קומט ניט אַרויס; עס איז אַ מקור פון קריגערייען, פון קנאה און שנאה, און צעשטערט דעם שלום בית און פרידלעכן צוזאַמענלעבן. בכלל האָט דאָס פאָלק ניט פּראַקטיצירט פּאָליגאַמיע. חוץ צרות האָט

עס אויך געשמעקט מיט גרויסע הוצאות. מלכים האָבן זיך יאָ דערלויבט דעם לוקסוס.

מיר ווייסן, אַז אָדם הראשון האָט זיך אויסגעלעבט זיינע יאָרן מיט איין ווייב, מיט חוהן, און דווקא דערגאַנגען צו אַ טיפן עלטער (930). דער ערשטער וואָס האָט געהאַט צוויי ווייבער איז געווען למך (און קיין נחת פון זיי האָט ער אויך ניט געהאַט). דערפאַר אפשר הייסט ער לעמעך. עס איז דאָ אַ תלמודיש ווערטל: ווען אַ מאַן האָט צוויי ווייבער, איינע אַן אַלטע און איינע אַ יונגע, צופּט די אַלטע זיינע שוואַרצע האָר פון קאָפּ און די יונגע צופּט די גרויע האָר און דער מאַן בלייבט מיט אַ פּליך („קרח מכאן וקרח מכאן").

אין תלמוד איז דאָ אַ גאַנצע אָפּטיילונג וואָס הייסט „נשים". ד"ה, אַ זעקסטל פון ש"ס באַהאַנדלט פרויען־אָנגעלעגנהייטן, ווי חתונה, קדושין, גטין. און די חכמים האָבן אַלץ געזוכט צו פאַרבעסערן דעם מצב פון דער פרוי; זיי האָבן זיך אָנגענומען פאַר אירע רעכט און האָבן איינגעפירט תקנות צו פאַרבעסערן איר לאַגע. שוין אין ערשטן יאָרהונדערט פלעגט די פרוי באַקומען אַ כתובה — אַ געשריבענעם קאָנטראַקט, וואָס האָט מחייב געווען דעם מאַן זי צו באַזאָרגן מיט חיונה, קליידונג און אפילו צירונג.

דער גרעסטער באַשיצער פון פרויען־רעכט איז געווען רבנו גרשם מאור הגולה, אין צענטן יאָרהונדערט. ער האָט איינגעפירט די תקנה וואָס טראָגט זיין נאָמען: חרם דרבנו גרשם, וואָס האָט פאַקטיש אָפּגעשאַפט ביגאַמיע ביי יידן; ער האָט אויך פאַרבאָטן גט בעל כרחה, ד"ה, גטן אַ ווייב קעגן איר ווילן, וואָס לויט דער תורה איז עס יאָ דערלויבט. אַלע אַשכנזישע קהילות האָבן עס אָנגענומען מיט דער גרעסטער האַרבקייט. אין די אַראַבישע קהילות, און ספּעציעל ביי די תימנער יידן, איז נאָך אָנגעגאַנגען פיל־ווייבעריי, ביז דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל. אין 1951 האָט ישראל אָנגענומען דעם איסור פון פּאָליגאַמיע.

עס איז אויך כדאי אַריינצוקוקן אין אונדזער לאַנגער גלות געשיכטע און זען דעם קאָלאָסאַלן אָנטייל, וואָס די פרוי האָט גענומען אין מאָמענטן פון קריזיסן, ווען דאָס פּאָלק איז געווען אין סכנה. אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט זי זיך דערהייבן ובפועל ממש ביז מסירת נפש. אונדזער מאַרטיראָלאָגיע ווייסט צו דערציילן פון אַ חנה ושבעת בניה, וועלכע האָט דערמוטיקט אירע זיבן זין אומצוקומען אויף קידוש השם איידער צו בוקן זיך צום גריכישן אָפּגאָט.

ווי לעגענדאַריש קלינגט די קרבנות־גרייטקייט פון אַזאַ דאָנאַ גראַציאַ, די רייכע, שיינע אַלמנה דע לונאַ פון פּאָרטוגאַל, וועלכע, פאַרשטעלט ווי אַ קריסטין, ראַטעוועט זי צענדליקער יידן ביז זי אַליין פאַלט אַריין אין די הענט פון דער אינקוויזיציע און שטאַרבט אַליין אויף קידוש השם. דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ פון פראַנציסקאָ ביגועירא, וועלכע וואַרפט זיך אין פייער מיט שמע ישראל אויף די ליפּן. די מסירת נפש פון די יידישע פרויען אין כמעלניצקיס צייטן, ביי די גזירות ת"ח ות"ט, איז אַ גלאָררייכער קאַפּיטל אין אונדזער מאַרטיראָלאָגיע. שלום אַש באַשרייבט עס אין „קידוש השם".

און אַז מיר קומען צו דער איצטיקער צייט, די פינצטערע עפּאָכע פון יידישן אומקום אין די גרויליקע נאַצי־יאָרן, האָבן מיר אָן אַ צאָל יידישע פרויען, וועלכע האָבן אין אָנבליק פון טויט, געפירט אַ מסירות־נפש קאַמף קעגן די רוצחים. זייערע נעמען וועלן אויף תמיד באַשיינען די בלעטער פון אונדזער געשיכטע.

ווער קען זיי אויסרעכענען אָט די טויזנטער אַנאָנימע פרויען, וואָס אָן אונטערשייד פון באַוועגונג, ריכטונג און אידעאָלאָגיע, זיינען געפאַלן און מקדש השם געווען. פון די וואָס מ'ווייסט יאָ, וועל איך פרווון דערמאָנען נאָר עטלעכע, ווי: צביה לובעטקין, די פרוי פון געטאָ־העלד יצחק אַנטעק צוקערמאַן, וועלכע האָט צוזאַמען מיט אומצאָליקע פרויען און יונגע מיידלעך געהאָלפן אָרגאַניזירן אַ טראַגישן פאַרמעסט מיטן שונא.; די לערערקע מירע, וועמען דער פּאָעט א. סוצקעווער פאַראייביקט אין אַ ליד אונטער דעם זעלבן נאָמען; די 93 יידישע טעכטער, בית־יעקב־מיידלעך, וואָס זייער אויפפיר קלינגט ווי אַ לעגענדע: זיי האָבן אויסגעקליבן זעלבסטמאָרד איידער זיך איבערגעבן צו די טמאים.

ווי קען מען אויסלאָזן אויך דעם שטראָ־לנדיקן נאָמען פון חנה סענעש, וועלכע האָט זיך מקריב געווען אויפן מזבח פון גאולה און הצלה. זי איז געכאַפּט געוואָרן און געפּייניקט געוואָרן, אָבער ניט אויס־געזאָגט קיינע סודות. „ביין, ניט קיין רחמנות ביי די רוצחים וועל איך בעטן, כ׳וועל בעסער שטאַרבן און מיט מיין טויט אָנצינדן הערצער,״ זאָגט זי. יאָ, זי האָט אָנגעצונדן אַ פלאַם אין די הער־צער פון די פרייהייט־קעמפערס פאַר מדי־נת ישראל. (אשרי הגפרור שנדלק והצית לבבות).

אויך אין דער באַנייטער מדינה, אויף די פעלדער פון גליל און יהודה, אויף די הייסע זאַמדן פון נגב, אין שטאָט און אין קיבוץ, אין פאַבריק, אין אוניווערסיטעט, אויף די פראָנטן פון סיני און רמות הגולן, אין כנסת און אין היכל התרבות—אומע־טום שטייט די פרוי גלייך מיטן מאַן אין אַלע אונטערנעמונגען, אָן אונטערשייד—שטענדיק אין די ערשטע רייען, אין פריידן און אין ליידן, אין שמחות און אין טרויער, אין חורבן און אין אויפבוי—אומעטום איז זי פאַרטראָטן. זי איז אַן אמתע אשת חיל.

ניט קיין ווונדער, וואָס עס איז איינ־געשטעלט געוואָרן אַזאַ שיינער מנהג, און דווקא די פרומע היטן עס אָפּ, אַז פרייטאָג־צו־נאַכטס, ווען דער מאַן קומט אַהיים פון שול, זינגט ער לכבוד זיין פרוי אַ העך לעכן לויבגעזאַנג, אַ סערענאַדע „אשת חיל מי ימצא״ (משלי ל״א), צוגעשריבן צו שלמה המלך. עס לייענט זיך אַזוי אין דער איבערזעצונג פון י. י. שוואַרץ:

וועך קען אַן אשת חיל, קרוין פון איר מאַן געפינען,
אַ פרוי, אַ פרומע, פיל מיט מעשים טובים געווינען.
דאָס גאַנצע הויז האָט זי אויף אירע פּלייצעס געטראָגן,
אַז איר מאַן זאָל אין בית מדרש גאָטס וואָרט קענען זאָגן.
האָט ציצית געשפּונען פאַר רייך און פאַר אָרעם
און פאָדעם געוועבט אויף צוניפניייען ספרים.

שמואל הנגיד

# אַ תפילה

מיין גאָט, זאָלסט דיין מעכטיקן אָרעם
פאַר אונדז היינט אין גבורה אַנטבלויזן;
פון אדום באַהיט און באַשירעם
די קינדער פון פאָטער פון גרויסן.

די יענע, פאַרוויקלט אין גאווה,
וואָס לאַכן זיך אויס אין דיין פנים—
זאָלסט מיט געשריי פון דיין צאָרן
פאַרניכטן די בלוטיקע שונאים.

וואָס טרעטן דיין רצון אַריבער—
דיין בונד מיט זיי זאָלסטו צעשטערן;
און היט אָפּ דיין שבועה צו דוד,
ווי דו האָסט אַ מאָל געטאָן שווערן.

מיט פעלקער וואָס שטרעקן די הענט אויס
און ווערגן און קוילען און שענדן—
דיין גרימצאָרן זאָל זיי דערגרייכן
און ס׳זאָל זיי דיין פייער פאַרלענדן!

יידיש פון י. י. שוואַרץ

לעוסקים בצרכי ציבור תרבותיים
באמונה ובפרט לידידנו
אַלעקס ראָבין
בן השמונים — ברכות.
זאב ורבקה סאַליס

מיר ווינטשן
ר׳ אברהם גאָלאָמב און רבקהן
אַ שנה טובה אוןביידן אַ רפואה שלימה.

יוסף פאַניץ

אריה פאַזי

# פּאַראַפּסיכאָלאָגיע— אַ באַגרינדונג און פאַרטײַטשונג

(המשך פון פריערדיקן נומער „חשבון“)

## 5. די אמונה אַז אויס איז ניט אויס

ס'איז אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. אַ מענטש — אַט געלעבט, געריעדט, געווען אַקטיוו, געזאַמלט רייכטימערס, זיי אָפּגע־היט, זיך געעסקט פּריוואַט און געזעל־שאַפטלעך און פּלוצים: אויס! ניטאָ מער דער מענטש! מ'רופט עס — געשטאָרבן... טויט...

אַזוי זעט עס אויס. קיינער לייקנט עס ניט, קיינער קען ניט לייקענען.

אָבער — אויסטערליש: ביי יידן, און אַזוי אויך ביי אַ סך אַנדערע פעלקער און מענטשן, סיי ביי זייער פּרימיטיווע מענטשן און סיי ביי העכסט פאַרגעשריי־טענע מענטשן, איז טיף איין געפּיל און געדאַנק פאַרבאַרגן אַן אמונה, אַז דער אויס איז ניט אויס, אַז טויט פון גוף איז ניט טויט פון מענטש, אַז גוף איז ניט באמת מענטש, אַז גוף איז ניט מער ווי אַ מלבוש פאַר דעם עיקר וואָס איז מענטש און אַז ווען מענטש שטאַרבט, איז עס ניט קיין אַנדער זאַך ווי דאָס וואָס ער טוט זיך אויס פון זיין מלבוש־גוף, אָבער ער אַליין, דער סאַמע עיקר, וואָס מיר רופן מענטש, — ניט נאָר בלייבט ער לעבן, נאָר ער גייט אַריבער אין אַן אומגעהייער טיפען, אומגעהייער ווילפולערן לעבן.

מיר רופן עס השארת הנפש.

און וועגן דעם האָט זיך אין די לעצטע פאַר הונדערט יאָר אַנטוויקלט אַן אינטע־רעסאַנטע פאַרצווייגטע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג.

אָבער ניט געקוקט אויף דעם, געפינען זיך פאַרט אַ סך מענטשן, וואָס צווייפלען אין אַט דער אמונה. זיי צווייפלען אין דעם אַלעמען, וואָס ווערט פאַר מענטשן ניט באַשטעטיקט דורך זיינע פינף פיזישע חושים.

אָבער די דאָזיקע פיזישע חושים זיינען דאָך אויך געניאַרט. דער פאַקט איז דאָך, אַז די דאָזיקע חושים אַליין זיינען ניט אַ קוואַל פאַר זיך אַליין, נאָר זיי זיינען אַ געצייג פאַר עטוואָס אַנדערש, וואָס מיר רופן שכל.

און וואָס איז שכל? פון וואַנען שטאַמט ער?

איז דער ענטפער אויף דעם: מוח. דער מענטשלעכער מוח. דער מאַרך וואָס גע־פינט זיך פאַרהוילן אונטער דעם שאַרבן פונעם קאָפּ פון מענטש.

און וועגן אַט דעם געביט—מאַרך, הייסט עס — איז ניט נאָר כדאי, נאָר ס'איז אומ־געוויינלעך וויכטיק, אַז מענטש זאָל עס באַנעמען און וועגן דעם זיך פאַרטראַכטן.

ס'רעדט זיך וועגן זיך פאַרטראַכטן, אָבער דער עצם פון פאַרטראַכטונג איז דאָך ניט קיין אַנדער זאַך ווי די באַנוצונג פונעם מאַרך צו דערקענען זיך אַליין. און לויט אונדזער מענטשלעכער דערפאַרונג ווייסן מיר, אַז די דערקענונג פון זיך אַליין איז ניט מעגלעך סיידן דורך אַ זייטיקן אָביעק־טיוון אַנאַליז.

און דער דאָזיקער זייטיקער אָביעקטי־ווער אַנאַליז פירט אונדז — מוז אונדז פירן! — צו דער דערקענונג, אַז דאָס וואָס אַנאַליזירט אונדז איז באמת דער איך פונעם מענטש, וואָס איז נאָר פאַרקליידט אינעם גוף, און אַז דער איך בוצט דעם מוח, אָדער מאַרך, פונעם מענטש בלויז ווי אַ געצייג פאַרן אויסדרוק פון דעם וואָס ער, דער איך, איז אַליין.

און ווען מ'טראַכט עס, איז דער מאַרך אַליין דאָך אויך ממש וווּנדער איבער וווּנדער.

## 6. דער פלאַי־פלאָים פון מענטשלעכן מוח

לאָמיר עס פּרוּוון אַנאַליזירן אויף וויפל מענטשלעכער וויסן האָט עס ביז איצט דערקענט, אָדער האָט זיך איינגערעדט אַז ער האָט עס דערקענט.

קודם, און דאָס איז אין דער מענטשלעכער וויסנשאַפטלעכער דערקענטעניש. אין מענטשלעכן גוף איז איינגעפּלאַנצט אַ נערוון־סיסטעם. אָבער וואָס איז דער נערוון־סיסטעם? — פאַרטראַכט זיך וועגן דעם, קען דאָס זיין זינען ממש ניט באַנעמען. ס'איז אַזוי פאַנטאַסטיש און קאָמפּליצירט, אַז פאַר דעם באַגרענעצטן פאַרשטאַנד פון מענטש איז עס שווער צו באַגרייפן און צו באַנעמען זיין באַטייט.

לאָמיר פּרווון באַקלערן (לויט וויפל די מענטשלעכע השגה קען גרייכן דאָס צו טאָן) דעם עצם פון מענטשלעכן מוח, וואָס איז די גלאַנציקע קרוין פון מענטשלעכן נערוון־סיסטעם.

פאַרזיכטיק באַשירעמט דורך אַ ביינערדיקן שאַרבן, פאַרנעמט דער מאַרך גאָר אַ קליינעם שטח — אַן ערך 90 קוביש אינטשעס און וועגט אַרום דריי פונט. ס'איז אָבער אַ פלאַי־פלאים פון אַזוי פיל אומגעהייערע קאָמפּלעקסן אין אַזאַ אומגעווינלעך מיניאַטורן שטח.

מחמת אין דעם מאַרך זיינען פאַרהוילן אַרום צען מיליאַרד נערוו־צעלן, וואָס רופן זיך ניוראָנען, און אַרום הונדערט מיליאַרד אַנדערע צעלן, וואָס רופן זיך גליאַ — 110 מיליאַרד פונקציאָנירנדיקע באַשטאַנדטיילן אַריינגעפּאַקט אין אָט אַזאַ מיניאַטור שטח פון מענטשנס מאַרך!

(אפשר אַזוי אויך אין די מוחות פון די אַנדערע באַשעפענישן אויף דער ערד, סיי אין וואַסער און סיי אויף דער יבשה, אָבער מיט זיי האָבן מיר דאָך ניט קיין געמיינשאַפטלעכן לשון און מיר קענען זיך מיט זיי ניט צוזאַמענריידן).

די לעצטע מיקראָ־מיניאַטורן פון עלעקטרישע ציקלען, וואָס זיינען אַנטוויקלט געוואָרן פון די קאָמפּיוטער־אינזשענערן האָבן אפילו קיין שאָטן־באַטרעף ניט לגבי דעם.

וואָס איז מער חידושדיק איז די ווונדערלעכע—ממש פלאימדיקע—פיזישע קרובהשאַפט צווישן די ניוראָנען פאַר זיך אַליין און צווישן די ניוראָנען און די גליאַס. מחמת, הגם אינפאָרמאַציע ווערט געגעבן אין מאַרך פון ניוראָנען צו ניוראָנען, אַזוי ווי דורך עלעקטרישע סיגנאַלן, זיינען, פון דעסטוועגן, זייער ווייניק פון די צען מיליאַרד ניוראָנען פיזיש פאַרבונדן צווישן אַנאַנד. ברעקלעך בלויזן, אָדער שרונטן, וואָס רופן זיך סינאַפּסן—די ברייט פון אַרום איין מיליאָנטל פון אַ מילימעטער — טיילן פאַנאַנדער די באַזונדערע ניוראָנען.

בכדי איבערצוקומען פון איין ניוראָן צו אַ צווייטן, ווערן די סיגנאַלן אַריבערגעטראָגן איבער דעם דאָזיקן סינאַפּסן שטח דורך דער פאַרמיטלונג פון אַלערליי כעמישע סובסטאַנצן. בכן, דער מוח פון מענטש קען געטייטשט ווערן ווי אַן עלעקטראָ־כעמישע „מאַשין“, אָדער „מאָטאָר“.

און די גליאַ, פאַר זיך אַליין, טיילן זיך אויס פון די ניוראָנען, וואָס זיי רינגלען אַרום, דורך ממש פאַנטאַסטישע קליינע מרחקים, אפילו קלענער פון די סינאַפּסן וואָס טיילן פאַנאַנדער די ניוראָנען. אפילו, און הגם, די הונדערט מיליאַרד גליאַס, וואָס פאַרנעמען לפי ערך אַ העלפט פון דעם מוח, ווייסט מענטש נאָך אַלץ ניט אויף באַשטימט וואָס זיי, די גליאַס, טוען אויף.

איניקע גליאַס געפינען זיך צווישן די ניוראָנען און בלוט־אָדערן. בכן, קען עס געטייטשט ווערן, אַז די דאָזיקע גליאַס טוען, אויף אַ וועלכן ניט איז ווונדערלעכן שטייגער, צוברענגען, אָדער צוטראָגן, באַשפּייזונג צו די ניוראָנען און רייניקן זיי אויך אָפּ זייערע אָפּפאַלן. אַנדערע גליאַס זיינען ספּיראַליש אינטים אַרומגעוועבט אַרום די ניוראָנען — הגם באמת רירן זיי זיי ניט אָן — און, ווי מ'שטעלט זיך פאָר, זייער פונקציע איז צו דינען ווי אינסולאַטאָרן צו באַשירעמען די עלעקטרישע סיגנאַלן וואָס שטראָמען אין די ניוראָנען ווען זיי רינגלען אַרום. פאַר זיך אַליין פירן די גליאַס ניט דורך קיין עלעקטרישע שטראָמען אָדער סיגנאַלן.

די עלעקטראָ־כעמישע אַקטיוויטעט פונעם מאַרך אינפאָרמירט מענטשן ניט נאָר וועגן דעם דרויסנדיקן עולם ומלואו וואָס רינגלט אונדז אַרום און אין וועלכן מיר זיינען אַריינגעטאָן, נאָר ס'באַוועגט אויך און רעגולירט דעם אינעווייניקסטן געביט וואָס איז א י ן אונדז אַליין. דער מוח דערהאַלט די אינפאָרמאַציע פון די סיגנאַלן וואָס שטראָמען אַריין אַן אויפהער

דורך די אויגן, די אויערן, דער נאָז, דער צונג, די פינגער, און אירע ניוראָנען קענען גלייכצייטיק פּראָצעסירן און אינטערפּרעטירן די דאָזיקע סיגנאַלן, ווי, למשל, די קאָלירן פון בלומען, די טענער פון אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט, דעם אַראָמאַט פון אַ פריש געקאָכטן מאכל, דעם געווירץ פון בשמים, אָדער, נאָך מער, דעם ריטם פון אַ פּאָעטישער שאַפונג.

אָבער דער מאַרך ווערט אויך באַטראַכט פאַר דעם אָרט ווו עס געפינט זיך אונדזער באַוווסטזיין, שעפערישקייט און אויפפירונג. פרעגט זיך: ווי קענען עלעקטרישע סיגנאַלן וואָס שטראָמען אין די ניוראָנס, באַשטימען די דאָזיקע מענטשלעכע קוואַליטעטן?...

דער ענטפער אויף דעם איז — תיקו!... מיר ווייסן ניט...

מיר ווייסן אָבער יאָ, אַז דער מוח, ווי אַן עלעקטראָ־כעמישע „מאַשין" (מיר נוצן דאָס וואָרט מאַשין, ווייל מיר האָבן ניט פאַר דעם קיין אַנדער פּאַסיק וואָרט), קריגט אַרויס איר ענערגיע, דורך וואָס זי קאָן פונקציאָנירן דורך אַ געמיש פון אָקסיגען מיט אַ הייצוואַרג — דער עיקר אַ צוקער, וואָס ווערט גערופן גלוקאָז. עס נוצט ביידע זאַכן — אָקסיגען און גלוקאָז — אין גרויסע מאָסן. אַזוי אַרום קומט פאָר, אַז הגם דער מאַרך פאַרנעמט ניט מער ווי צוויי פּראָצענט פון אַ מענטשלעכן קערפּער, פאַרנוצט ער מער פון צוואַנציק פּראָצענט פון דעם אָקסיגען וואָס מענטש אָטעמט אַריין און עס „פאַרברענט" יעדע שעה לפי ערך אַ טיי־לעפעלע גלוקאָז. ס'זעט אויס ווי אַ באמת זייער אַן אַקטיווע מאַשין.

ווען אַ מענטש שלאָפט, איז די אָקסיגען־פאַרצערונג פון זיין מאַרך ניט ווייניקער נאָרמאַל ווי ווען ער איז וואַך, אָבער דער צופלוס פון בלוט צו זיין מאַרך ווערט פּאַקטיש נאָך פאַרגרעסערט. בכן, צי אַ מענטש שלאָפט אָדער ער איז וואַך, הערט ניט אויף צו פונקציאָנירן און צו „אַרבעטן" זיין מאַרך־„מאַשין". און ווען מענטש קאָנצענטרירט זיך צו דערליידיקן שווערע פּראָבלעמען, ווי למשל, אַ שווערער און קאָמפּליצירטער מאַטעמאַטישער אָדער בכלל אַ נאַטור־פאָרשערישער פּראָבלעם — איז דער אָקסיגען־פאַרנוץ פון דעם מאַרך נאָך אַלץ נאָרמאַל. דער מוח פאַרנוצט אין נאָרמאַלע צושטאַנדן ניט מער און ניט ווייניקער אָקסיגען ווי בעת אָנגעשטרענגטע געלעגנהייטן.

אומגלויבלעך?... אומפאַרטשעדלעך?... אָבער ס'איז וויסנשאַפטלעך באַשטעטיקט געוואָרן, אַז ס'איז פּאָרט אַזוי. די בערך פיר מיליאַרד מענטשן, וואָס זיינען אַרויפגעשטיגן און געפינען זיך אויפן באָרט פון דער ערד־שיף, וואָס שווימט אין דעם אומגעהייערן קאָסמאָס־שטח אַרום דער זון, זיינען אַלע אויסגעשטאַט מיט דער זעלביקער ביאָלאָגישער „מאַשין".

און נאָך מער: לאַבאָראַטאָרישע שטודיעס האָבן ניט געקענט אויסגעפינען קיין אונטערשייד צווישן די מאַרך־צעלן פון סאַמע גאונים — לאָמיר זאָגן דעם גאונישסטן פון גאונים פון אונדזער צייט, אַלבערט איינשטיין — און די מאַרך־צעלן פון דעם געוויינלעכן פשוטן מענטש אויף דער ערד. מיר ווייסן לחלוטין ניט ווי אַזוי די עלעקטראָ־כעמישע סיגנאַלן פון ניוראָנס און די ביאָכעמישע פונקציעס פון גליאָ ווירקט אויף מאַרק שאַגאַלן צו מאָלן זיינע בילדער, צו שאַפן די מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס פון אַ בעטהאָווען, צו שרייבן דעם „מורה נבוכים" פון רמב"ם אָדער די לידער פון אַ יהודה הלוי, אָדער אויסצורעכענען די מאַטעמאַטישע איינשטעלן פון דער רעלאַטיוויטעט טעאָריע פון דעם פריער דערמאָנטן גאונישן אַלבערט איינשטיין, אָדער צו האָבן די איינזעניש ווי אָפּצושאַצן דעם פאַקט, אַז אַלע שפייזן וואָס מיר עסן קומען אָן צו אונדז ווי אַ פועל יוצא פון דער ענערגיע וואָס ווערט אונדז צוגעשטעלט דורך די שטראַלן פון דער זון.

אַזוי אויך פאַרמאָגט קיין איינציק פאָלק ניט אַ וועלכן ניט איז מאָנאָפּאָל אויף וויסנשאַפטן אָדער חכמה. וויסנשאַפטלערס, קינסטלערס, חכמים, טיפזיניקע דענקערס און גערעכטיקע מענטשן זיינען צעשפּרייט צווישן אַלע פעלקער, אין אַלערלייאיקע צייטן, איבער אַלע טיילן פון דער ערד. הלוואי וואָלט נאָר פרידלעכקייט און ברידערלעכקייט אָנגעהאַלטן ווערן צווישן מענטש און מענטש און פאָלק און פאָלק און מענטש זאָל, ווי דער נביא האָט געווונטשן, צעשמעלצן זיינע שווערדן

אויף אַקעראַיזונס און אויפהערן מושטירן זיך אויף מלחמה.

## 7. השאָרת הנפש

איצט צוריק צו דעם אָנגעוויזענעם געדאַנק פון לעבן נאָכן, וואָס מיר רופן אָן, „טויט". און דערביי וועלן מיר זיך צוריקקערן צו די פאָרשונגען פון עליזאַבעט קובלער־ראָס, וואָס אויף זיי איז אָנגעמערקט געוואָרן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל (נומ. 4).

וויכטיק דערביי צו אָנמערקן, אַז די גרעסטע צאָל פון די אנערקענטסטע וויסנשאַפטלערס פון איצטיקן דור, וואָס פאָרשן די אויפוויזן פון לעבן נאָכן טויט, זיינען איצט געקומען צו אַ הסכם, אַז השאָרת הנפש איז בלי שום ספק אַ דבר של קיימא, און אַז גאָר אין גיכן וועט עס אַרויסגעבראַכט ווערן ווי אַ באַשטעטיקטער פאַקט.

„מיר ווייסן, אַז ס'איז פאַראַן לעבן נאָכן טויט — און מיר זאַמלען די אומגעהייערע צאָל ראיות וואָס באַשטעטיקן דאָס אויף אַ וויסנשאַפטלעכן שטייגער," קלערט אויף ד"ר עליזאַבעט ראָס, וועלכע איז איינע פון די אַמעריקאַנער גרעסטע עקספּערטן וואָס פאָרשן דעם געביט פון טויט און שטאַרבן.

„לעבן נאָכן טויט איז אַזוי פּראַקטיק און אָנגענעם, אַז מענטשן, וואָס קערן זיך אום נאָכן קליניש 'טויט', איז זייער זעלטן אַז זיי ווילן צוריקקערן זיך צום לעבן", האָט ד"ר ראָס דעם ענין נאָך מער אויפגעקלערט.

אין פילצאָליקע פאַלן האָבן זיי אַכטונג געגעבן אויף מענטשן בעת זיי זיינען געווען אין אַ מצב פון גסיסה, אָבער האָבן בעת מעשה געקענט ריידן און זיינען געווען אין קלאָרן פאַרשטאַנד, און זיי האָבן איבערגעגעבן, אַז זייערע פון פריער פאַרשטאָרבענע קרובים און פריינד געפינען זיך איצט לעבן זיי צו העלפן זיי אַריבערצוקומען אויף יענער וועלט.

אויך זיינען געשען פאַלן פון מענטשן וואָס—פון קליניש שטאַנדפּונקט—זיינען זיי באמת געשטאָרבן, אָבער זיינען באַלד נאָך דעם, דורך די אַלערלייאיקע סאָפיסטיצירטע מעדיצינישע מיטלען, צוריק געבראַכט געוואָרן צום פיזישן לעבן — האָבן זיי באַריכטעט עטלעכע ממש שטוינענדיקע דערפאַרונגען אין משך פון דער קורצער צייט ווען זיי זיינען געווען „טויט".

וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען האָבן אויך אַנטפּלעקט, אַז ס'זיינען געווען אַ סך פאַלן ווען פאַרשטאָרבענע מענטשן זיינען געקומען צו זיי אין חלום און פאַר זיי אַנטפּלעקט סודות, וואָס קיין לעבעדיקער מענטש האָט וועגן דעם ניט געוווסט.

אָט, למשל, איז באַקאַנט ווי אַ באַשטעטיקטער פאַקט, אַז דער באַרימטער איטאַליענישער פּאָעט אליגהיערי דאַנטע (1321־1265), ווען ער איז געשטאָרבן, האָט ער ניט איבערגעלאָזט דעם סוף, ד"ה די לעצטע פּערזן, פון דעם מאַנוסקריפּט פון זיין באַרימטן קלאַסיש־פּאָעטישן ווערק „די הייליקע קאָמעדיע". זיינע יורשים, וואָס האָבן געוואָלט איבערגעבן דאָס דאָזיקע ווערק צום דרוק, האָבן זיך קיין עצה ניט געקענט געבן וואָס צו טאָן און ווי צו פאַרענדיקן דאָס בוך. זיי האָבן אפילו געפּרוווט אַליין אָנצושרייבן די לעצטע סטאַנזעס פון דער פּאָעמע.

ביז וואַנען דאַנטע אַליין איז געקומען צו איינעם פון זיי אין חלום, און האָט פאַר אים אַנטפּלעקט, אַז די דאָזיקע ניט פאַרענדיקטע פּערזן זיינען פאַרבאָרגן אין ערגעץ אַ פאַרהוילענעם אָרט, הינטער אַ באַשטימט בילד וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט פון זיין אַרבעטס־צימער.

וויסנשאַפטלערס האָבן אַרויסגעבראַכט דאָקומענטירטע פאַקטישע געשעענישן ווו נשמות האָבן באַוויזן ביי סעאַנסן צו ריידן צו די לעבעדיקע.

„איך בין איבערצייגט, און איך האָב וועגן דעם קיין שום ספקות ניט, אַז מענטשן שטאַרבן ניט, זיי לעבן נאָכן טויט", האָט דערקלערט ד"ר עליזאַבעט ראָס. „איך האָב געזען", האָט זי געזאָגט, „מער פון טויזנט מענטשן בעת זייער גסיסה — און אײדער זיי זיינען געשטאָרבן, האָבן זיי איבערגעלאָזט אַלערליי גבית עדות, אַז ס'איז דאָ לעבן נאָכן טויט."

„מענטשן וואָס גוססן", האָט ד"ר ראָס ווייטער דערקלערט, „באַריכטן די ווייטערדיקע ענלעכע דערפאַרונגען אײדער זיי שטאַרבן":

„זיי ווערן באַגעגנט פון באַליבטע פריער פאַרשטאָרבענע מענטשן;

„אויב זייערע קערפּערס זיינען אויף אַ וועלכן ניט איז שטייגער פאַרקריפּלט, קריגן זיי אַ שטימונג פון פיזישער גאַנצקייט. צו ביישפּיל: אַ מענטש מיט אַן אַמפּוטירטן פוס, האָט בעת זיין גסיסה געהאַט אַ געפיל ווי ער וואָלט געהאַט ביידע פיס;

„זיי שוועבן אַרויס פון זייערע גופים;

„זיי האָבן אַ געפיל פון גליקזעליקייט און אַן אויפלויכט פון וווּנדערלעכער שיינקייט."

ד"ר עליזאַבעט ראָס איז געקומען צו אירע איבערצייגונגען דורך אירע שטודיעס, ווי אַ פּסיכיאַטאָרין פון אומהיילבאַרע פּאַציענטן אין אַלערליי שפּיטאָלן און באַזונדערס ווי אַן אַנגעשטעלטע פאָרשערין פון דעם שיקאַגאָער אוניווערסיטעט. זי האָט אין שייכות מיט אָט דעם ענין פאַרעפנטלעכט אַ צאָל ביכער און זי האַלט לעקציעס איבער אַלערליי אוניווערסיטעטן איבערן לאַנד פאַר סטודענטן און פּראָפעסיאָנאַלן פון איר פאַך. זי האָט אויסגעפונען, דערציילט זי, אַז מענטשן וואָס גוססן באַריכטן תמיד, אַז זיי זעען זייערע באַליבטע און פריער פאַרשטאָרבענע מענטשן, וואָס זיינען געקומען זיי העלפן איבערצוקומען זייער טויט.

„עס קומט אַזוי אויס, אַלע מאָל, אַז דער פון פריער פאַרשטאָרבענער מענטש, וואָס איז ביים לעבן געווען באַליבט פונעם גוסס, וואַרט ביי זיין בעט צו העלפן אים. אַ גוסס איז קיין מאָל ניט עלנט בעת זיין מיתה", קלערט אויף ד"ר ראָס, און זי גיט צו אַז — אַ סך מענטשן, וואָס זיינען דורך מעדיקערס צוריק געבראַכט געוואָרן צום לעבן נאָכן „טויט", האָבן באַריכטעט אַז זיי זיינען צוריקגעשיקט געוואָרן צו זייערע קערפּערס מחמת צו זיי איז געזאָגט געוואָרן: „דיין צייט איז נאָך ניט געקומען." דערביי האָט ד"ר ראָס דערציילט אַ זייער חידושדיקע זאַך אין שייכות מיט אַ 12־יאָריקער מיידל:

„דאָס מיידל האָט דערציילט איר פאָטער: 'מיך האָט באַגעגנט מיין פאַרשטאָרבענער ברודער און דערביי האָב איך געהאַט אַ געפיל פון אַן אומגעהייער און אומגלייבלעכער ליבשאַפט. איך האָב ניט געוואָלט צוריקקומען צום לעבן, אָבער איך בין צוריקגעשיקט געוואָרן מיט צוואַנג."

„דערנאָך האָט דאָס יונגע מיידעלע געזאָגט: 'ס'איז געווען וווּנדערלעך... אָבער אַ חידוש: איך האָב דאָך ניט קיין טויטן ברודער — האָב איך?...' די עלטערן האָבן ביי אָט דער פראַגע ניט אויסגעהאַלטן און האָבן זיך צעוויינט. דאָס מיידל האָט י אָ געהאַט אַ ברודער, וואָס איז געשטאָרבן, איידער זי איז געבוירן געוואָרן, אָבער אירע עלטערן האָבן איר וועגן דעם ניט דערציילט!"

מענטשן בעת זיי שטאַרבן דערציילן אָפט ווי זיי זעען צו ווי זיי פאַרלאָזן זייערע קערפּערס און קוקן זיך צו גלייכגילטיק וואָס עס געשעט צו זייערע קערפּערס. ד"ר ראָס דערציילט:

„אַ מענטש, וואָס איז איבערגעקומען אַן אויטאָמאָביל אַקצידענט, האָט מיר איבערגעגעבן פּרטים פון דער געשעעניש, וואָס פיזיש האָט ער זיי בשום אופן בעת מעשה ניט געקענט זען — ווייל ער איז געווען פאַרכאַפּט אין זיין אויטאָ ווי אין אַ פּאַסטקע. ער האָט דערציילט, אַז ער האָט 'געזען' זיין אַמפּוטירטן פוס, ווי ער ליגט אויפן וועג, און ער האָט מיר איבערדערציילט אַלע פּרטים ווי עס האָבן זיך אויפגעפירט די אַלע מענטשן, וואָס זיינען געקומען אים צו ראַטעווען. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַלץ געוווּסט וועגן דעם, ווייל ער האָט אַרומגעשוועבט איבער דער סצענע פון דעם אַקצידענט."

„אַן אַנדער פּאַציענטין", דערציילט ד"ר ראָס, „וואָס איז 'געשטאָרבן' אויפן אָפּעראַציע־טיש בעת זי איז אָפּערירט געוואָרן, האָט דערציילט, אַז זי האָט זיך בעת מעשה אָנגעטראָפן מט אַ פריינד, וואָס איז אַ סך פריער שוין געווען טויט און זי האָט דערביי אַכטונג געגעבן ווי אַזוי מ'אָפּערירט איבער איר קערפּער. ס'איז געווען אַ זייער קאָמפּליצירטע אָפּעראַציע און זי האָט איבערדערציילט יעדער וואָרט וואָס איז גערעדט געוואָרן בעת דער אָפּעראַציע און ווי די כירורגן האָבן די אָפּעראַציע אָנגעפירט. הגם די דאָזיקע פרוי האָט זיך בעת מעשה געפונען אונטער פולשטענדיקער אַנעסטעזיא, האָט זי שפּעטער

גענוי דערציילט ווי די כירורגיע איז אַנגעפירט געוואָרן איבער איר קערפּער און די אַלע טעותים וואָס זיינען דערביי געמאַכט געוואָרן און וואָס האָבן שפּעטער באַדאַרפט פאַרריכט ווערן, און וואָס די כירורגן האָבן דערביי גערעדט צווישן זיך — במשך דער צייט ווען זי איז געווען, וואָס מ'רופט אָן, 'טויט'."

די טעטיקייטן פון ד"ר עליזאַבעט ראָס ווערן הויך געשעצט פון די באַטייטנדיקסטע מעדיצינישע און פּסיכיאַטרישע פאָרשערס. ד"ר דניאל פרידמאַן, דער פאָרזיצער פון דעם אָפּטייל פאַר פּסיכיאַטריע אויף דעם אוניווערסיטעט אין שיקאַגאָ, האָט אויסגעדריקט זיין איבערצייגונג, אַז „ד"ר עליזאַבעט ראָס איז אַ מומחה אין שייכות מיט טויט און שטאַרבן. מ'קען בשום אופן ניט אָפּפרעגן אירע פאָרשונגען און דערפאַרונגען. ווי אַ מעדיקערין און פּסיכיאַטערין האָט זי באַזוכט און האָט זיך קאָמוניקירט מיט הונדערטער פּאַציענטן אין דער צייט פון זייער גסיסה."

ד"ר ראָבערט גיבסאָן, דער פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער פּסיכיאַטרישער אַסאָסיאַציע, האָט צו דעם צוגעגעבן: „איך קען ד"ר ראָס זייער גוט און איך קאָן ניט געפינען גענוג ווערטער ווי אויסצודריקן מיין אויסערגעוויינלעכע באַוואונדערונג פאַר איר וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג ווי צו פאַרשטיין די געפילן פון מענטש בעת ער געזעגנט זיך מיט זיין פיזישן וועזן. אירע פאָרשונגען וועגן טויט און גסיסה זיינען הפלא ופלא. ס'וועט האָבן אַ גרויסן ווערט אין משך פון דור דורות."

דער פועל יוצא פון די פאָרשונגען פון ד"ר עליזאַבעט ראָס און די ריכטיקייט פון די געדאַנקען וואָס זי ברענגט אַרויס, ווערן אויך באַשטעטיקט פון אַ צווייטן פאָרשער אויף דעם זעלביקן געביט: ד"ר טשאַרלס גאַרפילד פון דעם מעדיצינישן צענטער אויף דעם קאַליפאָרניער אוניווערסיטעט. ער האָט פאַר זיך אַליין אויך דורכגעפירט ענלעכע פאָרשונגען איבער די שטימונגען און זעאונגען פון מענטשן בעת זייער גסיסה. ער דערציילט:

„מ'זעט עס כסדר, אַז מענטשן וואָס האַלטן ביים שטאַרבן, קומען זיי אַרויס מיט דער דערפאַרונג, אַז זיי ווערן באַזוכט פון פאַרשטאָרבענע פריינד אָדער קרובים און דאָס פאַרלייכטערט זייער פיל זייערע גסיסה־יסורים.

„לעצטנס, צום ביישפּיל," האָט ד"ר גאַרפילד דערציילט, „האָב איך קורירט אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט געליטן גרויליקע ווייטאָגן פון ביין־ראַק. מיר האָבן אָנגעווענדט אַלע מיטלען צו מילדערן אירע ווייטאָגן און קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן... דערנאָך, פּלוצלונג און אומגעריכט, איז איר געוואָרן אַ סך באַקוועמער און זי האָט אויפגעהערט צו ליידן ווייטאָגן. פאַרוואונדערט, האָב איך ביי איר זיך נאָכגעפרעגט וועגן דעם. צום סוף האָט זי מיר דערקלערט: איר פאַרשטאָרבענע מאַמע האָט זיך צו איר באַוויזן און האָט איר געזאָגט, אַז זיי וועלן באַלד זיך ווידער פאַראייניקן. איר מוטערס צוזאָג האָט דער קראַנקער פרוי געבראַכט אָן אַ שיעור צופרידנקייט און באַלד נאָך דעם איז זי געשטאָרבן — געשטאָרבן אַ צופרידענע."

און ד"ר גאַרפילד האָט דערביי צוגעגעבן: „איך גלייב אין השארת הנפש. איך בין זיכער, אַז פאָרשונגען אויף אָט דעם געביט וועלן באַשטימען אויף זיכער, אַז מענטש שטאַרבט ניט — ער לעבט נאָכן טויט."

און אָט די געדאַנקען פון ד"ר גאַרפילד ווערן נאָך מער איבערצייגנדיק אַרויסגעבראַכט פון ד"ר קאַרליס אָסיס, אַ דאָקטאָר פון פּסיכיאַטריע און אַן אָנפירנדיקער פּסיכישער פאָרשער, וואָס האָט אַ סך געפאָרשט דעם ענין מיט דער הילף פון אַ סך שפּיטאָל־דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטערס:

ד"ר אָסיס קלערט אויף: „איך האָב אָנגעקליבן הונדערטער עד־ראיה באַריכטן וועגן גסיסה, און יעדער מאָל ווערט איבערגעגעבן אַז פאַר די מענטשן וואָס גוססן ווערן אַנטפּלעקט ווייזגעבונגען פון פריינד און משפּחה־קרובים, וואָס קומען אַריבערצופירן דעם גוסס צו אַן אַנדער קיום. געווינטלעך שטאַרבט דער גוסס אין משך פון צען מינוט נאָך זיין ווייזגעבונג... און ווען די ווייזגעבונג באַווייזט זיך פאַר אים, באַרואיקט זיך דער גוסס און אים ווערט לייכטער צו שטאַרבן."

נאָך באַווייזן פון השאָרת הנפש ווערט דאָקומענטירט און צוגעשטעלט פון ד״ר ראָבערט וואַן דע קאַסל, וואָס איז דער דירעקטאָר פון דער שלאָף־לאַבאָראַטאָריע אויף דעם אוניווערסיטעט פון ווירגיניאַ. ד״ר וואַן דע קאַסל דערציילט:

„עס זיינען געווען פאַלן פון קאָמוניקאַציעס פון מענטשן, וואָס מ׳ווייסט אַז זיי זיינען טויט און זיי האָבן אַנטפּלעקט ממש פלאי־פלאימדיקע ראיות פון לעבן נאָכן טויט.“

ד״ר וואַן דע קאַסל ברענגט אַ ראיה פון אַ געשעעניש פון אַ רייכן מאַן פון צפון קאַראָליינע: איידער ער איז געשטאָרבן איז ער פאַר עפּעס אַ סיבה אין כעס געוואָרן אויף דריי פון זיינע פיר זין און האָט אין זיין צוואה זיי אויסגעשלאָסן פון זיין ירושה. דערנאָך איז ער געקומען אין חלום צו זיין פערטן זון, דעם יורש, מיט חרטה פאַר זיין שטרענגער האַנדלונג.

דער טאַטע האָט זיך אין דאָזיקן חלום באַוויזן פאַר זיין זון פאַרקליידט אין זיין רעגנמאַנטל און ער האָט אויסגעזען זייער אויפגערעגט און האָט געהאַלטן אין איין אָנווייזן צום זון אויף אַן אינעווייניקסטער קעשענע פון דאָזיקן רעגנמאַנטל.

„ווען דער זון האָט זיך אויפגעוועקט פון שלאָף, איז דער חלום אים נישט אַרויס פון זינען. ער האָט אויסגעזוכט זיין טאַטנס הויז און געפונען זיין טאַטנס רעגנמאַנטל, וואָס ער האָט געזען אין חלום. ער האָט אַריינגעקוקט אין די קעשענעס און האָט דאָרט געפונען אַ נייע מיט עדות באַוואָרנטע צוואה, ווו עס איז פאַרשריבן, אַז ער האָט חרטה וואָס ער האָט פאַרטיילט פון דער ירושה זיינע אַנדערע דריי זין און ער וויל, אַז אויך זיי זאָלן זיין גלייך־באַרעכטיקטע יורשים.

„זיין חרטה האָט דער טאַטע געקראָגן אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט, האָט ער אָנגעשריבן אַ נייע צוואה און זי אַריינ־געלייגט אין קעשענע, אָבער ער האָט נית באַוויזן צו רעגיסטרירן זי איידער ער איז געשטאָרבן.

„איך באַטראַכט עס פאַר אַ גוטער גבית עדות פאַר השאָרת הנפש“, האָט וואַן דע קאַסל אויפגעקלערט.

איבעריקע באַווייזן פון השאָרת הנפש זיינען אויפגעזאַמלט געוואָרן פון צוויי אַנדערע פאָרשערס, פּראָפעסאָרן פון אוניווערסיטעטן, וואָס האָבן וועגן דעם פאַרעפנטלעכט אַ בשותפותדיקע אַרבעט: פּראָפ׳ ערלענדור האַרלאַדסאָן, דער הויפּט פון פּסיכאָלאָגיע פאַקולטעט אויף דעם אוניווערסיטעט אין איסלאַנד, און פּראָפ׳ יאַן סטיווענסאָן פון דעם פאַקולטעט איבער פּסיכאָלאָגיע, אויף דעם אוניווערסיטעט אין ווירגיניאַ. אָט וואָס זיי האָבן באַריכטעט אין זייער שריפט:

„די איסלאַנדערס האָבן אָפּגעהאַלטן אַ סעאַנס און ער איז פּלוצים איבערגעריסן געוואָרן. דער גייסט, וואָס האָט איבערגעריסן דעם סעאַנס, האָט זיך אידענטיפיצירט, האָט דערציילט ווי ער האָט אויסגעזען ביים לעבן, ווי ער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן בעת ער האָט פאַרריכט זיין לאַסטאויטאָ. געשטאָרבן איז ער, האָט ער געזאָגט, אויף אַ שיף ווען מ׳האָט אים געפירט אין שפּיטאָל.

„מיר האָבן זעקס יאָר נאָכאַנאַנד געפאָרשט דעם ענין און יעדער אָנגעגעבענער פאַקט איז באַשטעטיקט געוואָרן. מיר האָבן זיך אויך איבערצייגט אַז קיין איינער ביים דאָזיקן סעאַנס האָט וואָס עס איז געוווּסט וועגן דעם וואָס דער גייסט האָט איבערגעגעבן און קיינער פון זיי האָט וואָס עס איז געוווּסט צי דער דאָזיקער מאַן האָט ווען עס איז עקזיסטירט. מיר גלייבן אַז דאָס איז אַן אויטענטישער פאַל פון אַ צופעליקן אַריינמיש פון אַ גייסט פון דער גייסטיקער וועלט... און ס׳איז אַן איבעריקער באַווייז פון השאָרת הנפש און פון אַ גייסטיקער וועלט.“

## שרייבערס און ביכער

שואל גוטמאַן / ניו־יאָרק

# האַו׳ס וועלט פון אונדזערע פאָטערס

I

אונדזער צייט איז אַ תקופה ווען דער וועלטלעכער גלויבן אין געשיכטע, מיט אַ גרויסן גימל, איז שיער נישט געוואָרן אַ במקום פאַרן רעליגיעזן גלויבן אין גאָט. „די געשיכטע וועט משפטן" קלינגט ביי אַ סך ווי דער אַנטגילטיקער פסק; הגם אין דער אמתן מיינט דאָס פּאַקטיש: די היסטאָריקער וועלן זאָגן זייער וואָרט. דער אַמעריקאַנער היסטאָריקער, טשאַרלס ביערד, האָט עס שאַרף פאָרמולירט: די געשיכטע פון אַ ציוויליזאַציע קען ווערן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין ווייטערדיקן גאַנג פון דער ציוויליזאַציע. דאָס איז ספּעציעל אמת פאַר יענע וואָס גלויבן נישט אין היסטאָרישע געזעצן, אָדער אין היסטאָרישער אומפאַרמיידלעכקייט, נאָר זיי האַלטן אַז דער מענטשלעכער ווילן, און די גרויסע פּערזענלעכקייט באַווירקן דעם גאַנג פון געשיכטע.

אין יעדער היסטאָרישן באַריכט איז דאָ אַ צומיש פון פּערזענלעכן עלעמענט, ס׳איז נישטאָ קיין אַבסאָלוט אָביעקטיווע געשיכטע. יעדער היסטאָריקער קלייבט אויס זיינע מאַטעריאַלן, און דורך זיין אָפּקלייב, זיין וויזיע, מאַכט ער געשיכטע. קאַרל מאַרקס האָט פאָרויסגעזאָגט דעם אומפאַרמיידלעכן נצחון פון סאָציאַליזם — צוערשט אין מערב־אייראָפּע; אָסוואַלד ספּענגלער האָט פאָרויסגעזאָגט דעם אונטערגאַנג פון דער מערב־ציוויליזאַציע; אַרנאָלד טאָינבי האָט געמאָסטן דעם פּראָגרעס און רעגרעס אין דער וועלט לויט דעם באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ פון קריסטנטום, און אַט שרייבט מען די געשיכטע פון אַמעריקאַנער יידנטום; מען שרייבט זי פאַרשיידנאַרטיק, אָפּהענגיק פון די פאַרשיידנמיניקע וועלט־אַנשויאונגען, היסטאָריאָסאָפּיעס, און סימפּאַטיעס פון די היסטאָריקערס. דער רוב ביכער וועגן עבר און קעגנוואַרט פון אַמעריקאַנער יידישן קיבוץ ווערן געשריבן פון רעליגיאָניסטן, און פון זייער קוק־ווינקל. אָבער אָט איז דערשינען: „די וועלט פון אונדזערע פאָטערס", פון אירווינג האַו*) — אַן אָנגעזעענער אַמעריקאַנער ליטעראַטור־קריטיקער, אַ וועלטלעכער ייד, און אַ סאָציאַליסט.

ס׳איז אַ גרויס־פאַרנעמיק בוך פון 700 זייטן, איינגעטיילט אין פיר טיילן, וואָס שליסן איין 18 קאַפּיטלעך. אין אַריינפיר זאָגט אונדז דער מחבר אַז ס׳איז אַ סאָציאַל־קולטורעלע געשיכטע פון די מזרח־אייראָפּעישע יידן וואָס האָבן, זינט 1880, איינגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. הגם ער אנערקענט אַז ס׳איז נישט קיין געשיכטע פון גאַנצן אַמעריקאַנער יידנטום, און אויך נישט פון זיינע וועלטלעכע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס, פון דעסטוועגן ווערן אין בוך באַהאַנדלט כמעט אַלע אַספּעקטן פון יידישן לעבן אין ניו־יאָרק, די ליכטיקע און אויך די שאָטנדיקע: די ליידנשאַפט פאַר בילדונג ביי יידישע אימיגראַנטן, און יידישע גענגסטערס; יידישער אידעאַליזם, און פּראָסטיטוציע; די בעלי־חלומות, און דער „באָרשט־בעלט" אין די קעטסקיל־בערג; דער יידישער טעאַטער און די אַמעריקאַנער יידישע קאָמיקערס.

פּראָפ. האַו האָט זיך באַנוצט מיט אַ רייכער מעמואַרן־ליטעראַטור, מיט אַ סך

*) *World of Our Fathers, by Irving Howe, with the assistance of Kenneth Libo, Harcourt Brace Jovanovich, New York.. and London*, 1976.

שטודיעס איבער פאַרשיידענע פּאַזן פון היגן יידישן לעבן; מיט דער יידישער און ענגלישער פרעסע און פעריאָדיק; מיט פערזענלעכע אינטערוויוען, און אויך מיט אַרכיוון פון צענטראַלע אינסטיטוציעס. לאָמיר גלייך פון אָנהייב באַשטעטיקן אַז דאָס ווערט איז גוט דאָקומענטירט, גלענצנדיק אויפגעבויט, די באַטראַכטונגען פון מחבר — אויף אַ הויכן ניוואָ, און אַ סך פון זיינע אַריינבליקן — שאַרפזיניק און אָריגינעל. ס'איז אַ דריי־דימענסיאָנעל בוך, וואָס לייענט זיך גוט, הגם נישט אַלע געביטן וואָס דער מחבר באַהאַנדלט זיינען אין איכות אויף דער זעלביקער מדרגה. און אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלער ייד, פאַר וועמען יידישער קיום איז אַ סינע־קוואַנאָן, וועט נישט קענען מיטגיין מיט אַ דריי גרונט־הנחות און אויספירן פון מחבר. אוירווינג האַו איז נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער יידישער היסטאָריקער, און ער פרעטענדירט נישט צו זיין אַ שמעון דובנאָוו, אָדער אַ שמעון ראַווידאָוויטש.

## II

אין דער ערשטער אָפּטיילונג פון בוך סקיצירט האַו די קאָנטורן פון דער השכלה אין מזרח־אייראָפּע און די נעגאַטיווע באַציונג פון די ערשטע משכילים צו יידיש. שפּעטער האָט די נויט זיי געטריבן צו באַנוצן יידיש, ווייל זיי האָבן געוואָלט אויפקלערן די מאַסן, און די מאַסן האָבן קיין אַנדער שפּראַך נישט געקענט. די פירשפּרעכערס פון יידישקייט (פאַר האַו'ען מיינט י י ד י ש ק י י ט די פאָלקסטימלעכע, סעמי־וועלטלעכע קולטור אין יידיש, וואָס יידן האָבן אַנטוויקלט במשך די לעצטע צוויי הונדערט יאָר — ש. ג.) האַלט האַו, האָבן געמוזט אָננעמען אַז דער המשך פון דער יידיש־קולטור איז נישט אין סכנה: „היינט ווייסן מיר אַז דער קיום פון דער יידיש־קולטור איז שוין גאָר געווען אין ספק, וואָרעם אויף וויפיל די יידיש־אינטעלעקטואַלן האָבן פאַרגעזעצט אויפן וועג פון זייער אייגענער טראַדיציע, אויף אַזוי פיל האָבן זיי זיך נישט געקענט אויפעפענען צו די אַרומיקע קולטורן פון אייראָפּע און אַמעריקע, און זיך אויך נישט געקענט גענוג אַנגאַזשירן אין די ווערטן פון מאָדערנקייט צו וועלכע זיי האָבן ווי־דער און אָבער געשטרעבט.“ (זייט 17־18).

דאָ מוזן מיר איינוועגדן קעגן ביידע באַהויפּטונגען. ראשית, האָבן פרץ און אפילו זשיטלאָווסקי אויסגעצייכנט געוווסט וועגן די סכנות וואָס באַדראָען יידיש; דערפאַר האָבן זיי געשאַפן אַ באַוועגונג און אַ טשערנאָוויץ־קאָנפערענץ, וואָס זאָל קעמפן פאַרן אויפהאַלט און דער אנערקענונג פון יידיש. און אויב די יידישיסטן האָבן געוואָלט פאַרגעסן וועגן דעם, האָבן די העברעיסטן — אַן אחד־העם, אַ בריינין און קלויזנער — זיי אָפט דערמאָנט אין דער „פאַרגענגלעכקייט“ פון יידיש.

עס איז טאַקע ריכטיק אַז יידישע אינטעלעקטואַלן האָבן געהאַט אַן אַמביוואַלענטע באַציונג צו דער מערב־קולטור, אָבער זיי האָבן זיך שוין לאַנג געהאַט אויסגעלערנט, זינט זייער צוזאַמענטרעף מיט דער גריכישער קולטור — מיט דער הילף פון אַ פילאָן, אַ רמב"ם, מענדעלזאָן און קראָכמאַל, צו נעמען דאָס בעסטע פון ביידע וועלטן. די סכנה פאַר דער יידיש־קולטור איז נישט געלעגן, דער עיקר, אין איר אינהאַלט, נאָר אין איר מינאָריטעט־סטאַטוס, און במילא אין איר קנאַפן פּרעסטיזש, און רעכטלאָזיקייט.

אַביסל ווייטער אין בוך, ווען האַו גייט איבער צו דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער אימיגראַציע אין אַמעריקע, און צו דעם יידישן לעבנס־שטייגער וואָס עס האָט זיך דאָ אויסקריסטאַליזירט אַרום אָנהייב פון היינטיקן י"ה, שטרייכט ער אונטער אַז יידן האָבן דעמאָלט דאָ אָנגעהאַלטן אַן אייגענע קולטור וואָס איז געווען אי אַ המשך, אי אַנדערש פון דער מזרח־אייראָפּעישער יידישקייט. דער טראַדיציאָנעלער גלויבן איז געווען דער יסוד פון דער קולטור, אָבער וועלטלעכע יידישקייט איז געוואָרן אַ קוואַל פון אידעען צונויפגיסנדיק זיך מיט רעליגיעזע עלעמענטן צו שאַפן אַ ווערטן־סקאַלע וואָס איז נישט געווען שטרענג רעליגיעז, נישט שטייף סקעפּטיש; די אימיגראַנטישע מאַסע האָט זיך באַוועגן אין דער ריכטונג פון צוויי־קולטורישקייט, הגם אירע „פּיפיקסטע פירשפּרעכערס, ווי אייב קאַהאַן, האָבן פאַרשטאַנען אַז אויב מ'זאָל עס אפילו דערגרייכן וועט אַזאַ גלייכגעוויכט צווישן

עבר און קעגנוואַרט נישט קענען לאַנג אַנטהאַלטן.״ (זייט 229).

מען קען ווידער אָפּפרעגן דעם מחבר: עס איז דאָך מעגלעך אַז ווען די דעמאָלטיקע קאָסמאָפּאָליטן — אַן אייב קאַהאַן, אַ הילקוויט, אַ מאיר לאָנדאָן — וואָלטן געווידמעט זייער טאַלאַנט, אידעאַליזם און ענערגיע פאַרן אויפהאַלט פון יידישקייט —לויט האַו׳ס דעפיניציע — וואָלטן מיר איצט בעסער אויסגעזען?

די מערכה און די ראָלע פון דער יידישער פרוי אין יענעם אימיגראַנטישן פּעריאָד ווערט פון האַו׳ען געצייכנט סימפּאַטיש און סענסיטיוו: „פון איר פּלאַץ אין קיך ווערט זי די הויפּט־פיגור וואָס אינספּירירט, זי לאָזט נישט אָפּ און זי איבערגעוועלטיקט דורות זין. זי האָט פאַרשטאַנען אינטואיטיוו אַז אויף וויפיל די דרויסנדיקע וועלט האָט טיראַניזירט און אויסגעמאַטערט די מענער רעדוצירנדיק זיי צו אַ האַלטונג פון נאָכגיביקייט, האָט זי אַליין געקענט שאַפן אַן אַאַזיס פון אָרדענונג. זי איז געווען די יעניקע וואָס האָט זיך געקלאַמערט אין באַקומענע ווערטן, און זיך קעגנגעשטעלט דעם דרוק פון צעשטערונג. זי פלעגט אויפהאַלטן די מאָראַל פון אַלע אַרום איר, מאַכן שלום אין מחלוקות, פאַרגלעטן וויטיקן, אַנצייכענען אַ קרייז פון זיכערקייט אין וועלכן די קינדער האָבן געקענט אָטעמען, און אַמאָל. . צעטרעטן אירע באַליבטע אונטער דער וואָג פון איר ליבע.״ (זייט 174).

## III

ווען עס קומט צו דער עפּאָפּיי פון יידישן אַרבעטער, און יידישן סאָציאַליזם אין אַמעריקע, דאָ דערפילט זיך דער מחבר אין זיין עלעמענט: ער ווערט פון אַ „קאַלטן״ אַנאַליטיקער פאַרוואַנדלט אין אַ חסיד וואָס פרעגט: „איז דען אַמאָל נאָך געווען אַזאַ אַרבעטער־קלאַס?״ (כמעט אַ פּאַראַפראַזע פון „מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ?״) ער ציטירט ליעסינס זאָג וועגן די סטרייקנדיקע קלאָוקמאַכערס אין 1910: „די 70,000 נולן זיינען געוואָרן 10,000 קעמפּערס.״ ער שרייבט אויספירלעך וועגן דעם אויפשוווּנג פון סאָציאַליזם אויף דער אַמעריקאַנער יידישער גאַס, און וועגן דעם שטרייט צווישן די קאָסמאָפּאָליטן און די נאַציאָנאַל־געשטימטע יידישע סאָציאַליסטן, און בונדיסטן וועלכע זיינען אַהער געקומען נאָך 1905. ער לויבט די בונדיסטן פאַר זייער אידעאָלאָגישער סאָפיסטיצירטקייט, און פאַר זייער וועלטלעכן בליק אויף דער מאָדערנער יידישער קולטור. אָבער ער דערציילט אונדז אויך וועגן די קריטיקערס פון „בונד״ וועלכע האָבן געטענהט אַז אָן רעליגיע, אָדער אָן אַן אייגענער טעריטאָריע וועלן יידן אין אַמעריקע זיך לאַנג נישט קענען אויפהאַלטן ווי אַ באַזונדער פאָלק. אויף דער קריטיק קאָמענטירט האַו: „עס איז געווען, זעט מען איצט, אַ באַשטימטע באַרעכטיקונג אין דער קריטיק״ (זייט 293). אויך ביים סוף פון בוך חזרט האַו איבער דעם זעלביקן טעזיס, אַז אַמעריקע האָט מיט איר פרייהייט און „נאָרמאַליזאַציע״ פון יידישן סטאַטוס אַריינגעכאַפּט יידן אין אַ פּאַסטקע: זי האָט דערמיט צוגעגרייט דעם אונטערגאַנג פון יידישקייט.

דאָ ווילט זיך פרעגן: און אפשר איז דער האַרבער פּסק פון וועלטלעכן און נישט־ציוניסטישן מחבר איבערגעאיילט? איז עס טאַקע אַזוי אַקסיאָמאַטיש אַז אין אַ סעקולאַריזירטער וועלט און אין אַ פריי לאַנד וועלן יידן נישט קענען אויפהאַלטן זייער קאָלעקטיווע פּערזענלעכקייט? מיט געשיכטלעכע אַנאַלאָגיעס קען מען דאָס נישט באַווייזן, ווייל די וועלט איז קיין מאָל נישט געווען אַזוי סעקולאַריזירט ווי זי איז היינט, און במשך דער גאַנצער גלות־געשיכטע זיינען יידישע ישובים נישט געווען אַזוי ברייט עמאַנסיפּירט ווי דער אַמעריקאַנער יידישער קיבוץ. דערצו קען אונדז אין דעם וויכוח, אַרויסהעלפן דער ציוניסטישער שריפטשטעלער און דענקער, מאָריס סעמיועל, וועלכער האָט אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן פּעסימיזם פון זיינע חברים בנוגע דער צוקונפט פון

דער טיף־פאַראַנקערטער אין דער יידישער קולטור, און דער קענער פון דער מערב־קולטור, סעמיועל, האָט אַרגומענטירט אַז הגם אַמאָליקע יידישע ישובים אין מזרח־אייראָפּע האָבן פאַרמאָגט אַן אייגענע שפּראַך, יידיש, און אַן אינטענסיוו רעליגיעז לעבן, בעת מיר, אין אַמעריקע, האָבן דאָס נישט, פון דעסטוועגן באַווייזט אַמעריקאַנער יידנטום.

דאָס נישט אַז מיר זיינען פאַרמשפט צו אַסימילאַציע. ווייל די אונטערגעגאַנגענע יידישע קיבוצים האָבן אין זייער צייט נישט פאַרמאָגט דעם אינסטרומענט פון אַ ווידערגעבאָרענער יידישער מלוכה, וואָס זאָל אויפוועקן זייער דראַנג צו המשך. זיי האָבן פאַרמאָגט אַ גלויבן אַז גאָט וועט ווידער אויפריכטן ארץ־ישראל; מיר, וואָס האָבן נישט דעם גלויבן, האָבן אָבער די באַווייזן — און דאָס טאָר מען נישט איגנאָרירן. סעמיועל ברענגט אויך אַ סך ראיות אַז אַמעריקאַנער יידישקייט גייט נישט באַרג אַראָפ, און מאָרגן און איבערמאָרגן וועט זי וואַרשיינלעך זיין שטאַרקער ווי היינט. (זע „קאָנגרעס וויקלי" פון 14טן יוני, 1954).

צום גליק איז האַו נישט אין גאַנצן האָפנונגסלאָז בנוגע דער צוקונפט; ער זעט אַ שטראַל זיך דורכשפאַרן דורך די וואָלקנס. צו האָראַס קאַלענס קולטור־פלוראַליזם דריקט ער אויס אַ פאָזיטיווע באַציונג: „קאַלען האָט צוגעשטעלט דעם תוכיקן אַרגומענט לויט וועלכן אַמעריקאַנער יידן וואָלטן געקענט דערקלערן זייער פאָזיציע אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט" — צו אַקצעפטירן אירע אָבליגאַציעס, אירע נאָרמען, אָבער אין דער זעלבער צייט אָנצוהאַלטן זייער אייגנאַרטיקע קולטור. (זייט 413). עס איז נאָר אומפאַרשטענדלעך וואָס אַזאַ קאַרדינאַלער ראַציאָנאַל פאַר יידישן קיום אין אַמעריקע ווי קאַלענס טעאָריע פון קולטור־פלוראַליזם ווערט נישט ברייט באַהאַנדלט אין בוך, נאָר ווערט אָפגעפטערט מיט עטלעכע פאַראַגראַפן.

## IV

מיר האָבן שוין איצט אין ענגליש אַ ריי שטודיעס וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. אָבער קיין איינע פון זיי קען זיך נישט פאַרגלייכן אין ניוואָ, אין גייסטרייכקייט, אין וואָגיקייט מיט האַו'ס מיניאַטור־געשיכטע וואָס ער האָט איינגעשלאָסן אין דעם ווערק. דער מחבר האָט זיך באַנוצט מיט אַ ריי פריערדיקע אַרבעטן וואָס ער האָט (צוזאַמען מיט אליעזר גרינבערג) פאַרעפנטלעכט אין זיינע אַנטאָלאָגיעס פון דער יידישער פראָזע און פאָעזיע. דאָס מיינט נישט, פאַרשטייט זיך, אַז יעדער קענער פון דער יידישער ליטעראַטור וועט מוזן אָננעמען האַו'ס אָפשאַצונג פון יידישע וואָרט־קינסטלערס. ליטעראַטור־קריטיק איז, נאָך אַלעמען, נישט קיין עקזאַקטע וויסנשאַפטלעכע דיסציפלין מיט פון־אַלעמען־אַקצעפטירטע קריטעריעס. דאָ ווירקן און באַווירקן דעם קריטיקער זיין וועלט־באַנעם, זיין קונסט־פילאָסאָפיע, זיין טעמפעראַמענט, און זיין געשמאַק.

האַו צייכנט אָן די פאָעטישע סילועטן פון די „סוועט־שאַפ־דיכטער": ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, באָושאָווער און מאָריס ראָזענפעלד. ער אונטערשאַצט אַ ביסל ליעסין דעם דיכטער, אָבער ער איז אומגערעכט ווען ער זאָגט וועגן דעם פאָעט־פובליציסט, אַז ער, (ליעסין) איז געווען במשך אַ צייט אין אַ פאַסטקע צווישן די אידעאָלאָגן פון סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם. אוודאי האָט ליעסין, ווי באַקאַנט, נישט געהאַט קיין גוטע מערכה ביי דער דעמאָלטיקער סאָציאַליסטישער עסטאַבלישמענט פון די יידישע „קאָסמאָפאָליטן", אָבער ביי ליעסינען איז קיין מאָל נישט געווען קיין סתירה צווישן יידיש־נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און סאָציאַליזם. ער האָט אין דער זעלביקער צייט אידעאַליזירט סיי די אַלטערטימלעכע יידישע רעוואָלוציאָנערן, ווי אַ רבי עקיבא, און די מאָדערנע יידישע קעמפער; אין 1894 האָט ער געשריבן זיין ליד „דער אייביקער ייד", און אין 1895 — „אין לאַנד וווּ עס קייקלט די לענאַ".

צו דער אַמעריקאַנער יידישער פאָעזיע זינגט האַו אַן אָדע וואָס מיר אַלע מעגן מיטזינגען. ער רירט בלויז אָן די הויכפונקטן פון דער יידישער דיכטונג אין אַמעריקע, באַנוצנדיק זיך דאָ מיט זיינע פריערדיקע אַרבעטן, וועלכע ער האָט איצט פאַרטיפט און פאַרפיינערט. רעדנדיק וועגן די מעלות און חסרונות וואָס די גייסטיקע נאָענטקייט צווישן יידישן שרייבער און לייענער האָט מיט זיך געבראַכט, באַמערקט האַו טרעפלעך אַז די קינסטלערס וואָס האָבן זיך באַטראַכט ווי רעבעלן האָבן זיך נישט געפילט פריי צו שרייבן מיט אַן אויג צו די האָריזאָנטן

פון זייער פאַנטאַזיע, נאָר גיכער צו די באַגרענעצונגען פון זייערע לייענערס... אַ יידיש־ליטעראַרישער אַוואַנגאַרד האָט זיך קיין מאָל נישט געקענט איינשטעלן: „די לייענערס וואָס וואָלטן אפשר געוואָרן די נאַטירלעכע אוידיטאָריע פון אַ יידישן אַוואַנגאַרד — די זין און טעכטער פון אימיגראַנטן וואָס זיינען איצט געגאַנגען אין קאָלעדזש — זיי האָבן באַלד זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו יידיש בכלל. די פּאָטענציעלע לייענערס פון גלאַטשטיינען זיינען געוואָרן די פאַקטישע לייענערס פון ט. ס. עליאָט" (זייט 441).

פאַר דעם קריטיקער האַו איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס אַמעריקאַנער יידישע בעלעטריסטן האָבן זיך נישט געקענט נעמען צו שילדערן אַמעריקאַנער יידישע טיפּן; זיי האָבן נישט פאַרמאָגט יענע אינטימקייט מיטן היגן באָדן וואָס ס'איז נייטיק פאַר אַ פּראָזאַיקער. ער כאַראַקטעריזירט און לויבט דעם נאָוועליסט י. י. זינגער, און ער פּרובירט אָפּשוואַכן שלום אַשס פּאָזיציע אין דער יידישער ליטעראַטור. אָבער, אויב ער ווייסט אַז „אין דער ל י ט ע ר אַ ט ו ר פון אַן אונטערדריקט פאָלק קען נישט פעלן אין גאַנצן דער ראָמאַנטישער אימפּולס" — דעמאָלט דאַרף ער פאַרשטיין פאַרוואָס אַשס „שטעטל", „קידוש השם", „די כישוף־מאַכערין פון קאַסטיליע" האָבן אַרויסגערופן אַזאַ וואַרעמען אָפּקלאַנג ביי דער יידישער קריטיק, און ביי די מאַסן.

עס איז כדאי זיך אָפּשטעלן אויף דעם קאַפּיטל ווו האַו סקיצירט די פּען־פּאָרטרעטן פון די „געלערנטע אינטעלעקטואַלן": זשיטלאָווסקי, סירקין, ניגער, חיים גרינבערג, ווינרייך און שאַצקי. דער מחבר דערציילט אונדז וועגן דער דעבאַטע וואָס עס האָבן געפירט (אין דער „צוקונפט", 1910) זשיטלאָווסקי און אייב קאַהאַן. דער לעצטער האָט אָפּגעחוזקט פון די „גייסטיקע אַריסטאָקראַטן", און זיך איינגעשטעלט פאַר די פּאָפּולאַריזאַטאָרן אין יידיש, וועלכע פלעגן פאַרטיידיקן זייערע האַלב־געבאַקענע אידעען און האַלב־צעקייטן וויסן מיטן תירוץ אַז מ'דאַרף בילדן די מאַסן. זשיטלאָווסקי האָט געענטפערט קאַהאַנען, אַז כדי צו פּאָפּולאַריזירן דאַרף מען פריער האָבן וויסן, בעת די אַרטיקלען אין דעמאָלטיקן „פאָרווערטס" און „וואַרהייט" זיינען פול מיט טעותן: „מיר מוזן שאַפן אַן אַטמאָספער וואָס וועט צושטעלן דעם יידישן אינטעליגענט גוטע סחורה, ווי ער קריגט עס אין אַנדערע שפּראַכן... אַנדערש וועט ער אונדז פאַרלאָזן, און ער וועט אונדז איבערלאָזן מיט בלויז מלמדים."

האַו קאָמענטירט אויף דער דעבאַטע, אַז אויף וויפיל דאָס יידיש־אינטעלעקטועלע לעבן האָט דערגרייכט אינהאַלט און חשיבות, אויף אַזוי פיל איז זשיטלאָווסקיס באַשטיין אויף אַ הויכן סטאַנדאַרד געווען אַנטשיידנדיק. אָבער דער אויטאָר מיינט אויך אַז קאַהאַנס קריטיקערס האָבן נישט אָפּגעשאַצט זיין אויפטו פאַר יידיש: ער האָט געעפנט דעם „פאָרווערטס" פאַר דער בעסטער יידישער ליטעראַטור פון יענער צייט; אמת טאַקע אַז קאַהאַן האָט באַטראַכט יידיש בלויז ווי אַ מיטל צו דערגרייכן די מאַסן, אָבער שפּעטער האָט ער זיך צעוואַרעמט פאַר יידיש. אָבער, אויב דאָס איז אַזוי, פאַרוואָס האָט קאַהאַן נאָך אַזוי שפּעט ווי 1929 געעפנט אַ קאַמפּאַניע אין „פאָרווערטס" קעגן די אַרבעטער רינג שולן?

## V

ביז גאָר אַקטועל און קאָנטראָווערסיאַל איז דער לעצטער טייל פון בוך, געווידמעט די פּראָבלעמען און דילעמעס פון די יינגערע דורות אין אַמעריקע, דעם היינט און מאָרגן פון אַמעריקאַנער יידנטום. ווי איינער פון די עלאָקווענטע פירשפּרעכער פון צווייטן דור אַנאַליזירט האַו דעם מהות פון די ענגליש־שרייבנדיקע אַמעריקאַנער יידישע נאָוועליסטן און אינטעלעקטואַלן. ער דיסקוטירט די שאַפונגען פון סאול בעלאָו, דעלמאָר שוואַרץ, בערנאַרד מאַלאַמוד, און אַנדערע, און ער קומט צום אויספיר, אַז דער צענטראַלער פאַקט אין זייער קולטורעלער דערפאַרונג איז אַן איבערגעריסענע טראַדיציע: זיי האָבן פאַרביטן דעם אינעווייניקסטן בילינגוואַליזם פון אַשכנז־העברעיש און יידיש אויף אַן אומזיכערן סאָבסטיטוט, אַ האַלב־אינעווייניקסטער, האַלב־אויסערלעכער צוויי־שפּראַכיקייט פון אַ פאַרענגלישטן יידיש און אַ פאַריידישטן ענגליש — אַ סטיל וואָס ווערט פאַרוואָלגאַריזירט

און פאַראַדירט פון אַ סך אַמעריקאַנער
ייִדן־שרייבערס, און וואָס ווערט אַטאַקירט
מצד קריסטלעכע אַמעריקאַנער שרייבערס.

דער אנערקענטער אַמעריקאַנער קרי־
טיקער, און דער קענער פון דער יידישער
ליטעראַטור, האַו, האַלט אַז ס'איז דאָ אַן
ענלעכקייט צווישן שלום עליכמס מנחם
מענדל און בעלאָוס כאַראַקטערן; בעלאָו
נעמט באַוווסטזיניק פון דער עלטערער
יידישער און אימיגראַנטישער טראַדיציע,
און אַ טייל פון זיינע העלדן קען מען באַ־
טראַכטן ווי די קינדער פון די באַראַנ־
דעסעס און פייגנבוימס. אויך אין די
בעסטע דערציילונגען פון בערנאַרד מאַ־
לאַמוד געפינט האַו דעם עפּאָס פון יידיש.
פון דעסטוועגן פירט האַו אויס לאַמענטירנ־
דיק: די אַמעריקאַנער ענגליש־שרייבנדיקע
יידישע קינסטלערס שטייען פאַר ענלעכע
פראָבלעמען ווי די יידיש־שרייבערס נאָכן
חורבן: ביידנס וועלט פון זייער יוגנט עק־
זיסטירט נישט מער, ס'הייסט נישט
מזרח־אייראָפּע, און נישט די אימיגראַנ־
טישע איסטסייד.

פאַרשטייט זיך אַז דער פאַרגלייך האַלט
נישט אויס אין אַ סך פּרטים, און האַו
ווייסט עס. אָבער צי איז — און דאָס איז
די עיקר־פראַגע — דער דאַזיקער פּעסי־
מיזם בנוגע דער צוקונפט פון יידישער
שעפערישקייט אין אַמעריקע באַרעכטיקט?
צי איז נישט וואַרשיינלעך אַז דער איצ־
טיקער גייסטיקער קלימאַט אין דער
וועלט און אין היגן יידישן קיבוץ וועט
פּראָדוצירן אַ דור ענגליש־שרייבנדיקע
יידן וואָס וועט וועלן זיין פאַרבונדן מיט
דער יידישער טראַדיציע? ווייל אויב
מאָריס סעמיועל איז גערעכט, אַז אַמערי־
קאַנער יידישקייט איז נישט געוואָרן אין
דער נאָך־חורבן־תקופה אַנעמישער, נאָר
פּולבלוטיקער — און ער איז גערעכט; דע־
מאָלט ענדיקט זיך עס נישט מיט „די
איבעררייסערס פון דער טראַדיציע." עס
זיינען דאָ גענוג ראיות אַז עס קומט שוין
אויף אַ נייער דור יידישע שרייבערס אין
אַמעריקע וואָס וויל נישט אַנטלויפן פון זיך,
פון זיין וועלט, נאָר ער שטייט מיט ביידע
פיס אויפן יידישן היסטאָרישן באָדן: אַ
סינטיאַ אָזיק, היו ניסענסאָן, דאַן דזשיי־
קאָבסאָן, הערבערט גאָלד, און נאָך אַנ־
דערע. זיי זיינען אפשר די ערשטע שוואַלבן
וואָס זאָגן אָן אַ יידישן פרילינג אין אַמע־
ריקע. ס'איז אויך נישט אויסגעשלאָסן אַז
אפילו די „אָבעררייסערס מיט טראַדיציע"
זאָלן ווערן רינגען אין דער „גאָלדענער
קייט" און זאָלן אַקצעפּטירן באַוווסטזיניק
נישט נאָר אינטואיטיוו, די וועלט פון זיי־
ערע טאַטעס. מיר באַמערקן, למשל, אַז
דער זשורנאַל „קאָמענטאַרי" איז לעצטנס
געוואָרן יידישלעכער און אפילו דער
מחבר פון דעם בוך ווייזט אַרויס די לעצ־
טע יאָרן אַ טיפערן אינטערעס אין די
פּראָבלעמען פון אַמעריקאַנעם יידנטום,
און אין מדינת ישראל, ווי מיר האָבן עס
געזען מיט יאָרן צוריק.

און ווי ווייט איז סאַמלער, דער צענט־
ראַלער כאַראַקטער אין סאָול בעלאָוס ראָ־
מאַן: „מר. סאַמלערס פּלאַנעט", פון שלום
אַשס זאַכאַרי סירקין אין דער טרילאָגיע
„פאַרן מבול"? צי זיינען זיי נישט נאָענ־
טע קרובים אין זייער קוק אויף אונדזער
ציוויליזאַציע, און אין זייער וועלט־באַנעם?
דער אַלטער יידישער אינטעלעקטואַל,
סאַמלער, וועלכער איז געבליבן בלויז
מיט איין אויג, אַנטלויפנדיק פון די נאַציס,
און וועמענס ווייב ס'איז דערשאָסן געוואָרן
צום טויט אין דעם זעלביקן גרוב פון
וועלכן ער איז אַנטלאָפן, צי פּערסאָניפי־
צירט ער נישט דעם אייביקן יידישן וויזי־
אָנער וואָס וויל געפינען דאָס האַרץ פון
דער וועלט? פאַר מיר זיינען הערצאָג און
סאַמלער „אייביקע" יידישע אינטעלעקט־
טואַלן, וואָס ווילן געפינען אַ תיקון פאַר
זיך דורך מתקן זיין די וועלט.

* * * * *

האַו פאַרענדיקט זיין ווערק עלעגיש,
אָבער נישט פאַרצווייפלט: ער גלייבט נישט
אַז יידן אין אַמעריקע האַלטן חלילה ביים
אונטערגיין. אַמעריקאַנער יידן וועלן
בלייבן יידן, נאָר זיי וועלן זיין אַנדערע
יידן. ער האָט מורא אַז דער משיחיזם,
וואָס האָט געפלאַקערט אין אימיגראַנ־
טישן יידישן לעבן און אין דער וועלט־
לעכער יידישקייט, האַלט ביי ווערן אויס־
געלאָשן, הגם ער האָפט אַז ס'איז נישט
אַזוי. אַוודאי איז אונדז יידיש־יידן ליב
דעם מחברס קריטיש־וואַרעמע אַפּשאַצונג
פון דער איסט־סיידער יידישקייט, אָבער

מען דאַרף זיך אויך אויסהיטן פון אַרונטערקוקן אויף דער קעגנוואַרט און אידעאַליזירן דעם עבר; אויך די טאַטעס און די זיידעס זיינען נישט געווען קיין מלאכים און . . . מיר זיינען נישט קיין טיוואָלים.

עס האָט זיך געענדיקט אַ תקופה אין יידישן לעבן, און ס׳הייבט זיך אָן אַ נייע — אָבער ס׳איז דאָ אַ המשך: די נייע דורות וועלן איבערנעמען גאָר אַ סך פון דער חכמה, פון די ווערטן, פון די שאַפונגען פון די פריערדיקע דורות. נישט געקוקט אויפן דריטן חורבן, אויף אונדזער דיסאילוזיאָנירונג מיט דער מערב־ציוויליזאַציע, ווייסן אַ סך יידן, פון דעסטוועגן, אַז אויב מיר ווילן לעבן אין אַ מענטשלעכער וועלט, מוזן מיר יידן זי העלפן פאַרמענטשלעכן; יידישקייט און מענטשלעכקייט זיינען אויף אייביק פאַרקנאַסט.

„די וועלט פון אונדזערע טאַטעס״ פילט אויס אַ גרויסן בלויז אין דער אַמעריקאַנער יידישער היסטאָריאָגראַפיע; ענדלעך האָט די יידישע פאָלקס־מאַסע געפונען איר, אפשר ערשטן אַמעריקאַנער היסטאָריקער. וועלטלעכע יידישקייט און די יידיש־ציוויליזאַציע שטייען אויף לעבעדיק, מיט איר ליכט און שאָטן, אירע קרומקייטן און דערהויבנקייטן. זיי ווערן געצייכנט מיט אַ סך ליבשאַפט און באַלאַנסירטקייט, ווייל דער היסטאָריקער בלייבט דעטאַשירט פון זיין מאַטעריאַל, און ער לאָזט זיך נישט אַרונטער צו דער אומווירדיקער אַפּאָלאָגעטיק פון אַמאָליקע מערב־אייראָפּעישע יידישע רעפאָרמער.

ווי אַן אַמעריקאַנער יידישער אינטעלעקטואַל שטעלט האַו אָפּט אַריין יידישע דערשיינונגען אין אַן אַלגעמיינער ראַם, און ער ציט אַנאַלאָגיעס מיט ענלעכע דערשיינונגען ביי די אומות העולם. דאָס מאַכט זיין בוך נעענטער און פאַרשטענדלעכער פאַר אָפּגעפרעמדטע יידן. למשל: שילדערנדיק דעם חדר אויף דער אַמאָליקער איסט־סייד, און דעם אַנטאַגאָניזם פון די קינדער צום מלמד, דערמאָנט עס אים אין טשאַרלס דיקענס אַ בילד פון אַ נישט־יידישער שול. אָדער ווען ער באַשרייבט דעם גורל פון אימיגראַנטישן יידישן מיידל, וועלכע גאַרט צו האָבן אַ צימער פאַר זיך, דערמאָנט עס אים אין אַ פּאָדערונג וואָס ווירדזשיניאַ וואָלף האָט אַרויסגעשטעלט אין איר אומגעבונג — צו האָבן אַ צימער מיט אַן אויסבליק.

יוסף ראָלניקס לידער פאַרגלייכט ער צו ראָבערט פראָסט, און וועגן מאַני לייבס פּאָזיציע אין דער יידישער פּאָעזיע גלויבט ער אַז מען וואָלט וועגן אים געקענט זאָגן דאָס וואָס דזשאַן דריידען האָט געזאָגט וועגן אַן ענגלישן פּאָעט (עדמונד וואַלער): „די חשיבות און אויסגעצייכנטקייט פון גראַם זיינען קיין מאָל נישט געווען אין גאַנצן באַקאַנט ביז וואַנען מר. וואַלער האָט עס אונדז געלערנט.״

מיר פעלן אין דעם בוך פען־פּאָרטרעטן פון לודוויק לואיסאָן, מאָריס סעמיועל, און האָראַס קאַלען — יידיש־אַמעריקאַנער שריפטשטעלער און דענקער וואָס האָבן אין משך פון צענדליקער יאָרן יודאַאיזירט און פאַרפלאַנצט יידישע און הומאַניסטישע ווערטן אין אַמעריקאַניזירטן סעגמענט פון היגן יידנטום. עס פעלט מיר אויך אַ פען־פּאָרטרעט פון ברוך וולאַדעק, איינער פון די שענסטע פערזענלעכקייטן אין סאָציאַליסטישן קרייז. עס פעלן מיר אויך פּובליציסטן און עסייאיסטן וואָס האָבן געפירט אידעישע שטרייטן לשם שמים און האָבן דערצויגן און דערהויבן אַ סך יידישע פאָלקס־אינטעליגענטן: א. קאָראַלניק, יודל מאַרק, א. גלאַנץ־לעיעלעס, ש. מאַרגאָשעס און שלמה ביקל. אויב ס׳איז געווען אַ פראַגע פון מאַנגל אין פּלאַץ, וואָלט דער מחבר, לפי דעתי, געמעגט אויסלאָזן פון דער גאַלעריע „פּאָרטרעטן״ עטלעכע טרייד־יוניאָניסטן.

מיר האָפן אַז ס׳וועלן קומען נייע שרייבערס־געלערנטע וואָס וועלן אונדז געבן די געשיכטע פון יידישן געדאַנק אין אַמעריקע, ווי דאָס האָבן געטאָן העברי קאָמאַדזשער און ווערנאָן פאַרינגטאָן פאַרן אַמעריקאַנער געדאַנק.

ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ ווערק ווו דער הויפּטהעלד איז דער „פאַרגעסענער מענטש״ פאַרענדיקט האַו זיין בוך מיט די דאָזיקע ווערטער: „לאָמיר איצט לויבן אומבאַקאַנטע מענטשן.״ די יינגערע דורות מעגן אויך קענען יענע וואָס זיינען ביים לעבן געווען נאָענט באַקאַנט זייערע טאַטעס.

משה שקליאַר

# בינם העלער און זיין ליד

(פון אַ באַגריסונגס־רעדע אין לאָס אַנדזשעלעסער ייִדישן קולטור־קלוב)

בינם העלער איז שוין נישט קיין פנים חדשות ביי אונדז אין לאָס אַנדזשעלעס. ער באַזוכט אונדז שוין צום צווייטן מאָל פאַר אַ גענוג קורצער צייט און צוזאַמען מיט זיין ליבער פרוי, דער אָנגעזעענער וואָרט־קינסטלערין, הדסה קעסטין, פאַרשאַפט ער אומגעהויערע פרייד און פאַרגעניגן די צאָלרייכע פריינד פון ייִדישער יצירה, וואָס געפינען זיך דאָ. איז פאַר דעם אַ דאַנק, אַ האַרציקן דאַנק זיי ביידן!

אַוודאי איז דער פּערזענלעכער קאָנטאַקט מיט אַ דיכטער, באַזונדערס מיט אַ דיכטער פון אַזאַ מדרגה ווי בינם העלער, פון גרויסער באַדייטונג פאַר יעדן ליבהאָבער פון זיין שאַפונג. אָבער ווען מיר וואָלטן אפילו נישט געקענט בינם העלערן פּערזענלעך, ווען ער וואָלט נישט געהאַט די אָנגענעמע געלעגנהייט און מעגלעכקייט צו הערן אים פון אָט דער טריבונע און אַנדערע טריבונעס אין שטאָט, וואָלט ער סיי ווי אונדז געווען נאָענט און אייגן. דאָס האָט דער כּוח פון זיין פּאָעזיע, פון זיין ליד אין וועלכן עס שלאָגט דער הייסער אָטעם פון אַ טיף פילנדיק האַרץ, „דער פלאַטער פונעם בלוט” געווירקט, עס זאָל איבערשטרייטן גרענעצן און לענדער און פאַרוואַנדלט ווערן אינעם קנין פון גאַנצן ייִדישן פאָלק, ווו נאָר עס לעבט נאָך די מאַמע י י ד י ש.

דאָס האָט ער, בינם העלער, מיט זיין ליד „אין וואַרשעווער געטאָ אין חודש ניסן” און מיט זיין בוך אונטערן זעלבן נאָמען, ווו עס זענען צונויפגעזאַמלט אַלע זיינע שאַפונגען אויף דער געטאָ־ און חורבן־טעמאַטיק, געשטעלט אפשר די ווירדיקסטע מצבה אין וואָרט פאַר אונדזערע זעקס מיליאָן קדושים, וואָס זענען אומגעקומען אין היטלערס קאַלך־אויוונס און טויט־לאַגערן. דאָס האָט ער, בינם העלער, אויפן גאַנצן שטח פון זיין שאַפונג געצונדן הערצער און געוועקט האָפענונגען מיט זיין שטילן, אויפריכטיקן, אָנגעגליטן וואָרט. יאָ, אויפן גאַנצן שטח פון זיין שאַפונג אויך דעמאָלט ווען ער איז געווען, ווי פיל ייִדישע פּען־מענטשן, פאַרגלויבט אינעם רויטן שטערן, וואָס האָט פאַרשפּרייט פאַלשע מיניענדיקע ליכטער אויפן האָריזאָנט. איז זיין ליד געווען אויפריכטיק און פריי פון רעטאָריק און געהאַט אויף זיך דעם חותם פון עכטער קונסט, מיט וועלכער דו קאָנסט שטרייטן, אָבער דו קאָנסט זי נישט פאַרלייקענען.

און ווען מיר רעדן וועגן גאַנצן שטח פון זיין שאַפן דאַרף מען דערמאָנען, אַז עס ווערט שוין באַלד אַ האַלבער יאָרהונדערט זינט בינם העלער האָט דעביוטירט אין דער ייִדישער ליטעראַטור און פאַר דער צייט האָט ער אונדז באַרייכערט מיט איבער צוואַנציק ביכער, וואָס יעדער פון זיי איז אַ שטאַפּל אין דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליריק און אַלע צוזאַמען שטעלן זיי מיט זיך פאָר אַן אוצר נישט צום דערשאַצן. פון די ערשטע טריט זיינע און אַלע צוזאַמען שטעלן זיי מיט זיך פאָר אַן אוצר נישט צום דערשאַצן. פון די ערשטע טריט זיינע אין דער וועלט פון פּאָעזיע איז בינם העלער געווען טיף ייִדיש אין זיינע אימאַזשן, אין דער בילדלעכקייט פון זיין פערז און אין זיין לעקסיק. ווען טייל דיכטער פון דער גרופּע „לינקע”, מיט וועלכע בינם העלער האָט אָנגעהויבן צוזאַמען, האָבן געשריבן אויפרופן און פּלאַקאַטן, איז זיין ליד געווען געצוימט און זיין שפּיל־וואָרט האָט געטראָגן אין זיך אויפּרייס:

„צי וועט אייביק שוין זיין
מיין גאַנג —
ווי אויף זאַמענהאָף־גאַס —
אין געדראַנג
פון אַרבעטלאָזע,
פּאָליציי
און פאַראומערטע ייִדן,
פאַרקלאַפּטע אין לאַנגע מלבושים,
ווי אין שוואַרצע אַרונות?”

—האָט העלער געשריבן אין די דרייסיקער יאָרן אין זיין ליד „מיין גאַנג". אַזאַ איז געווען זיין בילדלעכקייט, אַזוי האָט ער מיט די אויגן פון אַ יידישן פּאָעט געזען די „פּאַראומערטע יידן, פּאַרקלאַפּטע אין לאַנגע מלבושים, ווי אין שוואַרצע ארונות." ווי ווייט איז שוין העלער, און מיר צוזאַמען מיט אים אָפּגעגאַנגען פון יענעם גאַנג זייערם! וויי, ווי מיר וואָלטן זיי היינט געוואָלט האָבן יענע פּאַראומערטע יידן פון דער וואַרשעווער זאַמענהאָף גאַס, די „פּאַרקלאַפּטע אין לאַנגע מלבושים", זענען זיי נישטאָ מער. פּאַרשניטן געוואָרן אונטער דער היטלעריסטישער האַק און די העק פון אַלע אַנדערע יידן־מערדערס פון פּאַרשיידענע קאָלירן. געבליבן איז העלערס ליד, ווי אַ דערמאָנונג פון אַ צייט, וואָס וועט זיך שוין מער קיין מאָל נישט אומקערן.

בכן, רעדן וועגן בינם העלערן, פּאַרשטעלן בינם העלער, הייסט רעדן וועגן דעם גאַנצן שטח פון זיין שאַפן, וועגן אַלע זיינע ביכער און וועגן דער צייט אויף וועמענס קאַנווע זיי זיינען געשאַפן געוואָרן. ווייל העלערס שאַפונג, ווי יעדע עכטע יצירה, איז נישט אויסער צייט און רוים, נאָר איז טיף פּאַראַנקערט אין זיי, געבנדיק זיי אַ קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג און פּאַראַלגעמיינערונג. איז עס צו שווער און צופיל פאַר איין אָוונט; אייגנטלעך פאַר אַן אַריינפיר צו בינם העלערס לעקציע וועגן פּרץ מאַרקישן. וויל איך היינט בלויז זיך אָפּשטעלן אין קורצן אויף העלערס לעצטנס דערשינענעם בוך א"נ „ביחידות", וואָס איז אַ מין פאַר'סך־הכל'ונג און חשבון הנפש פון אַ לאַנגן שעפערישן וועג, וועלכער איז נישט פריי געווען פון שטרויכלונגען און ביטערע אַנטוישונגען.

פון די שורות און צווישן די שורות אין דאָזיקן בוך שלאָגט דער הייסער און ליידנשאַפטלעכער אָטעם, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר העלערס ליריק. איר פילט אין זיי דעם רייפן מאַן מיט אַ יונג, צאַפּלדיק האַרץ, וואָס איז אָפן פאַר דער וועלט מיט אַלע אירע שיינקייטן און גרוילן, וועלכע גייען דורך דעם פילטער פון זיין געצוימטן פערז און איינערלעכער מוזיק. ווי שטענדיק איז זיין פערז פּשוט, געהאַלטן אין שטרענגן קלאַסישן ריטעם און גראַם, אָבער עס איז יענע פּשטות, וועלכע בלויז גרויסע מייסטערס קאָנען דערגרייכן. עס איז די פּשטות פון ערשטיקע איבערלעבונגען און זעאונגען, וואָס נאָר דער דיכטער קאָן געפינען זייער נאָמען. אַזוי איז עס אין די לידער־תפילות און לידער־לעסטערונגען, אין די ליבע־לידער און נאַטור־שילדערונגען, ווו עס גייט אויף אין זיין גאַנצער פּראַכט דער ישראלדיקער פּייזאַזש; אין די שפּילעוודיקע לידער מיט טויזנט חנען, ווו העלער עקספּערימענטירט מיטן וואָרט און קלאַנג, אַרויסבאַקומענדיק פון זיי די דינסטע ניואַנסן, און אין די לידער אויף אַקטועלער ישראלדיקער טעמאַטיק.

זעלטן ווען בינם העלער „אַטאַקירט" אַ טעמע דירעקט, אויסערלעך, מערסטנטייל טרעפט ער צום האַרץ, הייבט אָן פון דער מיטן, ווי ער זאָגט אין איינעם פון זיינע לידער:

„מיין ליד אינעם ריטעם פון טריט,
איך זאָג אָן אַ נאָמען, אַ טיטל,
דאָס ליד הייב איך אָן אין דער מיט,
ווי יעדעס תהילים־קאַפּיטל."

דערפאַר, ווען ער שרייבט, למשל, וועגן דער יום־כיפור־מלחמה, דערמאָנט ער נישט דירעקט די שלאַכטן, די קרבנות, די העלדישקייט פון די צה"ל־זעלנער, נאָר מאָלט אַ בילד פון זיין געסל:

„אין אונדזער געסל איז איצט זייער שטיל
און ס'בליען רויט די מכבייער בלומען,
און ס'איז נאָך ליידיקלעך אַזוי און קיל
נאָך די, וואָס זענען נישט צוריקגעקומען."

איר לייענט די דאָזיקע שורות און אייך ווערט קיל און אומעטיק אויף דער נשמה. אַזאַ איז דער כוח פון קינסטלערישן בילד, פון העלערס ליד. עס צווינגט אייך צו אידענטיפיצירן זיך מיט דעם אַזוי גערופענעם „לירישן העלד". און דעמאָלט זענט איר דאַנקבאַר דעם דיכטער, וואָס האָט ביי אייך אַרויסגערופן די דאָזיקע געפילן, וואָס האָבן ערגעץ־ווו גענעסטיקט אין אייך און איר האָט נישט געהאַט פאַר זיי דעם נאָמען, דאָס וואָרט, כדי זיי ברענגען צום לעבן.

אָדער אַן אַנדער ליד פונעם זעלבן כאַראַקטער:

„צו ווייניק רו און בלומען אין די שטעט,
און אויף די פעלדער נאָך צו ווייניק שלווה.
אַ פרעמדער בליק פון יענער זייט דערזעט —
און שיקט זיין שנאה מיט אַ פייער־סאַלווע.
די פרוכט פון גאָרטן איז נאָך ווייניק זיס,
דער וואַלד אין די געבערג איז נאָך צו שיטער,
און פון דעם שונאס בלוט, וואָס איך פאַרגיס —
דאָס האַרץ ווערט טרוקן, און פון פיינטשאַפט — ביטער."

דאָ האָט איר די דילעמע פונעם ישראל־דיקן מענטש, פונעם צה״ל־זעלנער, וואָס בענקט נאָך מער שיינקייט, רו און שלווה אינעם לאַנד און ווען עס קומט דער טאָג פון פרווו, פון נסיון, מוז ער פאַרגיסן דאָס בלוט פונעם פיינט און דעמאָלט ווערט טרוקן און ביטער אויפן האַרצן. איז עס נישט קיין הומאַניזם פון העכסטן גראַד?! און דאָ ווילט זיך מיר אגב אורחה אונטער־שטרייכן די מייסטערשאַפט פון העלערס ווערסיפיקאַציע, דאָס גראַמען די העברע־אישע שלווה מיט דער סלאַווישער סאַלווע, וואָס ביידע זענען געוואָרן אַן אינטעגראַ־לער טייל פונעם יידישן לשון.

איך וואָלט נאָך געקאָנט און געוואָלט ציטירן אָן אַ שיעור פראַקטיקע און כאַ־ראַקטעריסטישע לידער פון בינם העלערס לעצטן בוך, אָבער די צייט דערלויבט מיר נישט דערויף. דער אָוונט איז געווידמעט דעם 80־טן געבויירנ־יאָר פון פרץ מאַר־קישן, דעם גרויסן יידיש־סאָוועטישן דיכ־טער און קדוש. וויל איך בלויז זאָגן, אַז הגם פרץ מאַרקיש איז באַקאַנט אין דער יידישער ליטעראַטור ווי דער שטורעמער און צוימען־ברעכער, און בינם העלער — ווי דער שטילער געצווימטער ליריקער, איז פאַראַן אַ געוויסע קרובהשאַפט צווישן זיי ביידן. דאָס איז די מייסטערשאַפט אין פורעמען און שלייפן דאָס יידישע וואָרט און די טיפע פאַרוואָרצלטקייט אין דער יידישער פאָלקס־טראַדיציע.

אינעם לעצטן ליד פון זיין בוך „ביחידות" שרייבט בינם העלער:

„דער כוח פונעם וואָרט איז אומגע־הייער —
מיט דעם האָב איך געשפּילט זיך ווי מיט פייער.

מיט דעם האָב איך די הערצער אָנגע־צונדן —
געבליבן זענען שפּורן פון די וואונדן.

— — — — — — — — — — — — — —

מיט דעם האָב איך געשריבן מיינע לידער —
געבליבן איז אַן אָפּשיין בלויז אַ מידער."

איז לאָמיר האָפן, אַז בינם העלער וועט נאָך לאַנגע יאָרן צינדן אונדזערע הערצער מיט זיין ליד און דער מידער אָפּשיין וועט זיך ווידער צעפלאַקערן אין אַ העלן פלאַם.

---

## וועלוול שאַר

## לשנה טובה תשל״ז

יידיש פאָלק —
פעלקערס פאָלק,
זאָלסט קיין מאָל מער
נישט דאַרפן איבער דיין מערכה טרויערן,
ווייל דו האָסט
מער ווי אַלע וועלטס־
קינדער און קינדס קינדער
פאַרלוירן
אין די אַלע יאָרן.

גיי דיר יאָר 5736
אַוועק פון וואַנען דו ביסט געקומען...

און דו, נאָך אומבאַקאַנט קינד,
וואָס דיין נאָמען איז
5737
גיי אויף מיט מזל און ברכה,
געזונט און שלום.

זלמן שלאָסער

# „ויהי בימי״ — די שירה פון איש יאיר

(דאָס ערשטע בוך לידער פון ד״ר ישׂראל שטערן, מאָנטרעאַל, 1975)

די לידער פון איש יאיר זעט מען פון צייט צו צייט געדרוקט אין יידישע זשורנאַלן. זיי לאָזן זיך מערקן מיט זייער אייגנאַרטיקן לשון און ריטם. זיי אינטריגירן מיט זייער ראַשיקן קלאַנג און שפּרינגענדיקן ריטם בעת טייל לייענער באַקלאָגן זיך, אַז ס'איז שווער זיי צו פאַרשטיין. נאָר אַזעלכע טענות הערט מען אָפט וועגן אַנדערע פּאָעטן אויך.

איצט האָט אַ קאָמיטעט פון זיינע פריינד אין מאָנטרעאַל אַרויסגעגעבן אַ באַשיידענע זאַמלונג פון זיינע לידער און דער לייענער פון פּאָעזיע האָט איצט אַ בעסערע געלעגנהייט זיך צו באַקאַנען מיט דער אייגנאַרטיקער שאַפונג פון דעם דיכטער.

„ויהי בימי״ איז שיין און איידל אַרויסגעגעבן געוואָרן. אַ געפיל פון נאָענטקייט, פון אַלט־היימישער משפּחהדיקייט שוועבט איבער די בלעטער. מען פילט אַז דאָס בוך איז אויך אַ משפּחה־דערגרייכונג.

בלעטערנדיק דאָס בוך צום ערשטן מאָל שיינען אויף דאָ און דאָרט באַזונדערע איינצלנע ווערטער, איינצלנע שורות, וואָס רופן אַרויס פאַרוווּנדערונג מיט זייער עלטער — „חרוזים אין עברי־טייטש״ — אָדער מיט זייער נייקייט — „אַ דילעמע, צי זאָל ער רוען אין ׳הילבערט־ספּערעס׳, צי מיט מעטרעסעס פירן אַפּערעס.״ די „מאָדנע״ ווערטער חידושן, אָבער שרעקן נישט דעם גוטן לייענער. וואָרעם בלעטערנדיק ווערט ער אַזוי אַריינגעצויגן אין די היינטצייטיקע שטימונגען, אין די שאָטן־בילדער פון אונדזער חורבן, אין דעם „פּלאָנטער״ פון דער מאַטעמאַטישער סימבאָליק מיט דער פּאָעטישער וויזיע און אין דער שפּיל מיט די קאַבאַליסטישע גימטריות. מען דערפילט ווי דער דיכטער זוכט אַ וועג זיך אָנצושפּאַרן אָן די שטאַרקע יסודות פון דער אַלטער יידישער מחשבה, מיט פּסוקים גענומען פון בראשית צי פון משלי, פון תהילים צי פון קוהלת, וואָס אילומינירן אויף זייער אופן די בלעטער פון בוך.

ביסלעכווייז דערפילט מען דעם מחברס גייסטיקן אומרו און פּאָעטישן שוווּנג, זיין עשירות און מייסטערשאַפט פון לשון, זיין פאַרוואָרצלטקייט אין תורה און חכמה און אין די היינטיקע וויסנשאַפטן. מען זעט אַז ער איז מסתמא היימיש אין די ליובאַוויטשער ישיבות פּונקט ווי אין די קאָרידאָרן און לאַבאָראַטאָריעס פון קאָלומביאַ, האַרוואַרד און מאגיל — אַ פולער יידישער פּאָעט, טרוימט און זינגט פון אַלטע מאָטיוון און ברענגט אויך אַריין נייע: דעם האַרטן מוראדיקן קלאַנג פון דער גאַס, דעם עכאָ פון דער גרויס־שטאָט און די לירישע טענער פון דעם פאַרטרוימטן מענטש וואָס ווערט פאַרפאָלגט פון דער אַטאָמישער צעשטערונגס מאנקאליע, דעם ביטערן פּעסימיזם און די שרעקנדיקע אויסזיכטלאָזיקייט פון דער היינטיקער ציוויליזאַציע.

זינגט ער אַזוי זיך דעם אַלטן — אייביקן מאָטיוו:

„עס וויגט מיך דער שלאָף,
איך הער וועמעס יאָמער,
איז עס דער ציטער
פון ריטל, פאַרדאַרט,
צי גאָר אַ מוטער
טרייסטלאָז באַצערט?

איז עס דער ווינט — וויל דעריאָגן
זיין עק,
צי — פון חורבות — אַ קינד
קלאָגט פאַריתומט; שרייט שרעק?

צאַנקט ווו אַ לעבן
אונטער קראַכנדער וואַנט,
צי כ'בין דאָרט דערלעבן
און כליפּע פון שאַנד?״

פון ליד „עס מידט מיך דער שלאָף״

אָדער ער־זינגט וועגן גורל פון אַ ברודער־פּאָעט:

„קומט דער משורר
צום שוועל מיט אַ פּאַק,
שלעפּט ער מזמורים
אַ שפּע פון זאַק.
אַ ליד צו די שטערן,
אַ ליד צו דער נאַכט,
אַ ליד צו אַ זינגער
וואָס וויינט ווען ער לאַכט."

פון ליד „סאַנקט איציק"

דאָס זיינען לידער וואָס אָטעמען מיט אייביקן טרויער און בענקשאַפט, מיט טראַגישן גורל פון וועלט און מענטש. דאָס זיינען נישט קיין לידיקע ווערטער, אָן בילדלעכקייט, אָן אימאַזש, אָן וויזיע. דאָס ערשטע ליד איז פול מיט שטימונג, אומרו און הילפלאָזיקייט. דאָס צווייטע איז פול מיט שרעק פאַרן גורל פון יידישן פּאָעט. די שורות וויגן זיך מיטן קלאַנג פון די ווערטער. זייער קלאַנג און ריטם בלייבן מיט אונדז לאַנג נאָכן לייענען. די שפּראַך איז פּשוט און קלאָר. דער געדאַנק און די אידעע נייטיקן זיך נישט אין אויפקלערונג און די פּאָעטישע אילוזיע שיינט דאָך אַרויס מיט אַלע חנען.

נאָר נישט אַלע לידער דאַרפן אָדער קאָנען זיין געגאָסן פון זעלבן מעטאַל. נישט אַלע איבערלעבונגען, שטימונגען, טראָגן אין זיך קלאָרקייט אָדער אייניפאַכקייט. אויך דער כאַאָס איז אַ טייל פון לעבן. דאָס לעבן איז צו קאָמפּליצירט און נישט אַלע מאָל לאָזט זיך עס סימפּליפיצירן אין שפּראַך אָדער אינהאַלט: מיר דערפילן דאָס זייער שטאַרק ביים לייענען אַזאַ ליד ווי—

„וואַיען שקעלעטן אין וועלדער:
'ביאַפראַ'!!
בעמען — דערוואָרגן — אין קנאָכן פון שעכטער.
די צונג איז געליימט: קליוולאַנד — אין פלאַמען.
וויעטנאַם, ווער קען טרערן, אויף יענער זייט אומזין?
אויף לאַנד מיינס, און אומה, לאַקערט רויטער אגגי:
די גלאַוניע — פון שייטער אַנטרונען — דערשלאָגן!"

פון ליד „סמיקער בעכער"

די שפּראַך, די ווערטער, דער אינהאַלט און דאָס ליד, אַלץ איז דאַכט זיך אַנגעוואָרפן, איבערגעלאָדן ווי אין כאַאָס און דאָך קלאָר פאַר יעדן לייענער. נאָר אַט באַלד, אין אַ דור שפּעטער, וועלן די ווערטער שטאַרן מיט זייער „לידיקייט". די טעמאַטיק — מאָרד, רויב פאַרכאַפּונג — איז אייביק נאָר די סימבאָליק וועט, אָן אויפקלערונג, מסתמא פאַרלירן איר באַשטימטע באַדייטונג.

פרעגט זיך: איז דאָס פּאָעזיע אָדער „שטאַרקע" רייד, וואָס היינט זיינען זיי קלאָר נאָר שפּעטער וועלן זיי פאַרלירן זייער פּאָעטישן גלאַנץ? זעט מען דאָ בלויז רויך אָדער פייער אויך? דאָס בילד מיט דער גלאַוניע, דאַכט מיר, וועט אייביק פלאַמען.

נישט אַלע ווערטער וואָס קוקן אויס בלאָס אָדער אומפאַרשטענדלעך זיינען טאַקע אַזוי. צום ביישפּיל, אין ליד „פאַרשפּילט אַ שעת הכושר" איז דאָ אַ שורה וועגן אַ נעבעכל אַ דיפערענציאַל און אַ שלאַנקער אינטעגראַל, צוויי מאַטעמאַטישע סימבאָלן. אויב מען ווייסט נישט ווי אַזוי אַט די סימבאָלן זעען אויס בלייבן די ווערטער טאַקע בלאָס און לידיק. דער דיכטער מוז דאָך נישט ווערן אַ לערער און אויפקלערן די ווערטער. ער דאַרף בלויז געטריי איבערגעבן דאָס וואָס ער זעט, טראַכט און פילט אַליין. ס'איז אָן ספק אַז ד"ר שטערן — איש יאיר, זעט דעם שלאַנקן אינטעגראַל נישט בלויז ווי אַ וואָרט נאָר טאַקע ווי אַ בילדלעכן סימבאָל פון אַ לעבעדיק — מאַטעמאַטיש־דינאַמישן פּראָצעס. דאָס מוז אויך זיין אמת בנוגע די אַנדערע טערמינען מיט וועלכע ער באַנוצט זיך אָפט. און עס זיינען אויך דאָ לייענער וועמען אַזעלכע טערמינען זיינען נישט פרעמד. יידיש ווערט היינט געלערנט אין פיל אוניווערסיטעטן. איבערזעצונגען פון יידישער פּאָעזיע קאָן מען היינט אויך טרעפן אין פיל ביבליאָטעקן פון לאַנד. פאַרוואָס זאָל אַ יידישער פּאָעט זיך נישט באַנוצן מיט דער גאַנצער עשירות פון זיין לשון? ווערטער קענען נישט שרעקן ווען ווערטערביכער שטייען גרייט צו העלפן.

חיים ליבערמאַן, דער שטרענגער קריטיקער פון דער יידישער ליטעראַטור, האָט

אַמאָל געהאַט טענות צו יידישע פּאָעטן, ספּעציעל צו מאַני לייבן און יוסף ראָל־ניקן, אַז זייער לשון איז אָרעם, אַז זייער פּאָעטישע שוואַכקייט ליגט אין דעם וואָרט און אין דער שורה. „אין דעם איינצלנעם וואָרט—האָט ליבערמאַן געשריבן—האָט מאַני לייב נישט קיין כוח און אין דער באַזונדערער שורה האָט ער נישט קיין קראַפט.“ מיט אַ סך יאָרן שפּעטער האָט מאַני לייב אין איינעם פון זיינע סאָנעטן, „ווערטער“, כמעט אַזוי ווי געענטפערט אויף אָט דער טענה:

„דאָס זיינען ווערטער פּראָסטע, וואָס זיי שימלען
אין שטומען פאָלק, אין מיסטן פון יריד,
איצט זינגען זיי דערהייבן אין אַ ליד
און הילכן אָפּ אין אַלע זיבן הימלען.“

דאָך אין תוך, מיין איך, איז ליבערמאַן פּאַרט געווען גערעכט. אין דעם וואָרט און אין דער שורה, די ציגל פון קאָנסט־רוקציע, הייבט זיך אָן די מייסטערשאַפט. איש יאיר איז אין די מערסטע לידער זיינע אַ מייסטער פון שפּראַך. ער זוכט און געפינט אַלע יידישע און העברעישע ווערטער, נייע אימאַזשן פאַר די גרויל־בילדער פון חורבן, וואָס ער האָט מסתמא איבערגעלעבט, ווי מיר פילן דאָס פון זיין ליד „שומר מה מליל“:

„וואָס מיינסטו, פּוילן, פאַלשע שלאַנג,
מיר האָבן דיך פאַרלאָזן?
מיין בלאָנדע באָרד—דיין זאַנג אין פעלד,
אין ווינט, מיין קול טוט קלאָגן.
דייטקייך, מיין בלוט, פלייצט איבער.
מיין פּחד וואַרגט דיין בלויע נאַכט,
ביז גאָט פּראַלט אויף די גריבער“. . .

פון דעסטוועגן האָב איך דעם איינדרוק אַז זיינע וואָרט־בילדער זיינען טייל מאָל פון קורצן דויער, ווייל זיי פליסן און בייטן זיך צו שנעל. זייער איינדרוק ווערט דורך דעם אָפּגעשוואַכט. „אויף די סטרונעס פון דער נאַכט“ יאָגט זיך בילד נאָך בילד. נאָך איידער מ׳קען באַנעמען דאָס ערשטע בילד יאָגט זיך אָן דאָס צווייטע:

„אַ טרער צופּט די סטרונעס פון נאַכט.
אַ פּראַכט־צוג—פאַרעלטערט—פרייכט מאַכט.
סימפאָניע בליצט פייערווערק־שטויב
צו הימלען — איז טויב צו דער לויב,
דראָטן צעווירען מיין פענצטער—
ציטערן נאָטן אויף זיי
די נאַכט—צווילינג איך אויף דער
עלטער
געפּענטעט, איך גלאָץ אויף איר ווײ. . .“

דאָ גייט עס נישט נאָר אין דעם וואָס פון צופיל בילדלעכקייט ווערט דער טאָ־טאַלער איינדרוק אַטראָפירט, אָפּגעשוואַכט.

מעגלעך, אַז דער קאַרדינאַלער חסרון איז נישט קיין יחידיש־פּערזענלעכער נאָר אַ קאָלעקטיווער, אַז עס געהערט צום קאַ־טאַקליזם פון אונדזער צייט, צום נער־ווזן געמיט, צו דער גרויסער שרעק, וואָס די אַטאָמישע געפאַר האָט אָנגעיאָגט אויפן מענטש. איש יאירס לידער שאַפן אַן אָנגעגליטע שטימונג, אַ צאָרנדיק בילד און אַ ברייטע וויזיע, הגם נישט אַלע מאָל איז די וויזיע אַ ליכטיקע, אַ פריידיקע. דער טרויער פון חורבן לויערט פון צווישן די שורות. אין „אַ זומער־רעגן“ איז די וויזיע אין תוך אַ שטיפעריש־ליכטיקע, ווי אַ זומער־רעגן קאָן נאָר זיין. נאָכן קנאַלן און גיסן „טענצלט טראָפּל קעגן טראָפּ,/ שטעקט די זון אַרויס דעם קאָפּ.“ די שטימונג איז אָבער ווי פון אַ שטורעם וואָס דערשרעקט.

צווישן זיינע לידער־שנירלעך זיינען דאָ אַ סך לידער וואָס מיר האָבן פריער אין זשורנאַלן נישט געלייענט. קען מען איצט בעסער דערקענען דעם דיכטערס אייגנ־אַרטיקייט. מיר זעען אים איצט ווי אַ פּאָעט בחסד עליון. מיר זעען אויך ווי אַ גרויסער טייל פון די לידער זיינען ווי פונקען, אויסשטראַלונגען פון דער פאַנ־טאַסטיש־סאַטירישער אַלעגאָריע „ויהי בימי“, וואָס פאַרנעמט אַ דריטל פון בוך און איז די קרוין פון דאָס גאַנצע ווערק.

ויהי בימי, און עס איז געווען אין די טעג פון — — — . דעם הינטערגרונט פון אָט דער מעשה נורא איז נישט שווער צו דערקענען. דער אינהאַלט איז עטוואָס „פאַרפלאָנטערט“ און דער זין פון דער מעשה ליגט אויך נישט טיף־שיף באַ־האַלטן, ווי מ׳קען אין אָנהייב מיינען. דער פאָרזיכטיקער לייענער וועט לייכט דער־קענען די צייט פון די מלחמה־נאָכווייען־נישן, די קאַמפן פאַר ציווילע רעכט און

עטנישער גלייכהייט, די אומרועען אויף די קאַלעדזש קעמפּוסעס, די צייט ווען די פּראָפעסאָרן מאַרקוזע, אַ דערוויטערטער ייד, און נחום כאָמסקי, אַ יידיש־דערצויגענער מענטש, מיט צענדליגער אַנדערע האָבן מיט יינגלשער גאווה און בראַוואַדאַ געפירט דעמאָנסטראַציעס אָדער געשריבן פּאַמפלעטן צו באַרעכטיקן די מרידה. דאָס איז געווען פון איין זייט.

פון דער צווייטער זייט האָט דער פרייער שעפערישער גייסט פון מענטש אין די פאָרש־צענטערס און לאַבאָראַטאָריעס דורכגעבראָכן אַלע ביז איצטיקע באַריערן צו דערגרייכן דאָס „אומדערגרייכבאַרע״. מען האָט דערגרייכט דאָס „טעלערל פון הימל״, די לבנה, און מען האָט באַשאַפן אַ לעבעדיקע צעל אין אַ טעסט־טוב. אָט די ווונדערלעכע אַנטפּלעקונגען און דערגרייכונגען, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע ווי דראָגס און די פּיל, וואָס גיבן דעם מענטש, ווי ער מיינט, קאָנטראָל צו מאַניפּולירן מיט זיך לויט זיינע עגאָאיסטישע קאַפּריזן האָבן אויפגערודערט די מענטשלעכע עזות צו אַן אומגעהערטער מרידה קעגן זיך אַליין. אַרום דער זעלבער צייט איז די וועלט אויף אַוועקגעשטעלט געוואָרן פּנים אל פּנים מיט דער קאַטאַסטראָפאַלער מיסיל קאָנפראָנטאַציע—כרושטשעוו־קאַסטראָ־קענעדי, וואָס האָט אין עטלעכע מינוט געקענט פירן צו פולער פאַרניכטונג און וועלט־חורבן.

שפּעטער אין דער פּאָעמע, דורכן מויל פון דעם ריז וואָס איז געבליבן לעבן נאָכן אַטאָמישן אויפרייס, הערן מיר אויך די אַלעגאָריע אויף די דיקטאַטאָרס פון דער אַנדערער וועלט, די סטאַלינס, די היטלערס און זייער גלייכן.

אָט די צעמישונג איז דער הינטערגרונט פון „ויהי בימי״. און די העלדן פון דער אַלעגאָריע מיט אויסגעטראַכטע, אויסטערלישע און אפשר סימבאָלישע נעמען ווי מחר בן תרח, רזא בן מחר, חבד בן יחבש אָבער אויך אַ היינטצייטיקער פּראָפעסאָר גרין, אַ מחר ירוק, אַ יידישער פּראָפעסאָר וואָס מאַכט די מעשה, דעם סיפּור נפלא, קלינגען אַ ביסל רעאַליסטישער און ווערט אויך סוף כל סוף דער צענטראַלער העלד פון דער מעשה. צוליב אים טראָגט זיך די מעשה אַריבער פון די הויכע הימלען צו אונדזער האַרטער ערד. ערטערווייז דאַכט זיך אפילו אַז ס׳איז אַ פאַרצייטיש מוסר־ספרל מיט אַ מיסטיש פרומען מוסר־השכל פאַר יונג און אַלט. דער אינהאַלט פון דער אַלעגאָריע איז שיין פאַרטראַכט מיט אַ ברייטן קאָסמישן פאַרנעם און געדאַנק: דער ויתרוצצו אין מענטשן, דער געראַנגל צווישן זיין שטאַרקן באַגער צו וויסן אַלץ, צו פאָרשן אַלע געטלעכע סודות פון באַשאַפונג און זיין היסטאָרישע דערפאַרונג אַז וואָס מער וויסן אַלץ מער דאגות; אַז קנאה־שנאה באַהערשט דעם מענטש און ער בלייבט זינדיק פון דער טראַכט; אַז חרטה לאָזט לויטער און תשובה מאַכט ריין; אַז אַנטוישונג קען צוריק איבערגיין אין האָפענונג.

די מעשה הייבט זיך אָן מיט אַ וואָרנונג פון דעם חכם, דעם זאַמלער פון די גאַרבן, אין נוסח פון משלי אָדער קוהלת: „די גאווה און דער וויסנגלוסט—אַ סם—דיך צו פאַרדאַרבן.״ נאָר דאָ א׳ן פאַנטאַסטישן לאַנד פון מה־היא פאָרשט מען און מען נישטערט צו באַשאַפן אַ דור פון גאָלע גאונים־חכמים (זיי וויסן שוין דעם סוד דערפון). דאָס איז דער באַפעל פון מלך. נאָר די גאונים, די פילאָסאָפן מיט מחר בן תרח בראש ווילן סוף־סוף גאָר פאָלגן זייער אייגן געפיל און האַרץ און האָבן זיך דערגרונטעוועט צום ביטערן קערל:

„צו לעבן אָן וויסן, אין יחוד מיט אַלעם,
שווימען אין ים פון דעם זיין ווי אין
חלום — איז בעסער — ווי שאַרפן
דאָס זען, פון זיין אָפּגעריסן. מענטש
קעגן אַלעם, אָן איינזען, געוויסן, צע־
שטערט זיך אַליין ווי אָדם הראשון.״

אַן אָנצוהערעניש, אַז אמתע פאָרשונג איז בטבע פריי און קען נישט אַרויפגעצוווּנגען ווערן. אין יענעם לאַנד הייסט דאָס מרידה קעגן מלכות. אב־שנאה, דער שוואַרצער מכשף און קעניגס בעל־יועץ הייסט באַשטראָפן די חברה מורדים, מען זאָל זיי פאַרשיקן ערגעץ צו אַן אַנדער פּלאַנעט. גלייכצייטיק פאַרכישופט ער זיי, ווי אַ שטראָף, מיט אַ געבראָכן האַרץ —

„אַ האַרץ וואָס בענקט סתם, אָן אַ טעם,
וואָס רייסט זיך צום ווינט וואָס פאַר־
שווינדט; צום שטראָם, וואָס פאַרלירט
זיך אויף אייביק אין אָפּגרונט פון ים.״

ציל־לאָז, זינלאָז, ווי די שטערן, דער ים, די כוואַליעס — „פּאַרטייעט אין אייביי־קייטס תוך”... אין יחוד מיט דער קאָס־מישער באַשאַפונג.

נאָר דער פּלאַנעט צו וועלכן זיי ווערן פאַרשיקט, צו וועלכן זיי שטרעבן, ווו מ׳קען לעבן אין יחוד מיטן אי ן איז — אַ פאַנטאָם, אין הימל אַ פּלאַדן, בלויז אַ כישוף וואָס האָט נישט קיין האַפּט. זיי קענען אַהין נישט דערגרייכן. מחר בן תרח ווערט, ווי איוב, פון צער געריירט:

„פּאָטער, אב הרחמים, מיר זענען זינדיק.
מיין געבעט נעם אָן,
פיר אונדז צו דיין משכן,
דעם מקדש פון אייביק־אָן!”

וויל געגרייזט, ווייל זינדיק קען מחר מיט זיין דור צום געגאַרטן פּלאַנעט נישט דער־גרייכן. בלויז דער „יונגער צווייג” וואָס שפּראָצט פון זיי, דער וואָס איז דערווייל נאָך ריין פון זינד — הערט ער אַ בת־קול וועט האָבן די זכיה — — — .

אָט דער מאָטיוו פון זינד, חרטה און תשובה איז אַ פּנים דער לייטמאָטיוו פון אָט דער אַלעגאָריע. וואָרעם ער חזרט זיך איבער און באַגלייט מיט תמימות אויף די אַנדערע דריי טיילן. אין יעדן טייל איז אָבער אַן אַנדער דור, אַן אַנדער סבי־בה, אַן אַנדער שארית־זאַמען, אַ יונגער צווייג, אַ צבר מתק, אַ קאַקטוס פּלאַנץ, אויסערלעך האַרט און ביטער, אָבער אי־נערלעך ווייך און זיס. דער גאַנג פון לעבן, דער סדר, דער זעלבער. דער גורל פון מענטש אויך דער זעלבער — שווערע פּראַצע, שקר און פּאַרראַט טויכן אויף, די „וויסן־שאַפט” בלייבט אין דינסט פון די הערשער; סמיקע גאַזן, אַטאָמישע רעאַק־טאָרס, מיסילס... נאָר פּראָפעסאָר גרין —

„איז עלנט, אין גאַנצן אַליין, קען נישט
פאַרטראָגן
דאָס פּלאַפּלען, די שטותים פון זיינע
קאָלעגן...
שאול האָט אויפגעפּראַלט זיין מויל מיט
מיסלס שרעק —
וואָסער זין האָט פאָרשונג איצט?

פּראָפעסאָר גרין איז אַ יידיש־אַמערי־קאַנער אינטעלעקטואַל, וואָס האָט מסתמא געגרייזט, ווידערשפּעניקט זיין פּאָטערס גלויבן; אַוועק פון דער יידישער היים און סביבה, געפּלאָנטערט, געקעמפט פּאַר ריינעם יושר און לסוף צעטרענצלט זיין לעבן אויף וויסטקייט און שטויב. פּראָפעסאָר גרינען ווערט נמאס וויסן. —

„שוימט חרטה איבער ברעגן,
מחילה וויינט אויף תשובה־וועגן.
געפּענטעט אין דעם וויסן־יאָק
טאַטשעש אים אַ ספק, קוועלט:
טוליעט נאָך אַ פונק אין אַש?”

דאָס מיינט אַ פונק פון זיין פּאָטערס גלויבן. ווערט דאָקטער גרין אַ גייער, אַ זוכער פון זיין אייגענער אידענטיטעט. אַ משיח־זוכער! ער בלייבט טויב צו דער שוואַרצער סאָווע און בלינד צו אַלע שטרויכלונגען, צו די וואָרנונגען אַז משיח קען נישט קומען אָן אליהוס אָנזאָגנדיקע שאַלן. גייט ער ווייטער און זוכט. וואָרעם געבליבן איז אים בלויז שוידער און גאַל אויפן גומען.

לסוף, אין פלאַקער און בליץ האָט ער דערזען:

„זיין פּאָטער, באַקיטלט, גייט אויף
פונעם סנה...
דערבאַרעמדיקער פּאָטער, מיין געבעט
נעם אָן.
פיר אונדז צו דיין משכן, דיין מקדש
פון אייביק־אָן.
דיין דור שכולו חייב, דאַרף כולו שבת
נייטיק.”

דאָקטער גרין קומט נישט פון קיין אויסגעטראַכט לאַנד. ער לעבט מיט דער ברוטאַלער ווירקלעכקייט פון אַ מעגלעכן חורבן און אַטאָמישן אויפרייס. אין עקס־טאַטישע און הייפּערדיקע מאָמענטן טראַכט ער אפילו אַליין צו ווערן אַ „משיח”, אַ פירער פון „גרויען מענטש”, פון די וואָס טראָגן דעם עול און די ליידן פון דער וועלט, פונעם פאָלקס־מענטש. ער האָט זיך אָבער שנעל אַנטוישט אין דעם „גרויען מענטש”, וואָס גייט נאָך די סטאַדע און טראַכט און לעבט בלויז מיטן מאָמענט. דאָקטער גרין בלייבט אַליין און גייט אַליין צו זיין ציל, צו זיין פּאָטערס שטאָם.

דער גאַנג פון פּאָעזיע איז דער גאַנג צו דערהייבענער אילוזיע, צום בלויען חלום, צו די שפּיץ־בערג פון חלום־לאַנד, ערשט פון פון דאָרטן צו דערזען די גרוי־

קיט פון דער רעאַליטעט. אָן דעם חלום בלייבט דער מענטש אין טונקעלען טאָל. גרייזן און שטרויכלען איז זיין גורל; הרטה און תשובה, טרוים און אילוזיע — זיין האָפענונג און רעטונג. אין דער יידישער מחשבה איז די אילוזיע וואָס פירט אַרויס פון טאָל — משיח, משיח בן דוד. צום מלך דוד האָבן די חז״ל צוגעשריבן אַלדאָס גוטע, אַלדאָס שיינע וואָס איז אַמאָל, אַמאָל געווען און וואָס וועט נאָך אַ מאָל ווידער זיין. אין דער אַלעגאָריע פון איש יאיר איז דער פּאַסטעך־קעניג חבד בן יחבש, וואָס פיגורירט אין צווייטן חלק, אידענטיש מיטן פּאַסטעך־קעניג דוד פון דער טראַדיציע. ער איז דער צויבער פון דער יידישער פאַנטאַזיע. פון אָט דער טראַדיציע מוז דער דיכטער שאַפן דעם צויבער פון זיין אילוזיע. און ער שאַפט דאָס טאַקע מיט אַ לייכטקייט, אַז דער לייענער פילט נישט די אילוזיע פריער ווי ער כאַפּט זיך נישט אויף ווי פון אַ חלום.

אין דעם ליגט דעם פּאָעטס כוח. אָט איז די שילדערונג ברוטאַלע וואָרהייט און אָט איז דאָס אילוזיע. מען פילט נישט דעם איבערגאַנג, ס׳איז נישט איבערגעריסן, און דער לייענער כאַפּט זיך נישט אַז די שילדערונג בייט זיך — אָט איז צוגעשפּיצטע קאַריקאַטור און אָט איז דאָס ריינע עפּיק. אַזוי צו מאָלן סיטואַציעס און מענטשן, פעסט אויף דער ערד און דאָך אין די אויבערשטע וועלטן, איז אַ מדרגה. ספּעציעל די שילדערונג פון פּראָפעסאָר גרין. אין אָנהייב איז ער דורך און דורך רעאַליסטיש בעת די אַנדערע זייבען אילוזאָריש, אויסגעטראַכט, אַלעגאָריש. שפּעטער אָבער בייטן זיך די ראָלן. פּראָפעסאָר גרין ווערט ריינער גייסט, גרויסע אילוזיע, די אייביקע בענקשאַפט צו גאָט, „צום עליון אויבן.״

איש יאיר האָט דאָ געוואַגט זיך צו פאַרמעסטן מיט היינטצייטיקע געשעענישן, מיט אַקטועלע פּראָבלעמען פון לעבן, בעת אַנדערע שרעקן זיך פאַר אַזאַ טעמאַטיק. וויינען און קלאָגן אויף אונדזער חורבן איז, ווי באַוווסט, אַ מער אויסגעטראָטענער דרך אין אונדזער ליטעראַטור.

דער טיפּ יידיש־אַמעריקאַנער אינטעלעקטואַל איז אין דע יידישער ליטעראַטור, בפרט אין דער פּאָעזיע, כמעט אומ־באַקאַנט. ער איז נאָך נישט געשילדערט געוואָרן אין זיין גאַנצקייט אָדער צעבראָכנקייט. אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור איז ער גראָד יאָ דאָ. לודוויג לואיסאָן, טשאַרלס אַנגאָף, קאַרל שאַפּיראָ, הערבערט גאָלד און נאָך אַנדערע האָבן זיך פיל מאָל פאַרנומען מיט דעם. ביי טייל קומט עס אַרויס ווי אַ געראַנגל מיטן באַקאַנטן אַנטיסעמיטיזם. איש יאיר פירט דעם געראַנגל אין אַן אַנדער ריכטונג. ער בויט אויף דער הנחה אַז דער מענטש איז באַשאַפן בצלם און דאַרף זיך טאַקע אַזוי אויפפירן. זיין פּראָפעסאָר איז נישט צופרידן וואָס די וויסנשאַפט דינט די וואָס האָבן די מאַכט. ער קערט זיך אָפּ פון זיי און ווערט דער גייער, דער זוכער פון זיין שטאַם, פון זיין אידענטיטעט. היינט הייסט עס עטנישע אידענטיטעט. אין בוך איז דאָס וואָרט טאַקע נישטאָ, נאָר מען פילט אַז דאָס איז דער אינערלעכער כוח וואָס באַזעלט אים און וואָלט אויך געקענט אין אַ „בייזער שעה״ אים מאַכן פאַרן נייען משיח, פאַר אַן אָפּשטאַמיקן פון חבד בן יחבש גזע, ווי אַנדערע גרופן האָבן דאָס טאַקע געטאָן אונטער אַנדערע בעמען.

ד״ר ישראל שטערן איז אָבער צופיל קינסטלער צו פאַרבלאָנדזען אויף יענע מיסטישע וועגן צו וועלן שאַפן אַ נייען משיח אַ לאַ אַמעריקע. די פאַנטאַסטישע מעשה פאַרענדיקט זיך טאַקע מיט בלויז אָנצוהערענישן אויף די טריטפון משיח.

פּראָפעסאָר גרין גייט איבער אין אַ ניי געשטאַלט, דאָס געשטאַלט פון זיין עטנישער אידענטיטעט, מחר ירוק. ער גייט איבער אין אילוזיע, די אילוזיע אַז ער איז פון יחבש, זיין פאָטערס שטאַם. ביי אָט דער אילוזיע לאָזט דער דיכטער אים איבער, ווען אויף זיינע וואַנדערונגען דערגרייכט ער דעם ראַנד פון גרויסן חורבן־קראַטער, ווו דער גזר־דין פון כולו חייב אָדער כולו זכאי איז מקוים געוואָרן כדי משיח בן דוד זאָל קענען זיך באַווייזן. און דאָ ביים קראַטער פון חורבן ווענדט זיך שוין מחר ירוק צו זיין ניי־דערקענטן גאָט פון זיינע אָבות מיט גרויס געבעט.

„דערבאַרעמדיקער פאָטער, מיין געבעט
נעם אָן.
אַנטפלעק די זאַלב פון גלעד, צו היילן
אונדזער וויטיק,

ס. שניאור

# אונדזער אימפּרעסאַריאָ — אַלעקס ראָבין

## צו זיין אַכציקסטן געבוירן־יאָר

מען דערציילט אַז ווען דער גרינדער פון חסידות, (ר׳ ישראל בעל שם טוב), האָט שוין געשמט אין דער וועלט ווי דער „גוטער־ייד", איז ער ביי זיך אין שטעטל נאָך אַלץ געווען סראָלטשע דער מלמד, אַ ייד ווי אַלע יידן. זיין גוטער נאָמען איז אים אָבער פאָרויס געגאַנגען, אַזוי אַז ווען ער האָט זיך ערגעץ באַוויזן מחוץ זיין שטעטל האָט מען שוין געוווסט אַז דאָס איז דער „גוטער־ייד" פון מעזשבעזש.

דאָס מזל פון אַ מענטש אַז זיין גוטער נאָמען זאָל אים פאָרויס גיין איז ניט יעדן איינעם באַשערט. דאָך קען יעדער איינער זיך דאָס פאַרדינען אויף זיין אייגענעם אופן אויב ער האַלט נאָר פון פּסוק „לא על הלחם לבדו יחיה האדם" — גיט אויף בדויט אַליין לעבט דער מענטש. אַ מענטש דאַרף טראָגן אַחריות ניט נאָר פאַר זיך אַליין, נייערט, אויף וויפל ס׳איז מעגלעך, אויך פאַר זיינע פריינד, אפילו פאַר זאַכן, פאַר מענטשלעכע ווערטן, אין וועלכע ער גלייבט אָדער לכל הפחות וואָס ער שאַצט הויך.

די אייגנאַרטיקייט און פּראָמינענץ פון אונדזער פריינד אַלעקס ראָבין, צו זיינע אַכציק יאָר, זיינען וויל באַקאַנט אין לאָס אַנדזשעלעס און אויך ווייט אַריבער די גרענעצן פון אונדזער שטאָט. ער האָט דאָס גוטע מזל וואָס זיין גוטער נאָמען גייט אים פאָרויס, און דאָס ניט דורך טרומייטערן און פויקן, נאָר שטיל און באַשיידן ווי פון זיך אַליין. נאָך גלייך ביים אָנהייב, נאָך איידער ער האָט זיך שוין געהאַט דאָ איינגעאָרדנט, איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער היגער יידיש־געזעלשאַפטלעכער און קולטור־אַרבעט ווי אַן אייגענער אַלטער תושב.

אין יענער צייט, אַרום 1945, איז דער היגער יידיש־רעדנדיקער סעקטאָר נאָך געווען שטאַרק אָנגעזען, סיי אין צאָל, סיי אין פאַרנעם. די מערסטע טוערס זיינען נאָך געווען אין די רייפע מיטעלע יאָרן. ס׳האָט געשפּרודלט מיט אונטערנעמונגס גייסט, מיט לעקציעס, פאָרלעזונגען, קאָנצערטן, הילפס־אַקציעס פון אַרבעטער קאָמיטעט, פאַר ארץ ישראל, פאַר לאָקאַלע אַרבעטן, פאַר יידישער דערציונג, קינדער־שולן, און נאָך און נאָך, אָן אַ סוף.

זיין הײם איז גלייך געוואָרן אַ צענטער פאַר געזעלשאַפטלעכע מסיבות, פאַר נייע פּלענער ווי צו פאַרגרעסערן, פאַרבעסערן אונדזערע אינסטיטוציעס, אפילו די אַרבעט פאַרן יידיש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, ייווא, האָט דאַן דורך אים געקראָגן אַן אַנדער שווונג און פּנים. די יערלעכע ייווא קאָנפערענץ אין לאָס אַנדזשעלעס איז געוואָרן אַן אינסטיטוציע מיט אַן אייגענעם פּערמאַנענטן אָנפירער און באַזונדערע אייגענע טעטיקייטן.

זיך אָפּזאָגן פון פאַראַנטוואָרטלעכע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, זיך אָפּזונדערן מיטן תירוץ, אַז ער איז מיד אָדער פאַרנומען מיט אייגענע פּריוואַטע עסקים, ווי אַנדערע פלעגן טאָן, איז קיין מאָל ניט געווען זיין טבע. ס׳האָט דעריבער ניט גענומען לאַנג און אַלעקס ראָבין אַליין איז געוואָרן אַן אינסטיטוציע, אַן אייגנאַרטיקע אינסטיטוציע, ווי אַן אייגנאַרטיקער מענטש, אַ מין אימפּרעסאַריאָ פון קינדער־טעאַטער, פון יידישע קאָנצערטן, לעקציעס און קולטור־אונטערנעמונגען בכלל, ווי אַ שטייגער: העלפן מיטן טעאַטער־לעקסיקאָן (ווען ז. זילבערצווייג האָט נאָך געלעבט), מיטן ליטעראַטור־לעקסיקאָן (דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך אַליין) און מיט דער פאַרשפּרייטונג פון יידישן בוך

---

דיין דור, שכולו חייב, דאַרף כולו שבת נייטיק."

און ער הערט אַ בת־קול אַז חבד וועט צעשטערן דעם ליימענעם גולם, אויף געטלעכע לאָנקעס וועט ער אונדז פירן...

און ער הערט ווי די ספערן, די בערג און די כוואַליעס פון ים צעזינגען זיך מיט ליכטיקער פרייד און טריומף: אל שדי! ציט אָן! ס׳וועט די גאולה פאַרווערן!

(סוף אויף זייט 73)

בכלל און די גרינדונג פון דעם פּרץ פאַרלאַג אין ישראל, דעם שלום עליכם הויז און דאָס לייוויק הויז בפרט.

אַזוי ווי נישט ווילנדיק איז אַלעקס ראַבין געוואָרן דער פאַרבינדונגס־מענטש צווישן די פאַרשיידענע יידישע אינסטיטוציעס און יחידים דאָ אין שטאָט. וואָרעם ער שטעלט מיט זיך פאָר דאָס שענסטע וואָס פאַראייניקט אַ סך פון אונדז טראָץ די מיינונגס פאַרשיידנקייטן. ער האָט די מעלה וואָס ער קען פאַרקוקן דאָס וואָס צעטיילט מענטשן און קען דעריבער בויען אויף דאָס וואָס פאַראייניקט אַלעמען.

דאָס איז אַ וויכטיקער כאַראַקטערשטריך זיינער, וואָס שטאַמט אפשר פון דעם וואָס זיין פונדאַמענטאַלע דערציונג האָט ער פאַקטיש געקראָגן שוין דאָ אין אַמעריקע, אין סיו סיטי, אייאָוואַ, מחמת געקומען קיין אַמעריקע איז ער יונג, אַ יינגל פון אַ יאָר עלף, און איז געוואַקסן מיט אַ סך ליבשאַפט פאַר אַלץ וואָס איז יידיש און אויך מיט אַ סך טאָלעראַנץ צו מענטשן מיט אַנדערע געדאַנקען און מיינונגען. דאָס האָט אָן ספק אים געהאָלפן אויסצוברייטערן זיין בליק און געזעלשאַפטלעכן פאַרנעם. די סקול און די גאַס, די אַרמיי און זיין ראַנג פון אַ סערזשאַנט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אין פראַנקרייך, און זיין רייפעגעזעלשאַפטלעכע דערפאַרונג האָבן אים ניט געלאָזט בלייבן אָפּגעזונדערט אין איין קלייזל. ער האָט שטענדיק געזוכט אַ וועג אויסצוברייטערן זיין יידישע וועלט, אָנשטאָט אַ וועג פון איר צו אַנטלויפן.

דעריבער איז זייער כאַראַקטעריסטיש וואָס ווי שטאַרק ער איז אַריינגעטאָן אין יידישע קולטור־אַרבעט פאַרגעסט ער אויך ניט זיין אינטערעס צו יענע אַלגעמיין אַמעריקאַנישע אַרבעטן ווי די „סיוויל ליבערטיס יוניאָן“, די „קאָמאָן קאָז“ באַוועגונג, דעם „סאַנטאַ באַרבאַראַ סענטער פאַר די אַדוואַנסמענט אָוו די דעמאָקראַטיק אינסטיטושאָנס“ און נאָך אַנדערע. ער איז געבליבן אַ גוט באַלאַנסירטער ייד, אַן אַמעריקאַנער יידישער ייד. און אויך אין דעם גייט אים זיין גוטער נאָמען פאַראויס. ער רעדט אָבער קיין מאָל ניט דערפון, מחמת ער באַטראַכט דאָס ווי אַ נאַטירלעכע זאַך.

און נאָך עפּעס וועגן וואָס ער רעדט ניט און ס'איז כדאי דאָס צו דערמאָנען — זיין גרויסע ביבליאָטעק מיט יידישע ביכער. ווען איר קומט אַריין צו אים אין הויז דערזעט איר גלייך זיין שיינע יידישע ביבליאָטעק פון די סאַמע נייעסטע ביכער. איר גייט צו נענטער, באַטראַכט די ביכער און איר כאַפּט זיך אַז טייל פון זיי זיינען די זעלבע! ווי קומט עס? — ניין, אַלעקס ראַבין האַנדלט ניט מיט קיין ביכער, און איר ווונדערט זיך אַזוי לאַנג ביז איר פרעגט, סטייטש? און די מעשה ווערט אייך קלאָר: נישטאָ היינט ביי אונדז קיין פאַרקויפערס פון יידישע ביכער. יעדער שרייבער מוז דאָס טאָן פאַר זיך. קריגט מען דאָ און דאָרט אַן אַדרעס, שטעלט מען איינאון מען האָפט אַז יענער וועט זיך ניט אָפּזאָגן און באַצאָלן פאַרן צוגעשיקטן בוך. נאָר צו ראַבינען שיקט מען ניט איין בוך, מען פרעגט זיך אפילו ניט אָן ביי אים, מען שיקט אים אַריין אַ גאַנצן פּאַק מיט ביכער, און זאָל ער דאָס צוריקשיקן! ניין, ער שיקט דאָס ניט צוריק, אפילו ווען ער קען ניט דעם שרייבער. ער שיקט אַ טשעק פאַר מער וויפל די ביכער זיינען ווערט און נאָך דעם פּרובירט ער זיי פאַרקויפן פאַר אַ האַלבן פּרייז, אָדער זיי צעטיילן ווי מתנות צו זיינע נאָענטע פריינד. און לסוף, ווען עס בלייבט נאָך אַלץ אַ פאַריתומט בוך, נעמט ער עס אַריין אין זיין אייגענער ביבליאָטעק — ס'איז דאָך נייט קיין אומזיסטע סחורה.

אָפּט מאַכט זיך אויך, אַז מענטשן וואָס האָבן צו טאָן מיט יידיש־קורסן, מענטשן וואָס שרייבן אָדער ריידן אויף יידישע טעמעס דאַרפן האָבן אַ געוויסן בוך. ווייסט מען שוין אַז ביי אים וועט מען דאָס בוך געפינען, און ראַבין טראָגט עס מיט כבוד און פרייד יענעם אונטער. דער אמת איז אַז טייל מאָל בין איך אויך איינער פון די געניסערס, און איך ווייס אויך פון עטלעכע אַנדערע וואָס קומען אָן צו אים פאַר זייערע ספּעציעלע פאָרשונגען.

אָט די אייגנאַרטיקע ראָלע אָדער פונקציע ראַבינס דערמאָנט מיר אָן ש. מילערס אַ דערציילונג „ירושה“. אַ מאַמע קומט צום זון, דעם דאָקטער, „פּאַרמסרן“ דעם טאַטן, אַז ער פאַרטאַכלעוועט די ירושה וואָס איז באַשטימט פאַרן זון. דער זון

איז קלוג און גוט ווי דער טאַטע און פאַרשטייט דעם עסק. דער טאַטע, וואָס „פאַרטאַכלעוועט” דעם זונס צוקונפטיקע ירושה, איז פון די ערשטע פּיאָנערן פון היגן ידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און איצט איז ער שוין אַ צוריקגעצויגענער פון זיינע געשעפטן. האָט ער זיך באַקלערט, אַז אנשטאט צו געבן זיין יערלעכע באַשטייערונג פון הונדערטער דאָלערס צו די צדקה אינסטיטוציעס וועט ער גאָר אַליין פאַנאַנדערטיילן דאָס געלט דירעקט צו די נויטבאַדערפטיקע. ער וועט זיי געבן הילף אָן דעם פיינלעכן געפיל פון שנאָרן.

ער האָט געוווסט פון אייגענער דערפאַרונג, אַז עס זיינען שטענדיק דאָ מענטשן, וואָס פילן זיך טייל מאָל ווי די וועלט גייט זיי אונטער. אַ קליינע הלוואהלע אָן פּראָצענט און אָן גוט־זאָגערס וואָלט זיי שטאַרק געהאָלפן. ער האָט געהאַט בטחון אַז אפילו אויב איינער אָדער צוויי זאָלן ניט צוריקצאָלן איז אויך ניט געפערלעך. נישקשה, ער קען זיך דערלויבן, וואָרעם די מערסטע, איז ער געווען זיכער, וועלן יאָ צוריקצאָלן מיט דאַנק. אפשר האָט ער, ווי אַמאָל זיין טאַטע, געזוכט פון דעם עולם־הבא — קיין פּראָפיטן האָט ער איצט ניט געזוכט און ניט געדאַרפט. אַזוי איז ער מיט גרויס בטחון אין מענטשן געזעסן יעדן טאָג עטלעכע שעה אין זיין אָפיסל און שטילערהייט אָן טומל געהאָלפן מענטשן זיך צוריקשטעלן אויף זייערע אייגענע פיס.

ש. מילער האָט געקענט דאָס אַמאָליקע ידישע לעבן אין לאָס אַנדזשעלעס. ער האָט ניט געדאַרפט אויסטראַכטן זיינע טיפּן. ער האָט זיי געזען און געקענט גענוג פּראָטאָטיפּן.

צי זיינען נאָך היינט אויך דאָ אַזעלכע ידן אין לאָס אַנדזשעלעס? יאָ, זיי זיינען דאָ, און זיי מוזן ניט זיין דווקא געלט־לייערס. זייער אייגנאַרטיקע גוטסקייט און געזעלשאַפטלעכע פּראָמינענץ קען זיך אויסדריקן אין העלפן מענטשן אויף פאַרשיידענע אַנדערע אופנים. דאָס גאַנצע ידישע לעבן, דאָס פּריוואַטע ווי דאָס געזעלשאַפטלעכע, איז אַנדערש ווי אין די ערשטע יאָרן. די צייט פון פּיאָנערן איז נאָך נישט אַריבער. אַדרבא, פּיאָנערן זיינען היינט אַזוי נייטיק און אפשר נאָך מער ווי אַמאָל. נייע וועגן דאַרפן אויסגעלייגט ווערן פאַר די נייע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, נייע פּלענער און אַ נייער גייסט דאַרף אַריינגעבראַכט ווערן, אַז יונגע מענטשן זאָלן ממשיך זיין וואָס פריערדיקע דורות האָבן געשאַפן.

נאָר איידער וואָס ווען שטויסן מיר זיך אָן אפילו אויף אַזאַ הילפס פּראָבלעם ווי טראַנספּאָרטאַציע. ווען מען ווערט עלטער, מען קען מער ניט טרייבן די אייגענע קאַר, מ'ווינט ווייט פון באָסעס און מ'וויל קומען שבת אָוונט אין קולטור־קלוב, זיין צווישן אייגענע, הערן אַ „ידיש וואָרט” און אויך אַ ביסעלע פאַרברענגען ביי אַ טעפּעלע קאַווע — כאָטש נעמט און פּליט, ניטאָ קיין וועג צו קומען אין קולטור קלוב.

זיינען נאָך היינט אויך דאָ גוטהאַרציקע, איבערגעגעבענע פריינד און מען גיט זיך טיילווייז אַן עצה. שלמה צוקערמאַן, אַ שטייגער, אַ לאַנג־יעריקער עסקן און וויכטיקער קולטור־טוער, פאַרפעלט קיין מאָל ניט צוויי מאָל צו פאָרן מיט זיין קאַר און העלפן יענע וואָס האָבן ניט קיין אַנדערע מעגלעכקייטן אַליין צו קומען. און ס'איז אויך דאָ אַלעקס ראָבין, וואָס האָט זיך אויך איינגעשפּאַנט אין אָט דער נאָבעלער אַרבעט פאַר אַלטע פריינד, וואָס לעכצן זיך צו באַטייליקן אין אונדזער קולטור־אַרבעט. מסתמא זיינען דאָ נאָך אַנדערע אויך, וואָס טוען די אַרבעט אין דער שטיל. אַזעלכע „קלייניקייטן” פון מענטשלעכער באַציונג קען מען קיין מאָל ניט גענוג שעצן און לויבן. דאָס איז דער גייסט פון אַרבעטן לשמה, פון אַרבעטן לטובת הכלל, אָן וועלכן ס'איז אייגננוצן און אָן גאווה.

אַזעלכע מענטשן שאַפן נאָרמעס און ביישפּילן פון געזעלשאַפטלעכער אַחריות, צי דאָס איז אין פּרט פון אייגענע געלט־באַשטייערונגען, צי פון באַשיידענער באַציונג לגבי דעם אַנדערן מענטש. אונדזער פריינד ראָבין האָט, חוץ אַלע אַנדערע געזעלשאַפטלעכע פאַרדינסטן זיינע, לעצטנס זיך אונטערגענומען צו העלפן אַרויסגעבן די לעצטע דריי בענד פון אונדזער ליטעראַטור־לעקסיקאָן. ער אַליין האָט פאַר דעם צוועק שוין בייגעשטייערט אַ זייער גרויסע סומע געלט און ער באַמיט זיך צו העלפן שאַפן אַ גרויסן טייל וואָס פעלט נאָך צו פאַרענדיקן די אַרבעט.

# נייע ביכער

## „אין גאַנג פון צייט״, אַ נײַ בוך עסייען פון לילי בערגער

לילי בערגער, וואָס וווינט איצט אין פּאַריז, איז צו די לייענער פון חשבון גוט באַקאַנט — סיי דורך אירע דערציילונגען און עסייען, וואָס זיינען דאָ אָפּט געדרוקט געוואָרן, און סיי דורך די אָפּהאַנדלונגען וועגן איר ליטעראַרישער שעפערישקייט, וואָס וועגן דעם איז דאָ געשריבן געוואָרן.

איצט איז אין פּאַריז דערשינען אירס אַ נײַ בוך, דאָס מאָל עסייען וועגן קונסט און קינסטלערס און וועגן שרייבערס און זייערע ווערק — אַ גרויס בוך, סיי אין כמות און סיי אין איכות.

אין דער קורצער איינלייטונג צום בוך שרייבט לילי בערגער, צווישן אַנדערן:

„די געבראַכטע דאָ זאַמלונג [איז] אַן אָפּקלייב פון אָפּקלייבונגען. פאַראַן עסייען געשריבענע מיט אַ סך יאָרן צוריק און אין די גאָר לעצטע צייטן, דערצו אין צוויי לענדער (אין פּוילן און אין פראַנקרייך), ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן און סיטואַציעס, וואָס לייגט אַ געוויסן חותם אויף דער גאַנצקייט פון דער דערציילונג.״

און ווייטער:

„די אָפּהאַנדלונגען און דערמאָנונגען וועגן די אַלע שעפערס, וואָס איך האָב געקענט פּערזענלעך, וואָס זענען מיר נאָענט געווען און זענען שוין נישטאָ, באַטראַכט איך ווי אַ חוב, וואָס איך בין זיי שולדיק און גיב זיי אָפּ אין אַ באַשיידענער מאָס, אין דער ערשטער ריי יאַנוש קאָרטשאַק, וועלכער איז אויף שטענדיק פאַרבליבן אין מיין האַרץ, אין מיין דמיון.״

צווישן די אַלע שרייבערס און קינסטלערס, וועלכע ווערן באַהאַנדלט אין אָט דעם בוך, איז כדאי אויסצורעכענען די ווייטערדיקע נעמען (לויטן סדר ווי זיי דערשיינען אין בוך):

פראַנץ קאַפקאַ, מאַרסעל פּרוסט (ווי פריער דערמאָנט), יאַנוש קאָרטשאַק, ברונאָ שולץ, מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם, אַברהם שלאָנסקי, נפתלי הערץ כּהן, יוליאַן טוּווים, דער מאַלער חיים סוטין, דער וועלט-באַרימטער מאַלער מאַרק שאַגאַל, און נאָך און נאָך.

סאיז אַן אומשאַצבאַר בוך וועגן ביכער און שרייבערס, קונסט און קינסטלערס, וואָס איז יחיד במינו אין דער יידישער ליטעראַטור און וואָס „חשבון״ רעקאָמענדירט אַלעמען צו לייענען. ס׳קען באַשטעלט ווערן ביי דער פאַרוואַלטונג פון ל״א יידישן קולטור-קלוב.

## מלך ראַוויטשעס „מעשה-בוך פון מיין לעבן״

דער דריטער באַנד פון מלך ראַוויטשעס ביכער סעריע „דאָס מעשה-בוך פון מיין לעבן״ איז איצט דערשינען אין פרץ פאַרלאַג פון ישראל. דאָס בוך נעמט אַרום די יאָרן אין וואַרשע 1921 - 1934. דער

---

דאָס טוט ער מיט דער כוונה צו פאַראייביקן דעם גוטן נאָמען פון זיין פרוי שפרה, וואָס האָט מיט פינף יאָר צוריק זיך אָפּגעשיידט פון אונדזער ערדישער וועלט.

עס איז כדאי צו וויסן אַז פריינד ראַבין איז ניט פון די רייכע יידן. צי ער טוט דאָס ווי זיין טאַטע האָט געטאָן, צוליב עולם הבא, צי צוליב אַנדערע מאָטיוון, איין זאַך איז קלאָר, זיין טאָכטער מרים וועט ניט זאָגן אַז איר טאַטע „פאַרטאַכלעוועט״ איר ירושה. פאַרקערט, ער האָט איר פולע שטיצע, מחמת זי איז אויך דערצויגן געוואָרן ווי ער אַליין — פול מיט ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש פאַר אונדזער פאָלק און געטריי צו אונדזערע יידיש-נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

מיר קענען אַלע ווינטשן אונדזער פריינד אַלעקס ראַבין, דעם איצטיקן פּרעזיצער פון לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור-קלוב, נאָך פיל יאָרן פון געזונט. זאָל זיין גוטער נאָמען אים פאַרויס גיין אויף להבא.

ערשטער באַנד דערציילט די מעשה פֿון 1909 ביז 1921. דער איצטיקער באַנד נעמט אַרום אויף איין אופֿן אָדער אַן אַנדערן וואַרשעווער מעשיות פֿון די יאָרן 1921 ביז 1934 ווען ער איז אַוועקגעפֿאָרן פֿון וואַרשע. דאָס זײַנען געווען יאָרן, זאָגט ראַוויטש, פֿון אַ מענטשלעך לעבן, פֿון אַ יידיש מענטשלעך לעבן.

דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט אַ מעשה וועגן „אַ האַלב צימער אין וואַרשע" און ענדיקט זיך מיט אַ מעשה „פֿאָלגט מיך — פֿאָרט אַוועק פֿון דאַנעט." און אין צווישן זײַנען פֿאַרצייכנט עפּיזאָדן און געשעענישן וואָס לייענען זיך לייכט און מיט גרויס נייגיר. די עפּיזאָדן זײַנען געשריבן אין אַ זייער אײַדעלען און לירישן טאָן און רופֿן אָפּט אַרויס אַ בענקשאַפֿט אפֿילו בײַ יענע לייענערס וואָס זײַנען אין וואַרשע קיין מאָל ניט געווען. פֿאַר לייענערס וואָס זײַנען אַ ביסל באַקאַנט מיט דער יידישער ליטעראַטור פֿון יענער צײַט, זײַנען די באַשרײַבונגען פֿון די דרײַ יונגע ליטעראַטן: פּרץ מאַרקיש, אורי צבי גרינבערג און מלך ראַוויטש, כמעט אָטעם־פֿאַרכאַפּנדיק. די דרײַ גרענאַדירן אָדער שטורעם־פֿייגל זײַנען מיט איין מאָל אָנגעפֿלויגן פֿון דרײַ אַנדערע וועלטן — פֿון דער באַלשעוויסטישער מאָסקווע, פֿון דער פֿרומער לעמבערג און פֿון דער פֿרייער, לוסטיקער ווין, און זיך גלײַך פֿאַרמאָסטן איבערצוקערן מיט דעם קאָפּ אַראָפּ און די פֿיס אַרויף די יידישע ליטעראַרישע וועלט פֿון וואַרשע און פֿון גאַנץ פּוילן. בײַ אַ געוויסן גראַד איז דאָס זיי געלונגען. זיי האָבן אַרײַנגעבראַכט נײַע ווינטן וואָס האָבן אויפֿגעבלאָזן דעם דאָזיקן דלות.

אָט די אַלע עפּיזאָדן לאָזן זיך אײַנשלינגען איינס נאָך איינס און לאָזן איבער אַ פֿאַרלאַנג צו לייענען נאָך און נאָך.

אויף דאָס בוך קען מען באַשטעלן דורך דער פֿאַרוואַלטונג פֿון ל"א יידישן קולטור־קלוב.

## א. גאָלאָמבס נײַ בוך „צום תוך פֿון יידישקייט" ערשט דערשינען

דער גוט־באַקאַנטער לערער, שרייבער און פֿאָרשער פֿון יידישער קולטור־געשיכטע, אברהם גאָלאָמב, האָט איצט אַרויסגעגעבן אַ נײַ בוך: „צום תוך פֿון יידישקייט", וואָס גיט זיך אָפּ מיט די פּראָבלעמען פֿון קיום האומה. דאָס בוך איז אײַנגעטיילט אין דרײַצן לענגערע קאַפּיטלעך, ווי אַ שטייגער: יידישע געדאַנקען, דער רעוואָלט פֿון די חז"ל, די תורה אין איר אייביקן וואַקסן, עם ישראל און ארץ ישראל, עם הספר, און נאָך אַנדערע טעמעס אין שייכות מיט קיום האומה. דאָס איז דאָס 41סטע בוך פֿון זײַן גרויסער שעפֿערישקייט.

אין דער הקדמה שרייבט א. גאָלאָמב, אַז אַלע מאָל ווען עס קומט אים אויס אַרויסצוגעבן אַ נײַ בוך קלאַפּט אים אין האַרצן שטאַרקער: „האָבן מײַנע געדאַנקען דעם ווערט פֿאַרשפּרייט צו ווערן ווי געדאַנקען פֿון יידישן פֿאָלק? צי מעגן מײַנע געדאַנקען פּרעטענדירן צו ווערן געדאַנקען פֿון דענקענדיקע יידן?"

איצט, שטייען מיר, שרייבט ער, פֿאַר אַ נײַער ווענדונג אין דער יידישער געשיכטע — יידישקייט אין אַמעריקע און אין דער אייגענער מדינה. די פּראָבלעמען וועגן קיום האומה זײַנען זיך צעוואַקסן. וועט קענען דאָס יידישע פֿאָלק אײַנהיטן זײַן פֿאַרזיכיקייט אין דער אויסמישונג מיט אַלע אַנדערע פֿעלקער?

דאָס איז די טעמאַטיק פֿון כמעט אַלע זײַנע ביכער, פֿון דעסטוועגן געפֿינט מען אין זײַן נײַעם בוך, דאָ און דאָרט, אַ נײַעם באַווײַז אויף זײַן פֿונדאַמענטאַלער פֿילאָסאָפֿיע וועגן די יסודות פֿון קולטור און לעבן.

גאָלאָמבס ביכער פֿאַרקויפֿן זיך שנעל. זיי ווערן פֿאַרשפּרייט מערסטנס פֿון זײַנע אייגענע תלמידים, וואָס זײַנען צעזייט און צעשפּרייט כמעט איבער דער גאַנצער וועלט. אַלע פֿריערדיקע ביכער זײַנע זײַנען אין גאַנצן אויספֿאַרקויפֿט און אויך דאָס נײַע בוך ווערט שנעל פֿאַרשפּרייט.

אברהם גאָלאָמב איז אַ תושב אין לאָס אַנדזשעלעס און איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פֿון „חשבון". זײַן בוך קען מען באַשטעלן דירעקט בײַ אים:

A. Golomb, 1264 No. Harper Av.
Los Angeles, Calif. 90046

# זה דור דורשיו...

**זאב וואָלף סאַלעס**

## ד״ר יהודה אבן שמואל (קויפמאַן) ז״ל

(אַ פּרוּוו פון אַ כאַראַקטעריסטיק)

אין פאַרגאַנגענעם יאָר, כ״ב אדר, איז אין ירושלים נפטר געוואָרן ר׳ יהודה בן ר׳ שמואל אבן שמואל. די ידיעה וועגן דער פטירה פון דעם אדם גדול האָט געטראָפן ווי אַ דונער די גאַנצע יידישע וועלט, און אַ גרויסער טרויער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַלע, וואָס האָבן געקענט דעם גרויסן מענטש און זיינע מעשים.

דער נאָמען ד״ר קויפמאַן איז לאַנגע יאָרן געווען באַרימט אין די גלות־לענדער און דערנאָך אין מדינת ישראל פאַר זיין גרויס לומדות און פאַר זיין עטישער פערזענלעכקייט. זיינע נאָכפאָלגערס האָבן אים באַטראַכט פאַר דעם אָדם השלם, וואָס מען דאַרף גיין אין זיינע פוסטריט. ד״ר קויפמאַן, דער שפעטערער ד״ר יהודה אבן שמואל, האָט נישט געמאַכט קיין חילוק צווישן די פאַרשיידענע טיילן פונעם יידישן פאָלק. ספרדים, אַשכנזים, מיט זייערע אַנדערשדיקע דיאַלעקטן און לשונות; חסידים, מתנגדים, משכילים; ציוניסטן, סאָציאַליסטן — זייערע פאָזיטיווע אייגנשאַפטן האָבן אויסגעפאָרמט אין זיין דמיון דעם אידעאַלן, געהויבענעם יידישן טיפּ צו וועלכן מיר אַלע גאַרן פון אייביק אָן.

ר׳ יהודה אבן שמואל האָט געלערנט און געקענט די שפראַכן וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט באַנוצט אין זיין לאַנגן עבר און אויך יענע, מיט וועלכע עס באַנוצט זיך אין דער קעגנוואַרט. פון זיין לומדות האָבן גענאָסן נישט נאָר יענע, וואָס האָבן געווינט נאָענט צו אים, נייערט אויך אַ גרויסע צאָל פון זיינע פאַרערער, וואָס האָבן געלייענט זיינע חיבורים, אין אַלע לענדער ווו יידן געפינען זיך.

ר׳ יהודה אבן שמואל האָט זיך פאַרנומען מיט עטלעכע ליטעראַרישע געביטן: יידישע געשיכטע, יידישע שפראַכן און ספעציעל מיטן געביט פון דער ליטעראַטור אין מיטלאַלטער. זיין „געצערטלט קינד" איז געווען דער דיכטער און דענקער רבי יהודה הלוי. זיי ביידע האָבן געהייסן יהודה; אויך זייערע פאָטערס נעמען זיינען געווען די זעלבע: שמואל. אָבער נאָך מער און טיפער איז געווען די ענלעכקייט פון זייער גייסט און נשמה און בכלל זייערע אייגנשאַפטן און נייגונגען. פונקט אַזוי ווי ביי ר׳ יהודה הלוי, אַזוי אויך ביי ר׳ יהודה אבן שמואל איז אהבת ישראל און חיבת ארץ ישראל געשטאַנען אויפן ערשטן פלאַץ. פונקט ווי דער ערשטער האָט אויך דער צווייטער נישט געפסלט די שפראַך, וואָס יידן ריידן אין די גלותן, אין די צייטן פון ר׳ יהודה הלוי: יידיש־אַראַביש און אין די צייטן פון ר׳ יהודה אבן שמואל: יידיש־טייטש. ביידע האָבן מחבר געווען אין די דאָזיקע פאָלק־שפראַכן ליטעראַרישע ווערק. ביידע „יהודהס" האָבן געהאַט די טיפסטע קענטענישן אין דער אייביקער העברעישער שפראַך און מיר קענען אָן אַ גוזמא זאָגן, אַז ס׳איז שווער צו געפינען זייערס גלייכן אין אונדזער געשיכטע.

ר׳ יהודה אבן שמואל ז״ל האָט פון ס׳ניי איבערגעזעצט דעם ספר הכוזרי, וואָס ר׳ יהודה הלוי האָט מחבר געווען אין דעם אַראַביש־יידישן לשון, וואָס יידן האָבן גערעדט אין זיין געבוירן־לאַנד — אין דעם רייכן העברעישן לשון פון אונדזער צייט, וואָס ווערט גענוצט פון די אינטעלעקטואַלן פון אונדזער תקופה, וועלכע האָבן זוכה געווען צו דערלעבן צו זען די אַנטשטייאונג פון דער באַנייטער מדינת ישראל אין אירע אויסגעברייטערטע גרענעצן. זיי האָבן אויך געהאַט די זכיה צו הערן די קלאַנגען פון אונדזער

העברעישער שפּראַך וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית המתים און באַדינט אַלע געביטן פון לעבן, און מ'קען זאָגן, אין אַ מאָס, וואָס זי האָט קיין מאָל נישט דערגרייכט אין משך פון אַלע דורות פון איר עקזיסטענץ, מיט איר רייכקייט פון אויסדרוק און איר פּינקטלעכקייט. פאַר אָט דעם גרויסן „נס" דאַרפן מיר דאַנקבאַר זיין אונדזערע גרויסע חכמים, וואָס האָבן זיך מיט גרויסער ליבע באַמיט אויפצולעבן די באַליבטע העברעישע שפּראַך, אין שריפט און וואָרט, און צווישן זיי ביידע ר' יהודה אבן שמואלס ז"ל, וועלכע האָבן דערצו געווידמעט זייערע לעבנס און פעאיקייטן.

דער לעבנס־גורל פון די צוויי גרויסע פּערזענלעכקייטן איז געווען ענלעך: ביידע האָבן זיך אָנגעליטן ביטערע צרות אין זייערע גלות־לענדער. אין די צייטן פון ר' יהודה הלוי זיינען פאָרגעקומען די קרייצצוגן. בשעת די קרייצציגלער זיינען פאַרביימאַרשירט די שטעט, ווו יידן האָבן געוווינט, אויף זייער וועג צום הייליקן לאַנד, אָפּצונעמען עס פון די מוסולמענער, האָבן זיי „דערווייל" אויסגעגאָסן זייער צאָרן אויף די יידן, „וואָס האָבן געהרגעט זייער משיח, ישו הנוצרי." זיי האָבן פאַרוונדעט און געהרגעט טויזנטער יידן און חרוב געמאַכט גאַנצע געמיינדעס. אַ טייל יידישע משפחות האָבן זיך געראַטעוועט אַנטלויפנדיק אין אַנדערע לענדער. צווישן די געראַטעוועטע איז אויך געווען די משפחה פון רבי יהודה הלוי.

די עלטערן פון ר' יהודה הלוי זיינען געווען רייך, און ר' יהודה איז אין זיינע יוגנט־יאָרן געווען פאַרזאָרגט מיט אַלעם גוטן. די עלטערן האָבן זייער זון געגעבן די בעסטע דערציונג אין תורה און חכמה.

נישט לאַנג האָט געדויערט זייער אידיליש לעבן. די פּאָגראָמען און רציחות פון די קרייצציגלער האָבן געמאַכט אַ סוף צו ר' יהודהס פיינער יוגנט־צייט, ווייל זיין משפחה איז געצוווּנגען געוואָרן צו נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט כדי צו ראַטעווען זייער לעבן. ר' יהודה האָט גאָר פרי באַקומען צו פילן דעם ביטערן גלות־טעם אין זיין פולער שאַרפקייט. שוין דעמלט איז ביי ר' יהודהן רייף געוואָרן דער געדאַנק, אַז פאַרן יידישן פאָלק איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג ווי נאָר צוריקצוקערן אין זיין היימלאַנד, ארץ ישראל, צו „לייטזעליקן" איר ערד און אויפבויען אירע חורבות. נאָר דאָרט, אינעם לאַנד פון אונדזערע אָבות, קען די יידישע נשמה, איר עטישע תורה, געפינען אַ תיקון און דערגרייכן שלימות.

אַזוי אויך דער צווייטער ר' יהודה: נאָך דעם ווי ער האָט זיך גענוג אָנגעליטן מיט זיינע יידישע ברידער נגישות און רדיפות מצד דער צאַריסטישער רוסלאַנד, האָט ער פאַרלאָזט זיין היים און עמיגרירט קיין אַמעריקע. דאָ האָט ער, וואָס אַן אמת, געפונען פרייהייט און מנוחה פאַר זיין גוף. אָבער אין האַרץ האָט ער געפילט, אַז די יידישע תורה און איר שפּראַך, די נשמה פון ישראל סבא, וועט דאָ נישט האָבן קיין היילונג. שטענדיק וועט זיין אַ סכנה פון קולטורעלער און אפילו פאַקטישער אַסימילאַציע אויסגעמישט צו ווערן מיט דער מאַיאָריטעט פונעם פאָלק, וואָס באַוווינט אַמעריקע. פאַר די אויגן פון ר' יהודה אבן שמואל האָט תמיד געשוועבט דער מאמר חז"ל: „ווער ס'וווינט אין חוץ לארץ איז גלייך ווי ער וואָלט געדינט עבודה זרה" (כתובות ק"ו:).

ביידע ר' יהודהס האָבן סוף כל סוף רעאַליזירט זייער אידעאַל און האָבן זוכה געווען צו זען ארץ ישראל מיט זייערע אויגן. אָבער ווי פאַרשידן איז געווען דער ווייטערדיקער פאַרלויף פון די געשעענישן! אָנקומענדיק אין ארץ ישראל איז רבי יהודה הלוי תיכף צעטראָטן געוואָרן, לויט אַ לעגענדע, פון אַ פערד, אויף וועלכן אַן אַראַבער איז געריטן און נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו „לייטזעליקן" און „אויפצובויען". טאַקע נאָר מיטן סוף פון זייער לעבן אונטערשיידן זיי זיך פון אַנאַנדער. וואָרן דער צווייטער ר' יהודה אבן שמואל פון אונדזער צייט האָט געהאַט דאָס גרויסע גליק זיך צו באַזעצן אין אַ זעלבסטשטענדיקער ארץ ישראל און ווערן איינער פון די גאָר וויכטיקע בויערס, און שאַפן גרויסע גייסטיקע ווערק, וואָס באַשיינען און ברענגען כבוד אונדזער פאָלק.

ס'וועט נישט קלינגען אויסטערליש, אויב מיר וועלן באַהויפּטן, אַז דער שורש פון די צוויי פּערזענלעכקייטן שטאַמט פון איין און דעם זעלבן מקור, דעם „אוצר

הנשמות", וואָס געפינט זיך אין הימל, לויט אַ פאָלקס־גלויבן. האָבן זיך דאָך בײדע זײער גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן מיט שירה און חכמה. רבי יהודה הלוי האָט נישט זײנס גלײכן אין אונדזער טויזנטער יאָרן אַלטער ליטעראַטור ביז צו דער הײנטי־קער צײט — בנוגע פּאָעטישער טיפקײט און פּינקטלעכן אויסדרוק אין אַ רײנעם תנכישן סטיל, וואָס גײט איבער דעם אינ־טעליגענטן לײענער דעם דיכטערס גע־פילן אין אַלע פּרטים. אונדזערע הער־צער ווערן דערשיטערט בײם לײענען זײן דערהויבענע פּאָעמע: אלי ציון ועריה, כמו אשה בציריה. קלאָג ציון מיט אירע שטעט, ווי אַ פרוי אין אירע געבורטס־ווײען. און אין זײן טרײסט־ליד זינגט ער צום שלאָפנדיקן ייד:

„שטײ אויף, רײט אַרויס, לאָז דײר גליקן, דײן שטערן איז אויפגעגאַנגען!" — ווערן מיר אָנגעפילט מיט שמחה און האָ־פערדיקײט אויף די גליקלעכע צײטן, וואָס דערוואַרטן אונדז ווען משיח וועט קומען און אונדז אויסלײזן פון ביטערן גלות און מיר וועלן צוריקאויפבויען אונדזער הײ־ליק לאַנד. אויך „דער לערער פון די לע־רערס" אין אונדזער דור, ר' יהודה אבן שמואל, וועלכן מיר האָבן גערופן קורץ: ד"ר קויפמאַן, איז געווען געבענטשט מיט די זעלבע מעלות.

די עלטערע חברים אין לאָס אַנדזשע־לעס געדענקען נאָך די צײט מיט פּערציק־פופציק יאָר צוריק, בשעת ד"ר קויפמאַן האָט דאָ געווײלט, ווי „זײן מויל איז פול געווען מיט שירה", און ווי ער האָט מיט זײנע געזאַנגען אויפגעוועקט בײ די צו־הערער ליבע און איבערגעבנקײט צו זײ־ער פאָלק, זײער תורה, זײער לאַנד און בכלל צו אַלץ וואָס איז טײער בײ יידן. אַצינד ווײסן מיר אויף געוויס, פאַרוואָס ר' יהודה אבן שמואל האָט זיך אויסגעזוכט פאַר זײן לעבנס־ווערק, צו איבערזעצן אין אַ הײנצײטיקן העברעיש דווקא דעם ספר החכמה, דעם כוזרי, וועלכן ר' יהודה הלוי האָט פאַרפאַסט אין אַראַביש־יידיש פון זײן צײט און נישט אין לשון קודש. אויך אַנדערע חכמים אין יענע צײטן האָבן זײערע חקירה־ספרים נישט געשריבן אין לשון קודש, אויך צוליב דער סיבה, וואָס דעם דעמלטיקן העברעיש האָבן גע־פעלט די פילאָסאָפישע טערמינען פאַר חקירה.

ביז צו זײער צײט האָבן די יידישע חכמים נישט געוואָלט צולאָזן, אַז די חכמת יוון, פילאָסאָפיע, זאָל זיך פאַרשפּרײטן צווישן יידן. דער ערשטער וואָס האָט דורכגעבראָכן די וואַנט איז געווען רבנו סעדיה גאון מיט זײן ספר „האמונות וה־דעות". נאָך אים זײנען געקומען די רע־ליגיעזע פילאָסאָפן: רבנו בחיי אבן פקודה, רבי יהודה הלוי, דער רמב"ם און אַנדערע. אַלע האָבן זײערע חקירה ספרים נישט פאַרפאַסט אין לשון קודש. ערשט ווען די משפחה תיבון האָט זיך באַוויזן אויף דער היסטאָרישער אַרענע און געשאַפן די פילאָסאָפישע טערמינען, איז דערמעג־לעכט געוואָרן אויסצודריקן אין העברעיש אַבסטראַקטע באַגריפן. מיר געפינען נישט אין ערגעץ, אַז אונדזערע חכמים זאָלן נישט געווען זײן צופרידן, הלמאי די חכמי ספרד האָבן נישט געשריבן זײערע חקירה־ספרים אין לשון קודש? מיר זײנען אונ־דזערע ספרדישע ברידער דאַנקבאַר פאַר זײער צושטײער צו אונדזער אוצר השירה, וואָס האָט באַרײכערט אונדזער רעליגיע־זע און וועלטלעכע ליטעראַטור. באַזונדערס שטאָלץ זײנען מיר מיט דעם גאונישן פּאָעט רבי יהודה הלוי, וועלכער האָט אונדז איבערגעלאָזט אַ טײערע ירושה פון צען ספרים שירים, אַלע אין אונדזער הײליקער שפּראַך.

ר' יהודה אבן שמואל, וועלכער האָט פריער געהײסן ד"ר יהודה קויפמאַן, זײענדיק נאָענט אין גײסט און כאַראַקטער צו ר' יהודה הלוין, האָט אויף זיך גענומען דעם שווערן עול צו מאַכן אַ גאַנץ נײע העברעישע איבערזעצונג פון ר' יהודה הלויס „ספר הכוזרי", וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן אין אַראַביש־יידיש פון מיטל־אַלטער. די אַלטע תיבונישע איבערזעצונג איז צו האָמעטנע און שווער־פאַרשטענד־לעך פאַרן הײנטצײטיקן אינטעליגענט.

ר' יהודה אבן שמואל האָט אויף דער איבערזעצונג געאַרבעט מער ווי צוואַנ־ציק יאָר, און זי אַרויסגעגעבן אין יאָר תשל"ב אין אַ רײכן, פּינקטלעכן, מאָדער־נעם ליטעראַרישן העברעיש, מיט דעם אונטערטיטל: תרגום מנוקד ומפוסק ומלווה

מראה מקומות והערות עם מבואות למפתחות — אין אַ פּראַקטיקן איינבונד.

ר׳ יהודה אבן שמואל האָט מיט זיין נייעם תרגום גאָר שטאַרק באַרייכערט דעם אוצר פון דער העברעישער ליטעראַטור.

אין די חיבורים פון ר׳ יהודה הלוי און פון ר׳ יהודה אבן שמואל געפינען מיר שותּפותדיקע צענטראַלע אידעאַלן, צו וועלכע זיי בײדע האָבן געווידמעט זייער לעבן: די ליבע צו זייער פאָלק און תורה, די ליבע צו ציון און די שטרעבונג דאָרט צו לעבן, און גאָר באַזונדערס — די ליבע צו דער העברעישער שפּראַך. בײדע האָבן זיי דער אייביקער נאַציאָנאַלער שפּראַך געשענקט זייערע גרויסע כשרונות זיך פאַרטיפנדיק אין איר גייסט מיט איבערמענטשלעכער איבערגעבנקייט.

ר׳ יהודה אבן שמואל זכרונו לברכה האָט זוכה געווען צו זען דאָס לאַנד מיט די אייגענע אויגן און צו זיין אַן עד ראיה, ווי יידן פון אַלע עקן וועלט קומען צוריק צו זייער היימלאַנד און העלפן אינעם אויפבוי. דאָס איז געווען דער שכר פאַרן מיפולן לעבן און די גרויסע יסורים, ליידן און צרות, וואָס ער האָט זיך אָנגעליטן אין זיין לעבן. בעיקר איז זיין ווייטאַג געווען אומבאַשרייבלעך גרויס, ווען זיין איינציקער, געליבטער זון מיט זיין כלה זייַנען אומגעקומען אויף קידוש השם והעם — און מיט זייער טויט האָבן זיי באַפוילן אייביק לעבן פאַרן יידישן פאָלק.

די רעגירונג פון מדינת ישראל האָט פּרעזענטירט ר׳ יהודה אבן שמואל מיטן „פרס־ישראל״, וואָס ווערט געגעבן בלויז צו יחידי סגולה, וועלכע ביישטייערן מיט זייערע גוטע מעשים אָדער מיט זייערע גייסטיקע שאַפונגען פאַרן פאָרשריט פון דער מדינה און פ אַראיר התרוממות. ר׳ יהודה אבן שמואל ז״ל האָט דעם פרס־ישראל באַקומען פאַר זיין וווּנדערלעכער איבערזעצונג פונעם „ספר הכוזרי״ אין דעם היינטצייטיקן העברעיש.

שר וגדול נפל בישראל, שר בתורה וגדול בחכמה. ר׳ יהודה אבן שמואל איז מער נישטאָ מיט אונדז, אָבער דאָס יידישע פאָלק וועט אייביק געדענקען און ערלעך האַלטן דעם נאָמען פון דער אידעלער פּערזענלעכקייט: ר׳ יהודה אבן שמואל ז״ל.

יעקב פרידמאַן

## אַ מאָל שלאָפן ווערטער

אַ מאָל שלאָפן ווערטער,
ווי בערן האָריקע,
אין היילן פאַרוואַקסענע
מיט מאָכן הונדערט־יאָריקע.

מיט הייסע פּיסקעס דרימלען זיי
אין די חשכותן פאַרטאַיעט,
ווי אַרום קוואַלנדיקע ציצן
פון אַן אויסטערלישער חיה.

---

זלמן שלאַסער (סוף פון זייט 65)

דער דיכטער האָט דאָ צוגעפירט דעם הויפּט־מאָטיוו פון זיין ווערק צו אַ טריומפירנדיקן קולמינאַציע־פּונקט פון זיין אידעע: חרטה מאַכט לויטער, תשובה מאַכט ריין. אַנטוישונג קען איבערגיין אין האָפענונג. ווייל מען געפינען דעם זין פון דער פאַנטאַסטישער אַלעגאָריע, מוז מען דאָס ווערק לייענען אין ליכט פון דעם טיף־גייסטיקן איבערברוך וואָס אַמעריקע האָט דורכגעלעבט די לעצטע צוויי צענדליק יאָר. היינט זעט עס אויס אומגלייבלעך. דאָך איז אָט די עפּאָכע רייך אין דראַמאַטישע געשעענישן וואָס בעטן זיך קינסטלערישע געשטאַלטונג. איך ווייס נישט ווי נאָענט פיזיש און גייסטיק איש יאיר איז געשטאַנען צו יענע געשעענישן. קאַנאַדע איז טאַקע נישט אַזוי ווייט פון אונדז, פון דעסטוועגן האָט ער די צעמישונג, קאָנווולסיעס און זייער ווייטן עכאָ גאַנץ גוט אויפגעכאַפּט און געפּרוווט שילדערן.

ווייל מען איש־יאירס פּאָעטישע אַלעגאָריע פאַרשטיין, מוז מען דאָס לייענען, פּונקט ווי אַנדערע פּאָעטישע ווערק, מער ווי איין מאָל. אַנדערש בלייבט מען מיט פאַלשע איינדרוקן. „ויהי בימי״ איז ווערט געלייענט צו ווערן אָן פאַלשע איינדרוקן. עס איז אַ גוטער פאַרמעסט צו באַשאַפן אַ סימבאָליש געשטאַלט פונעם היינטיקן אומרואיקן יידיש־אַמעריקאַנעם אינטעלעקטואַל, לכל הפּחות פון יענעם אינטעלעקטואַל, וואָס זוכט אַ וועג צו זיין שטאַם.

אריה פאָזי

# בנימין (טייטלבוים) דעמבלין ז״ל

מיט עטלעכע חדשים צוריק איז, אין עלטער פון 79 יאָר, נפטר געוואָרן איינער פון אונדזערע חשובסטע, טאַלאַנטירטסטע און אָנגעזעענסטע יידישע שרייבערס, דער בעלעטריסט און עסייאיסט בנימין טייטלבוים, וואָס האָט געשריבן אונטערן פסעוודאָנים בנימין דעמבלין.

דעמבלין איז די שטאָט, אָדער שטעטל, פון וואַנען בנימין טייטלבוים האָט געשטאַמט, און זי איז געוואָרן זיין ליטעראַרישער פסעוודאָנים.

און אָט די שטעטל זיינע, וואָס אין זיינע נאָוועלן האָט ער פאַרשטעלט איר נאָמען אויף מאָדזשיץ — די סביבה פון אָט דער שטעטל, אירע מענער, פרויען און קינדער, אירע זיטן און מנהגים, יידן און גויים, האָט דעמבלין אַרויסגעבראַכט, אין זיין טרילאָגיע ערב נאַכט, אויף אַזאַ ברייטער קאַנווע, מיט אַזוי פיל פאַרטיפטקייט און קינסטלערישער דערהויבנקייט, אַז זי וועט פאַרבלייבן אַזוי קלאַסיש אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי קלאַסיש עס איז געוואָרן שלום עליכמס בויבעריק און יעהופעץ, אָדער ש״י עגנונס שיבוש.

איך, דער שרייבער פון אָט די שורות, באַדויער וואָס כ׳האָב ביז איצט ניט געהאַט די געלעגנהייט צו לייענען די ערשטע צוויי בענד פון אָט דער טרילאָגיע. איך האָב אָבער יאָ געלייענט דעם דריטן באַנד, אונטערן נאָמען אין דער וועלט אַריין, און מיין איינדרוק איז, אַז ס׳איז ווי אַ סאַגאַ, וואָס אין דער וועלט־ליטעראַטור קען עס זיך גינסטיק פאַרגלייכן מיט די דערציילונגען פון פאַלקנער אין אַמעריקע און פרוסט פון פראַנקרייך.

און אין דעם פרט בין איך זיכער, אַז איך האָב ניט מגזם געווען. די שאַפונגען פון ב. דעמבלין זיינען ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן פון די יידישע ליטעראַטור קריטיקערס, אָנהייבנדיק פון ש. ניגער און ביז ד״ר שלמה ביקל און יעקב גלאַטשטיין.

אין דעם דריטן בוך פון דעמבלינס טרילאָגיע, אין דער וועלט אַריין, געפינט זיך אַן אָפּטייל פון זיין ביבליאָגראַפיע, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון דעם בשעתו באַקאַנטן ביבליאָגראַף יעפים ישורין. דאָרט געפינט זיך אַ רשימה פון 210 קריטישע אָפּהאַנדלונגען און נאָטיצן, וואָס פאַרשיידענע מחברים האָבן פאַרעפנטלעכט וועגן דעמבלינס שאַפונגען. דאָס איז אַ צאָל אָפּהאַנדלונגען, וואָס זעלטן ווו אַ יידישער שרייבער האָט צו דעם זוכה געווען. אייניקע ליטעראַטור קריטיקערס האָבן וועגן אים פאַרעפנטלעכט אַזוי פיל מאמרים, אַז ווען זיי וואָלטן איינגעזאַמלט געוואָרן אין ביכער, וואָלטן זיי צוזאַמענגעשטעלט דיקע בענד. אַזוי, למשל, האָט יעקב באָטאַשאַנסקי וועגן אים פאַרעפנטלעכט אַכט מאמרים; פיר מאמרים פון יעקב גלאַטשטיין; פינף מאמרים פון דער לעבעדיקער; דרייצן פון ש. ניגער; פינף פון ד״ר מוקדוני, און נאָך און נאָך, וואָס איז צופיל דאָ אויסצורעכענען.

ער, דעמבלין אַליין, הגם דער עיקר אנערקענט ווי אַ בעלעטריסט, איז אָבער אויך געווען אַ ליטעראַטור קריטיקער און עסייאיסט. אין דער דערמאָנטער ביבליאָגראַפישער רשימה פון ישורין זיינען פאַרצייכנט 17 ליטעראַרישע עסייען, וואָס ער, ב״ד, האָט פאַרעפנטלעכט. איך געדענק ניט, אַז איך זאָל האָבן זיי געלייענט, אַחוץ איינעם, און דאָס איז אַן אָפּהאַנדלונג וועגן מענדעלע, פרץ און שלום עליכם, וואָס איז געווען געדרוקט אין דעם ר״ה נומער קעמפער, מיט 16 יאָר צוריק, אין תשכ״א. אין דער דאָזיקער עסיי, אַ מייסטערווערק, ניט ווייניקער מייסטעריש געשריבן איידער זיינע בעלעטריסטישע ווערק.

ווען דאָס ערשטע בוך פון דער טרילאָגיע, ערב נאַכט, איז דערשינען אין 1954, איז דעמבלין פרעמירט געוואָרן פון דעם לאַמעד־פאָנד, וואָס אין דער זשורי זיינען דעמאָלט געווען פאַרטראָטן ה. לייוויק און, דוכט מיר, ד״ר ביקל און אַנדערע.

אָבער ערב נאַכט איז ניט דאָס ערשטע בוך וואָס דעמבלין האָט אַרויסגעגעבן. ס'איז דאָס פערטע בוך. זיין ערשטע בוך, אויפן שוועל (נאָוועלן), איז דערשינען אין וואַרשע, אין 1933, דאָס הייסט, מיט 43 יאָר צוריק. אָבער אָנגעהויבן שרייבן האָט ב. דעמבלין נאָך מיט 15 יאָר פריער — ד"ה לפי ערך מיט 60 יאָר צוריק — ווען ער איז אַלט געווען אַרום 20 יאָר.

כדאי דערביי דאָס ווידער אַמאָל איבערצוחזרן, אַז שוין ווען ס'איז דערשינען דעמבלינס צווייט בוך וועסט סאַיד, האָט יעקב גלאַטשטיין וועגן דעם אָנגעמערקט, אַז ס'איז „אַן אָנזאָג, אַז אונדזערע יונגע שרייבערס היימישן זיך איין (אין אַמעריקע) און אַז ס'וועט צוגעשריבן נאָך אַ קאַפּיטל צו דער נייער יידישער ליטעראַטור, וואָס ב. גלאַזמאַן און שפּעטער ש. מילער האָבן אָנגעהויבן צו שרייבן — אָן דעם גראָטעסק און זיסלעכן פּאַטאָס פון ז. ליבין און לעאָן קאָברין, נאָר מיט אויגן פון בעלעטריסטישע קריטיקערס און קינסטלערישע דעה־זאָגערס."

דערביי איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז זיין ראָמאַן וועסט סאַיד האָט זיך צום ערשטן מאָל געדרוקט אין יאָר 1936 אין אַ העפט פון זאַמלביכער (נומ. 2), וואָס איז רעדאַקטירט געוואָרן פון י. אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק. דאָרט האָט עס פאַרנומען 175 זייטן, בעת די גאַנצע העפט פון זאַמלביכער האָט געהאַט קאַרגע 400 זייטן. ד"ה, די רעדאַקציע האָט אויף אַזוי פיל הויך געשאַצט דעם ליטעראַרישן ווערט פון אָט דעם ראָמאַן, אַז ס'האָט ניט געקאַרגט פאַר דעם צו ווידמענען כמעט אַ העלפט פון דעם זאַמלבוך. און דער רעדאַקטאָר פון בעלעטריסטיק אין דאָזיקן זאַמלבוך איז געווען י. אָפּאַטאָשו, איינער פון די בעסטע בעלעטריסטן אין דער יידישער ליטעראַטור, און ער וואָלט דעמבלינס ראָמאַן ניט געדרוקט ווען ער וואָלט עס ניט געשאַצט ווי אַ גרויס קונסטווערק.

וועסט סאַיד איז ב. דעמבלינס ראָמאַן, וואָס איז, ווי דער נאָמען דייט אָן, אַמעריקאַניש. ניט אַזוי אין זיין מאָנומענטאַלע טרילאָגיע ערב נאַכט. געגליכן צו י. י. זינגערס טרילאָגיע ברידער אַשכנזי און שלום אַשס טרילאָגיע פאַרן מבול (אָדער דריי שטעט), איז עס אַן עפּאָפּייע פון אונדזערע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, וואָס די דייטשן און זייערע פּוילישע, אוקראַינישע און אויך רוסישע אַרויסהעלפערס, ימח שמם וזכרם, האָבן חרוב געמאַכט.

פאַרן יעדן פּסח איז ביי אונדז שוין באַשטימט געוואָרן ווי אַ געבאָט אָפּצוצייכענען דעם יאָרטאָג פון דעם אויפשטאַנד פון דער וואַרשעווער געטאָ. דאָס איז געווען אַן אויפשטאַנד פון „תמות נפשי עם פלשתים". קיינער פון די אויפגעשטאַנענע האָט זיך ניט געריכט אַרויסצוקומען לעבעדיק פון דעם קאַמף. זיי האָבן זיך געריכט און זיך אַנדערש ניט פאָרגעשטעלט, אַז אין זייער אויפשטאַנד וועלן זיי אומקומען. פאַר זייער אומקום האָבן זיי אָבער געוואָלט אַז דער שונא זאָל טייער באַצאָלן. נפש תחת נפש. און דאָס האָבן זיי דערגרייכט.

און פאַר אָט די העלדן פון אויפשטאַנד און דערנאָך אומקום על קידוש השם, האָט ב. דעמבלין אין זיין ערב נאַכט אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט. ער האָט אַ סך פון זיי — זיידעס, טאַטעס און אייניקלעך; באָבעס, מאַמעס און קינדער — סצעניש פאַרגליווערט, זיי זאָלן שטיין פאַר אונדזערע אויגן לדור דורות.

וועגן דעם ערשטן בוך פון אָט דער טרילאָגיע פון ב. דעמבלין האָט יעקב גלאַטשטיין אָט וואָס געשריבן:

„אַ סך באַזונדערע קאַפּיטלען אין בוך זיינען באַזונדערע מייסטערווערק. דאָס שווערע 'האָבן, דער בהמות־טרייבער ביים מאָדזשיצער רבין, די ליציטאַציע, דער אָרעמער, צוזאַמענגעבעטלטער ברית, די רייכע סעודה פון שרייבן אַ ספר — דאָס זיינען קאַפּיטלען, וואָס מען קאָן און מען דאַרף איבערלייענען מער ווי איין מאָל... יעדער קאַפּיטל פאַר זיך איז געשריבן מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט, נישט נאָר צו דער שורה, נאָר ממש צו יעדער וואָרט. יעדער קאַפּיטל אין בוך פאַרמאָגט דעם חן און דעם טרויער פון אַ פאַרקינסטלערישטן פּינקס. צוזאַמען איז דאָס ווערק אַ געזאַנג צום שטעטל, געזען דורך די

קינדישע אויגן פון דעם קליינעם העלד נתן חיים.״

וואָס איז געווען די כוונה פון ב״ד, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן זיין טרילאָגיע „ערב נאַכט״? זיינען מיר זיך משער, אַז ער האָט מיט דעם געמיינט ערב נאַכט ממש — די עפּאָכע פון פאַר אונדזער גרויסן חורבן, ערב דער סאַמע פינצטערניש, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונדזער אומה בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ליכטיק איז די ערב נאַכט־עפּאָכע אויך ניט געווען. געדיכטע שוואַרצע וואָלקנס זיינען שוין אויך דענסטמאָל געהאָנגען איבער דעם יידישן הימל פון מזרח אייראָפּע. ס'איז געווען די עפּאָכע פון ווילדן רוסישן און פּוילישן אַנטיסעמיטיזם פון פאַר און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. די עפּאָכע פון ביאַליקס „בעיר ההריגה״—שחיטה־שטאָט״ די עפּאָכע פון ווילדע פּאָגראָמען, פון בייליס בלוט־בילבול פּראָצעס, פון יידישע גירושים פון זייערע איינגעזעסענע שטעט און שטעטלעך.

און זיין טרילאָגיע פאַרענדיקט זיך טאַקע ערב נאַכט, ערב דער סאַמע פינצטערסטער נאַכט, ווען דער הויפּט העלד פון דער טרילאָגיע, נתן חיים, געזעגנט זיך מיט זיין היים אין פּוילן און פאָרט אַוועק קיין פּאַריז.

ווער איז דער דאָזיקער הויפּט־העלד פון ערב נאַכט?

איך בין חושד, אַז די גאַנצע טרילאָגיע איז באַגרינדעט אויף דעמבלינס אייגענער פּערזענלעכער דערפאַרונג, אַז ס'איז אַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק, און אַז נתן־חיים איז ניט קיין אַנדערער ווי ער אַליין, בנימין דעמבלין.

איך פּערזענלעך האָב זיך מיט ב״ד באַקענט און אים דערקענט אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דענסטמאָל האָט ב״ד צוזאַמען מיט משה שטאַרקמאַן און דעם דיכטער י. וויינשטיין אַרויסגעגעבן די ליטעראַרישע זאַמלשריפטן המשך.

דאָס איז געווען אַ המשך פון די זאַמלביכער שריפטן, רעדאַקטירט פון דוד איגנאַטאָוו, אַרויסגעגעבן פון דער גרופּע יידישע שרייבערס, וואָס זיינען שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אונטערן נאָמען די יונגע, וואָס צווישן זיי האָבן זיך געפונען די פּאָעטן: מאַני לייב, י. ראָלניק, זישע לאַנדוי, י. י. שוואַרץ, און אַנדערע — אָט די יונגע, וואָס האָבן רעוואָלטירט קעגן דעם ליטעראַרישן קאָנסערוואַטיזם פון די דעמאָטיקע יידישע שרייבערס, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען די פּאָעטן: באָוושאָווער, עדעלשטאַט און ראָזענפעלד, און די בעלעטריסטן: קאָברין, ז. ליבין און אַנדערע. די המשך־זאַמלביכער האָבן אויך געזאָלט זיין אַ המשך פון די פריער דערמאָנטע זאַמלביכער פון י. אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק.

ס'זיינען דענסטמאָל געווען די גרויליקע יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. מיר, דאָ אין אַמעריקע, האָבן נאָך ניט געוווסט גענוי ווי גרויס עס איז געווען דער בראָך פון אונדזער פאָלק פון אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. קלאַנגען האָבן זיך יאָ דערטראָגן... קלאַנגען — אומגלייבלעכע, אַזוינע שוידערלעכע, וואָס דער מוח האָט עס ממש ניט געקענט באַנעמען... קלאַנגען, אַז סטיפען ווייז האָט אָן אויפהער געקלאַפּט אין די טירן פון ווייסן הויז אין וואַשינגטאָן און געשטורעמט צו פּרעזידענט רוזוועלט, אַז ער זאָל ווירקן אָפּצושטעלן די גרויסע הריגה. אָבער אָן דערפאָלג... רוזוועלט האָט ניט געוואָלט (געזאָגט, אַז ער האָט ניט געקאָנט) זיך אַריינמישן.

און דענסטמאָל האָט דעמבלין מיט זיינע קאָלעגן אַרויסגעגעבן די המשך־זאַמלביכער.

איז דערביי כדאי צו דערמאָנען אַ פּאַרגלייך:

אין תלמוד ווערט דערציילט:

אין דער צייט פון דעם צווייטן חורבן פון בית המקדש, ווען ירושלים איז געווען באַלאַגערט פון די רוימישע לעגיאָנען און ס'איז געווען זיכער, אַז די רוימער וועלן די שטאָט איינגעמען, חרוב מאַכן דעם בית־המקדש און אומברענגען אַלע יידן, האָט זיך פון ירושלים אַרויסגעריסן רבן יוחנן בן זכאי און האָט זיך געשטעלט קעגן דעם קאָמאַנדיר פון די רוימישע לעגיאָנען, ווספּאַסיאַנוס, און האָט געפונען חן אין זיינע אויגן. האָט אים ווספּאַסיאַנוס געפרעגט: מיט וואָס קען ער

אים, רבן יוחנן בן זכאי, באַגנאַדיקן? האָט רבן יוחנן ביי אים געבעטן, ער זאָל אים שענקען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי יבנה און אירע ישיבות.

ד"ה, רבן יוחנן בן זכאי האָט גענוי גע־זען, אַז פּאָליטיש קען די יידישע אומה ניט געראַטעוועט ווערן, וויל ער ראַטע־ווען דעם יידישן גייסט.

אַזוי האָט מיר אויך אויסגעזען דער המשך, וואָס דעמבלין און זיינע קאָלעגן האָבן אַרויסגעגעבן. זייערע כוחות זיינען צו שוואַך צו ווירקן צו ראַטעווען די איי־ראָפּעישע יידן פון אומקום, אָבער זייער גייסט ווילן זיי ממשיך זיין, אים ממשיך זיין אויפן אַמעריקאַנישן באָדן.

נון, המשך איז ווירקלעך געווען אַ המשך. ס'איז געווען אַ המשך פון דעם יידישן שעפערישן גייסט אויפן אַמעריקאַנישן באָדן. ניט נאָר די דריי רעדאַקטאָרן זיי־נען דאָרט געקומען צום אויסדרוק, נאָר צום אויסדרוק זיינען דאָרט געקומען אויך אַ צאָל אַנדערע יידישע שרייבערס. צווישן זיי וויל איך דאָ פאַרצייכענען די פּאָעטן: גבריאל פּרייל, מאיר שטיקער, אליעזר גרינבערג, א. נ. שטענצל (פון לאָנדאָן) און אַנדערע; און די בעלעטריסטן: י. מעצ־קער און דעם פון לאָס אַנדזשעלעס — נח גאָלדבערג. זיי אַלע זיינען געווען אָנפאַנ־גערס, אָדער כמעט אָנפאַנגערס, וואָס המשך האָט זיי אַרויסגעבראַכט. ב. דעמב־לין אַליין האָט דאָרט געדרוקט זיין ראָמאַן צוויי און אַ דריטער.

די רעדאַקציע פון המשך איז באַשטאַ־נען, ווי געזאָגט, פון דריי שרייבערס. די דאָזיקע דריי שרייבערס האָבן זיך גע־פונען אין דער בחינה פון דעם וואָרט פּ ע נ פון פּע"ן־קלוב. פּע"נ, ווי באַקאַנט, איז אַ ראשי תיבות פון דריי ווערטער— ס'איז די אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון פּאָעטן, עסייאיסטן און נאָוועליסטן. איז טאַקע די רעדאַקציע פון המשך באַ־שטאַנען פון אַזאַ טריאומוויראַט — דער פּאָעט וויינשטיין, דער עסייאיסט שטאַרק־מאַן און דער נאָוועליסט ב. דעמבלין.

איצט זיינען זיי שוין אַלע געשטיגן צו דער אמתער וועלט. תנצב"ה.

---

ס. נוטקעוויטש

# די זינגערין פון אונדזער פרייד און טרויער

געזאַנג איז איינער פון די וויכטיקסטע ווינקלשטיינער פון דער מענטשלעכער קולטור.

געזאַנג איז דער וויכטיקסטער שליח פון מענטשלעכע עמאָציעס און איז דער ער־לעכסטער אויסדרוק פון די טיפסטע גע־פילן וואָס מיר פאַרמאָגן.

דורך געזאַנג קען דער מענטש דער־גרייכן צו דעם כוח פון נביאות.

אונדזער שטאָט לאָס אַנגעלעס איז גע־ווען פאַר לאַנגע יאָרן געבענטשט מיט דער וואונדערלעכער זינגערין פּ י י ג ע ל ע פּ אַ נ י ק, און וויל איר געזאַנג איז גע־ווען באַהאַרצט מיט יידישער איידלקייט איז עס געוואָרן אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון דער יידישער קולטור פון אונ־דזער שטאָט.

עס וועט נישט זיין קיין גוזמא פעסטצו־שטעלן אַז דאָס געזאַנג פון פייגעלע פּאַניק איז געווען אַ באַשטאַנדטייל און אויך אַ מוסטער פון דער קולטורעלקייט פון אונ־דזער לעבן און פון די טואונגען אין דער יידישער געזעלשאַפט.

די טיפע ערלעכקייט פון איר אופן זינ־גען האָט אונדז באַצויבערט און איר פּש־טות האָט אונדז דערהויבן צו די העכסטע הויכקייטן.

פון די מאָגערע ביאָגראַפישע ידיעות וואָס הערי לאַנג ע"ה האָט געזאַמלט וועגן פייגעלע פּאַניק, איז איר געבורט־שטאָט געווען בראַסלאַוו ביי דווינסק, אין לאַט־וויע.

זי האָט אַלס קינד פאַרלוירן איר מוטער און האָט זיך דערצויגן ביי אַ מומען אין ריגע. נאָך אַלס יונגע מיידל איז זי געווען פּאָפּולער אין די יידישע אַרבעטער קרייזן

פון בונד, ווו זי איז באַקאַנט געוואָרן אַלס רעוואָלוציאָנערע זינגערין אויף אומלעגאַלע דעמאָנסטראַציעס און פֿאַרזאַמלונגען.

פון דעם טאַטן, דעם מנגן און בעל־תפילה האָט זי געירשנט אַ גאָט־געבענטשטע שטימע, וואָס זי האָט עס באַהויכט מיט זעלטענעם אָריגינעלן און אינדיווידועלן חן.

איך האָב פייגעלע פֿאַניץ געהערט זינגען צום ערשטן מאָל אין יאָר 1954, ביי אַ לעקציע וועגן רייזענען אין אַרבעטער רינג זאַל, אין „באַיל הייטס".

איך וועל קיין מאָל דעם איינדרוק נישט פֿאַרגעסן! עס איז געווען ווי אַ שטילע תפילה געזונגען ביים עמוד. די הונדערטער מענטשן אין זאַל זיינען געזעסן ווי באַצויבערטע און אין זייער אַפּלאָדירן איז געווען קולטור פון פֿאָלקסמענטשן, דאָס דריקן אויס האַרציקייט פאַר זייער באַליבטער זינגערין.

איך וועל זיך מודה זיין, אַז זינט יענעם וואונדערלעכן אָוונט פלעג איך נאָכפֿאָלגן פייגעלע פֿאַניץ כמעט אומעטום ווו זי פלעגט זינגען: אין קולטור־קלוב, אין נאַציאָנאַלן אַרבעטער פֿאַרבאַנד, צי ביי די „פרייע אַרבעטער שטימע" קולטור אונטערנעמונגען.

אַ באַזונדערן כאַראַקטער האָבן געטראָגן די קאָנצערטן אין היגן וועסטסייד יידישן קאָמיוניטי צענטער. דאָ איז פייגעלע פֿאַניץ אויפגעטראָטן צוזאַמען מיט אַ כאָר פון איבער 120 מענער און פרויען, אין אַ געקלביענעם רעפּערטואַר פון אויסדערוויילטע יידישע קלאַסישע און פֿאָלקסלידער.

די קאָנצערטן פלעגן פֿאָרקומען אין גרויסן אוידיטאָריום פֿאַר אַן איבער 600 קעפּיגן עולם, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען יונגע און מיטליעריקע מענטשן.

דעם לעצטן קאָנצערט, ווו פייגעלע איז אויפגעטראָטן, איז געווען דעם 11טן יולי 1971, ווען דער צענטער האָט געווידמעט דעם גאַנצן פּראָגראַם לכבוד דעם פֿערציקסטן יובל פון איר זינגען אין אַמעריקע.

עס האָט געקומען זייער אַ סך מי צו איבערצייגן די זינגערין פאַר איר אַרויסטריט. מען האָט געשלאָסן די טירן און אין דרויסן זיינען געבליבן הונדערטער מענטשן. צום ערשטן מאָל האָט די יידישע קהילה אָפיציעל געשיקט אַ שליח צו באַגריסן פייגעלע פֿאַניץ ביי אַ יידישן קאָנצערט.

פייגעלע האָט געציטערט פון אויפרעגונג, זיך געביזערט אויף מיר פאַר „צווינגען" איר זינגען...

עס איז אָבער געווען אַ געטלעך געזאַנג. די אָנוועזנדע האָבן זיך אויפגעשטעלט און די אָוואַציע האָט געדויערט לאַנגע מינוטן, און ווען דער כאָר האָט פֿאַרצויגן מיט גאָלדפאַדענס „צו דיין געבורטסטאָג, צו דיין יום־טוב היינט, האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אַלע דיינע פריינד", האָט זיך פייגעלע צעוויינט. זי האָט ווי פֿאַרגעפּילט, אַז דאָס איז איר לעצטער קאָנצערט.

פייגעלע פֿאַניץ האָט פֿאַרנומען דאָס חשובסטע אָרט אין דעם אויפבוי פון דער יידישער קולטור־באַוועגונג אין לאָס אַנגעלעס. אַרום איר האָבן זיך געשאַפן אַ קרייז יידישע שרייבערס, דיכטערס, עסייאיסטן און אינטעלעקטואַלן, וואָס האָבן אַזוי פיל קאָליר און חן צוגעגעבן אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן.

אַלע שאַטירונגען פון דער יידישער דיכטונג האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין איר זינגען. די עכטקייט איז פיל מאָל געקומען צום אויסדרוק אין אירע שטילע געזאַנגען, ווו נאָר מען האָט געהערט דעם ניגון, אַ רמז פון געזאַנג.

**אַ ליידיקייט איז געבליבן, אַ טרויער. נאָר די וואָס האָבן געהערט איר זינגען וועלן קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן פייגעלע פֿאַניץ.**

# מלך ראַוויטש (זכריה בערגנער) ז״ל

ווען דער איצטיקער נומער „חשבון" איז שוין געווען מער ווי אַ האַלב אָפּגע־דרוקט איז אונדז אָנגעקומען די ביטערע ידיעה, אַז דער שוין לאַנג־באַרימטער יידישער שרייבער, מלך ראַוויטש, וועלכער איז געווען אַזוי שעפעריש אין דער יידי־שער דיכטונג, עסייאיסטיק און פּובליציס־טיק זינט די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, איז פריייטאָג־צו־נאַכטס, דעם 29טן אויגוסט, געשטאָרבן אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע.

ער איז אַוועק אין דער אייביקייט, אין דעם עלטער פון 83 יאָר — איידער ער האָט פאַרענדיקט צו באַשרייבן און באַ־זינגען זיין תקופה, זיין לעבן, דאָס לעבן, שטרעבן און דערגרייכן פון זיין פאָלק, דער עיקר: פון זיין יידיש־רעדנדיקער עדה.

זיינע דריי ביכער: „דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן", וואָס זיינען נישט בלויז די וואונדערלעכסטע מצבה אויף די קברים פון די גרעסטע יידישע געשעענישן פאַר אָט די העכער פופציק יאָר, נאָר אויך אַ מצבה איבער אַן עפּאָכע אינעם לעבן פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום — אַ גאָל־דענע תקופה פון געראַנגל און דערגרייך, פון חלום און פאַרווירקלעכונג, פון אויפ־הייבן דאָס יידישע וואָרט ביז צו די העכסטע הייכן אין דער מענטשלעכער קלטור.

אין די יאָרן 1921-1934 האָט מלך ראַוויטש געלעבט, געשאַפן און געווירקט אינעם צענטער פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום, אין וואַרשע. אין אָנהייב, ווי אַ יונגער שאַפער און בונטאַר, האָט ער זיין שאַפן פאַרהברט מיט די שאַפונגען פון פרץ מאַרקיש און אורי צבי גרינ־בערג, פאַר וועלכן זיי זיינען באַצייכנט געוואָרן מיטן נאָמען „כאַליאַסטרע". יע־דער באַזונדער פון זיי האָט אַרויסגעגעבן אַן אייגענע שריפט: מאַרקיש — „כאַליאַ־סטרע", אורי צבי גרינבערג — „אַלבאַ־טראָס", ראַוויטש — „די וואָג".

אָט אַזוי, צעטיילט און געאייניקט, איז מלך ראַוויטש געווען איינער פון די אָנ־זאָגערס פון אַ נייער תקופה אין דער יידי־שער ליטעראַטור, און געוואָרן שוין דע־מאָלט אַ וועג־דורכברעכער, אַ פאָרלויפער און אַן אָריגינעלער שפּע'דיקער שעפער. און דער דעמאָלט אַרומגעגאַנגענער וויץ, אַז „מאַרקיש האָט איינגענומען דעם ראַטנ־פאַרבאַנד, אורי צבי גרינבערג — ארץ ישראל, און ראַוויטש — דאָס וואָס עס איז נאָך פאַרבליבן פון תפוצות ישראל", האָט יאָרנלאַנג געפּאַסט דווקא און נאָר אויף ראַוויטשן.

וואָרעם ראַוויטשעס אָריגינעלקייט, זיין פילזשאַנערדיק שאַפן, זיין רעדאַקטאָרישע און אַרויסגעבערישע טעטיקייט — פון זינט ער האָט געהאָלפן גרינדן און רעדאַק־טירן די באַרימטע „ליטעראַרישע בלעט־טער" אין וואַרשע, איז דער רעדעמער ז כ ר י ה ב ע ר ג נ ע ר, וועלכער האָט אויף אַזאַ מאָדנעם אופן זיך אַ נאָמען גע־געבן מ ל ך ר אַ ו ו י ט ש, בייגעשטאַ־נען אין אַלע זיינע צייטן און וועט אים ביילשטיין אַזוי לאַנג ווי דאָס יידישע וואָרט און דאָס יידיש שאַפן וועט אָנגיין און געדייען.

ת נ צ ב ״ ה.

שמואל ווייס

# פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָס אַנגעלעס

## יידישע געמיינדע אין ל. אַ. בויעט דירות פאַר עלטערע

פון דער יידישער געמיינדע אין לאָס אַנגעלעס ווערט באַריכטעט אַז דער פּלאַן צו בויען דירות פאַר עלטערע יידן האַלט שוין ביים רעאַליזירט ווערן. דער „מנורה־הויז" פּראָיעקט וועט האָבן, לויטן באַריכט פון ריטשאַרד לי ווייס, פּרעזידענט פון דער האַוזינג פאונדיישאַן פון דעם יידישן פעדעראַציע קאַונסיל, 51 דירות פאַר עלטערע משפּחות, פאַר אַ צוגעגנגלעכן רענט און זיי וועלן זיין פאַרטיק קומענדיקן יאָר. מיט דעם פּלאַן צו בויען אַזעלכע דירות באַשעפטיקט זיך די יידישע געמיינדע שוין עטלעכע יאָר אָבער עס זיינען אַלע מאָל אַנטשטאַנען נייע שוועריקייטן מצד דער שטאָטישער „האַוזינג אויטאָריטי" און פּריוואַטע הויז אונטערנעמער.

לויטן פּלאַן וועלן די 51 איין־בעדרום אַפּאַרטמענטס אויסגעבויט ווערן אויף בעדפאַרד סטריט און שערמאַן וועי, אין רעסידאַ, אין שכנות פון דער קאַליפאָרניער היים פאַר עלטערע. דער פּראָיעקט ווערט סובסידירט פון דעם פעדעראַלן הייזער־בוי פּראָגראַם און וועט פּאַרוואַלטעט ווערן דורך דער שטאָטישער „האַוזינג אויטאָריטי". דער פּראָיעקט פון דער יידישער געמיינדע צו בויען דירות פאַר עלטערע משפּחות, וואָס קענען זיך ניט דערלויבן צו צאָלן די הויכע רענט פון פּריוואַטע הייזער, האָט געזאָלט אויסגעבויט ווערן אין שכנות מיט דעם וועסט־סייד יידישן קאָמיוניטי צענטער אויף אָלימפּיק בולוואַרד אָדער אין בעווערלי־פעירפאַקס געגנט, ווו עס וווינט אַ גרויסער טייל פון דער אַרעמער יידישער באַפעלקערונג אין אונדזער שטאָט. אָבער ליידער איז מחמת פאַרשיידענע מניעות ניט געווען מעגלעך עס דורכצופירן.

די נייע דירות אין שכנות מיט דער היים פאַר עלטערע וואָס איז, אגב, אַן אַגענטור פון דער יידישער געמיינדע, וועלן האָבן די מעלה וואָס די איינוווינערס וועלן קענען אָנפירן זייער געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעט צוזאַמען מיט דער היים אין רעסידאַ. הגם ז ייוועלן זיין אָפּגעזונדערט אין זייער אייגענער געביידע. עס ווערט דערוואַרט אַז דער געפּלאַנטער הייזער־בוי פּראָיעקט פאַר עלטערע וועט סטימולירן ענלעכע פּראָיעקטן אין דער שטאָט.

## יידישע קהילה פירט אָן קאַמפּאַניע פאַר פינף מיליאָן דאָלער

די יידישע געמיינדע באַמיט זיך צו זאַמלען פינף מיליאָן דאָלער ווי אַ טייל פון די הונדערט מיליאָן דאָלער וואָס דער פאַראייניקטער יידישער אַפּיל האָט זיך פאַרפליכטעט צו שאַפן אין משך פון יולי חודש פאַר די נויט־באַדערפענישן אין ישראל. פאַר דעם צוועק וועט אַן אַרמיי פון וואָלונטירן אַנקלאַפּן אין יידישע היימען, וואָס האָבן געמאַכט פאַרפליכטונגען (פּלעדזשעס) פאַריקן יאָר, אָנווייזנדיק אויף דער נייטיקייט צו קריגן מזומן וואָס גיכער.

די דרינגלעכע מזומן־קאַמפּאַניע ווערט אָנגעפירט פון אוירווין ה. גאָלדענבערג, דר. דאָנאַלד ראָסמאַן, וויליאַרד כאַטינער, אוירווינג טערי, מרס. לעאָנאַרד שאַפּיראָ (פּרויען אָפּטיילונג) און מרס. קורט דאַניעל.

## יידישער אַרבעטער קאָמיטעט האַלט אָפּ ראַיאָן־קאָנפערענץ

פאַרשטייערס פון יוניאָנס, אַרבעטער רינג, ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד און פון יוגנט־גרופּעס, האָבן זיך באַטייליקט אין דער ראַיאָן־קאָנפערענץ דעם 12טן יוני, וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרן פון מאַקס מאָנט, דירעקטאָר פון דעם יידישן אַרבעטער קאָמיטעט. די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין דער געביידע פון דער אינטערנעשאַנאַל לייידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן און איז

אַדרעסירט געוואָרן פון וויליאַם ראָבערט־סאַן, עקז. סעק.־טרעזשורער פון אַמעריקען פעדעריישאַן און לייבאָר און אינדוסטרי־עלע אָרגאַניזאַציעס — די צענטראַלע קערפּערשאַפט פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער באַוועגונג אין דער שטאַט.

אַנדערע רעדנער זיינען געווען: דאָנאַלד סלאַימאַן, דירעקטאָר פון אָרג. דעפּאַרט. פאַר אינדוסטריעלע ענינים; סינטיאַ פּ. לאַוואַגעטאַ, דירעקטאָר פון יוגנט אינסט. פאַר שלום אין מיטל־מזרח; סיוון האַמבור־גער, פּרעזידענט פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד און צווייטער פאָרשטייער פון דעם היגן לערער־פאַרבאַנד. דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון דער קאָנפערענץ איז באַ־שטאַנען פון סיוון האַמבורגער, דוד גאָלד־מאַן, דירעקטאָר פון אַרבעטער רינג קול־טור־צענטער און מאַקס וואול, געהילף־דירעקטאָר פון דער אינטערנעשאַנאַל יוניאַן.

די קאָנפערענץ האָט אויסגעהערט באַ־ריכטן פון דער טעטיקייט פון יידישן אַר־בעטער קאָמיטעט אין דער שטאַט און האָט אויסגעטיילט צוויי קאונסילס — אַ קאָונ־סיל וואָס וועט זיך פאַרנעמען מיט ענינים פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט, מיט פאַרטרעטער פון יוניאָנס, און אַ קאָונסיל וואָס וועט זיך פאַרנעמען מיט יידישע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, אין וועלכן עס וועלן זיך באַטייליקן פאָר־שטייער פון אַרבעטער רינג, פון ציוניס־טישן אַרבעטער פאַרבאַנד און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

די דעלעגאַטן האָבן געקראָגן אַ מאַסע מאַטעריאַל וועגן דער פילזייטיקער טע־טיקייט פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט אויפן געביט פון יוניאָן־אָרגאַניזאַציע, ביל־דונג־פּראָבלעמען און אַלגעמיין שטאַטישע ענינים. צווישן אַנדערעס איז אויך געווען אַ באַריכט וועגן דער שוידערלעכער עקס־פּלואַטאַציע פון זעכציק טויזנט פרויען־קליידער אַרבעטער פון וועלכע בלויז צען טויזנט זיינען מיטגלידער אין דער יוניאָן. דער באַריכט איז צוגעגרייט געוואָרן פון מאַקס מאָנט, דער דירעקטאָר פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט.

## דאָראָטי ראַכמיס, נייער דירעקטאָר פון אַרבעטער רינג אין קאַליפאָרניע

דער אַרבעטער רינג האָט אַ נייעם דירעקטאָר — דאָראָטי ראַכמיס, אַ גראַדוי־אַנטין פון דער אַרב. רינג מיטל־שול און פון יידישן לערער־סעמינאַר און אַן אַל־געמיין באַגאַבטע פּערזענלעכקייט אין דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָס אַנגעלעס.

דאָראָטי ראַכמיס איז לאַנגע יאָרן געווען פאַרבונדן מיט דעם יידיש־ענגלישן וואָכנ־בלאַט „קאַליפ. דזשואיש וואָיס", ווו זי האָט געשריבן אַ וועכנטלעכן קאָלום איבער טעאַטער און ביזנעס פּערזענלעכקייטן. נאָכן אונטערגאַנג פון דעם וואָכנבלאַט האָט זי רעדאַקטירט דעם צוויי־וואָכן בלאַט „איזראַעל טודעי".

דאָראָטי איז די טאָכטער פון די האָפּ־שטיינס, ביידע אַנגעזעענע טוערס אין דעם אַרבעטער רינג. זי פּלאַנט אַרויסצוגעבן אַ בולעטין פאַר אַרבעטער רינג מיט־גלידער און אָרגאַניזירן נייע פּראָגראַמען פון אַרבעטער רינג בראַנטשעס אין דער שטאַט.

לאַנגיאָריקע מיטגלידער פון אַרבעטער רינג, וועלכע זיינען אויך לייענער פון „חשבון", ווינטשן דער יונגער טוערין פון אַרדען הצלחה אין איר אַרבעט.

למדינת ישראל, למנהיגיה ויושביה
עזי הרוח, העומדים נכונים להגן על
בית חיינו בין בים ובין ביבשה —
ולכל ידידינו בכל מקום שהם —
שמה טובה ומוצלחת.
זאב ורבקה סאליס

אַשר קיפּניס

# דער יידישער קולטור־קלוב אין לאָס אַנגעלעס

## (אַ רשימה פון לעקציעס און אונטערנעמונגען)

די דערעפענונג פון דעם קולטור־זמן 1975־1976 איז פאָרגעקומען שבת אָונט דעם 25טן אָקטאָבער, מיט אַ קבלת פּנים פאַר דעם באַקאַנטן יידישן דיכטער משה שולשטיין, מיט זיין פרוי, די וואָרט־קינסטלערין מילקע פּעטשינעק. דאָס באַגאַבטע פּאָרפאָלק איז אויפגענומען געוואָרן ביי אַ פול געפּאַקטן זאַל אין דעם באַנייטן בנין פון קולטור־קלוב, מיט אַ וואַרעמער אָוואַציע אַלס געסט פון פראַנקרייך. שולשטיין האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „יידישע דיכטער אין דער היינטיקער צייט.״ זיין באַגאַבטע פרוי איז אויפגעטראָטן מיט רעציטאַציעס פון דעם דיכטערס שאַפונגען.

• דעם פאָלגנדן שבת אָונט, דעם ערשטן נאָוועמבער, האָט דער באַקאַנטער לעקטאָר, סערגיי נוטקעוויטש, געטיילט מיט דעם עולם זיינע איינדרוקן פון אַ רייזע אין אייראָפּע און ישראל. דעם זעלביקן אָונט האָט בערל פרימער פון ישראל געגעבן אַן איבערבליק איבער דער לאַגע אין ישראל.

• שבת אָונט, נאָוועמבער 8 — אַ געדענק־אָונט איז פאָרגעקומען נאָך דעם יידישן פאָלקס־זינגער סידאָר בעלאַרסקי. חזן הערצאָלד גרין האָט געזונגען בעלאַרסקיס לידער און איבערגעגעבן עפּיזאָדן פון בעלאַרסקיס פערזענלעכן לעבן.

• שבת אָונט, נאָוועמבער 15 — אַ לעקציע פון ד״ר בערנאַרד כהן, אד״ט: „יידן אין דער ערשטער פּעריאָדע פון דער אימיגראַציע קיין אַמעריקע

• שבת אָונט, נאָוועמבער 22 — איז געווען געווידמעט תנחום ברייס, צו זיין ניינציקסטן געבוירנטאָג. דער פאָרזיצער אַלעקס ראָבין עפנט דעם אָונט, באַגריסט דעם יובילאַר מיט אַ קורצן איבערבליק איבער דעם ביטראַג וואָס דער יובילאַר האָט געמאַכט צו פאַרשידענע קולטור אונטערנעמונגען. שריפטלעכע באַגריסונגען זיינען אָנגעקומען פון הויפּט־אָפּיס פון אַרבעטער רינג און פון דער פאַרוואַלטונג פון ייווא, ווי אויך פון סערגיי נוטקעוויטש און לילקע מייזנער, תושבים אין לאָס אַנגעלעס.

אַלעקס ראָבין האָט באַגריסט אין נאָמען פון קולטור קלוב און פון ייווא־קאָמיטעט אין לאָס אַנגעלעס. יוסף טילעס האָט באַגריסט אין נאָמען פון אַרבעטער רינג בראַנטש 443.

מיט דעם פייערלעכן אָונט האָט אָנגעפירט שלמה צוקערמאַן, אַ לאַנג־יאָריקער פריינד פונעם יובילאַר.

• דער אָונט פון שבת, נאָוועמבער 29, איז געווען געווידמעט דעם יום־טוב חנוכה. נחום מאַקסאָן, דירעקטאָר פון פאָלקס אָרגאַניזאַציעס פון יידישן נאַציאָנאַל פאָנד, האָט געהאַלטן אַ רעדע וועגן „חנוכה אין דער היינטיקער צייט״ משה מאַנדעלבוים האָט פאָרגעלייענט חנוכה־שאַפונגען פון שלום עליכם און חזן הערצאָלד גרין האָט געזונגען חנוכה־לידער. מיט דעם חנוכה־אָונט האָט אָנגעפירט מאָריס דייטש.

• שבת אָונט, דעצעמבער 6, איז דער זאַל פון קולטור־קלוב איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פון דעם יערלעכן צוזאַמענקונפט פון ייווא און איז געווען געווידמעט די צוויי אָנגעזעענע טוער פון ייווא, תנחום ברייס און יוסף טיליס, צו זייער ווערן 90 יאָר אַלט.

פּראָפעסאָר אליהו כ״ץ האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט צו דעם 50 יאָריקן יובילײ פון ייווא, אויף דער טעמע: „די נייע תקופה פון יידישקייט אין אַמעריקע.״ שריפטלעכע באַגריסונגען זיינען אָנגעקומען פון דער נאַציאָנאַלער פאַרוואַלטונג פון ייווא

אין ניו־יאָרק און פון פלאָרא און שמואל ווייס, תושבים אין לאָס אַנגעלעס. דר. אברהם זיגלבוים האָט געלייענט שאַפונגען פון י ל פרץ און פון יעקב גלאַטשטיין.

דער סעקרעטאַר פון ייוואָ־קאָמיטעט אין ל. א. איז שייע שיכאַטאָוו און דער פאַרזיצער איז אַלעקס ראַבין, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דעם אָוונט.

● שבת אָוונט, דעצעמבער 13 — אַ רעפעראַט פון ד״ר יודושין ראָזענמאַן, אד״ט: „ואהבת לרעך כמוך״ (דער יידישער באַגריף און דער קריסטלעכער טייטש). אין מוזיקאַלישן פּראָגראַם: די יונגע טאַלאַנטירטע פּיאַניסטין מאַרגאַ בערמאַן. פאַרזיצער איז געווען הענעך בערמאַן (דער זיידע פון מאַרגאַ).

● שבת אָוונט, דעצעמבער 20 — אַ רעפעראַט פון באַקאַנטן לעקטאָר מנחם קאַרסאַן, אד״ט: „י ל. פרץ.״ פאַרזיצער: אַלעקס ראַבין.

● שבת אָוונט, דעם 10טן יאַנואַר, דער ערשטער אָוונט פון 1976 און דער אָנהייב פון דעם יובל־יאָר זינט דער גרינדונג פון קולטור־קלוב. דער פאַרזיצער עפנט דעם אָוונט מיט אַ ספּעציעלן אַריינפיר. באַגריסט דעם געפאַקטן זאַל מיטגלידער און געסט און זאָגט, אַז דאָס דאַרף זיין אַ יאָר פון כולו יום־טוב. ער גיט אַן איבערבליק פון די 50 יאָר קולטור־קלוב אין לאָס אַנדזשעלעס, די אומפּאַרטייאישקייט וואָס ווערט אָפּגעהיט זינט זיין גרינדונג און דעם הויכן ניוואָ פון די פּראָגראַמען וואָס ווערן צוגעגרייט. און אַז אויך אין דער צוקונפט וועט מען זיך ניט צופרידנשטעלן מיט די פאַרגאַנגענע דערפאָלגן, נאָר שטרעבן צו נייע הייכן.

אין דעם מוזיקאַלישן פּראָגראַם נעמען אַנטייל די זינגערין דאָראָטי אַלאַס און דער טעאַטער קאָמפּאָזיטאָר מאָזעס רומשינסקי.

(וועגן פופציק יאָר טעטיקייט פון יידישן קולטור־קלוב ווערט אין היינטיקן נומער „חשבון״ געגעבן אַן אַרטיקל פון אַלעקס ראַבין, דער אומדערמידלעכער פאַרזיצער פון קולטור־קלוב, וואָס פירט אַגב אָן מיט כמעט יעדן קולטור־אָוונט און אונטערנעמונג פונעם קלוב. עס דערשיינט אויך אַן עדיטאָריעל).

● שבת אָוונט, יאַנואַר 17, האָט דער באַקאַנטער דיכטער, משה שקליאַר, וועלכער איז איצט אַ תושב אין ל. א., געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן „די סאָוועטישע שרייבער־עולים אין ישראל.״ ביי דעם זעלביקן אָוונט האָט דער פאַרזיצער אַלעקס ראַבין באַגריסט הענעך בערמאַן און זיין פרוי צו זייער 50 יאָריקער חתונה יובילייי, און חבר באָריס ווינער, איינער פון די טשאַרטער־מיטגלידער פונעם קלוב.

● שבת אָוונט, יאַנואַר 24 — אַ לעקציע פון באַקאַנטן תנ״ך־פאָרשער, ד״ר מנחם נאור, אד״ט: „פון אברהם אָבינו ביז משה רבינו״. אין מוזיקאַלישן פּראָגראַם: שעפסל גענס, מאַנדאָלין שפּילער. פאַרזיצער: שלמה צוקערמאַן.

● שבת אָוונט, יאַנואַר 31 — אַ לעקציע פון דעם יונגן פּראָפעסאָר בערל גאַלאַמב אד״ט: „שמועסן מיט יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד, זייער לעבן און האָפענונג אַרויסצופאָרן פון דאָרט.״

● שבת אָוונט, פעברואַר 7, האָט אריה פּאַזי, רעדאַקטאָר פון „חשבון״, געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „יידישער פאָלקלאָר פון תנ״ך ביז י.ל. פרץ״ (אַ שפּאַציר איבער יידישן שאַפן דורך די דורות). אין מוזיקאַלישן פּראָגראַם האָט זיך באַטייליקט דער חזן אָסקאַר מוסטער אין אַ ציקל לידער.

● דער אָוונט פון שבת, דעם 14טן פעבר. איז געווען געווידמעט „הונדערט יאָר אברהם רייזען.״ סערגיי נוטקעוויטש האָט גערעדט וועגן רייזענס בייטראַג צו דער יידישער ליטעראַטור, און בוירגיס אַשדאָן האָט געזונגען לידער פון אַברהם רייזען.

● שבת אָוונט, פעברואַר 21 — אַ לעקציע פון באַקאַנטן לעקטאָר זלמן שלאָסער, אד״ט: „יידישע זשורנאַליסטיק אין אונדזער דור.״

• שבת אָונט, פעברואַר 28 — אַ רעפעראַט פון ישראל גובקין אד"ט: „קען דער תלמוד אָפּגעטיילט ווערן פון תנ"ך?"

• שבת אָונט, דעם 6טן מערץ, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ מוזיקאַלישע פּראָגראַם פון די אַרטיסטן מאַקסים באַראַדין און זעלדע זלאַטין.

• שבת אָונט, מערץ 27, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ ליטעראַריש-מוזיקאַלישער פּראָגראַם, מיט דער פיינער לעקטאָרין לילקע מייזנער, וועלכע האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן מנחם באָריישאַ. מלכה שאַ, פּיאַניסטין, האָט געזונגען אַ ציקל פאָלקסלידער מיטן עולם.

• שבת אָונט, דעם 3טן אַפּריל, איז פאָרגעקומען אַ מיטגלידער פאַרזאַמלונג, ביי וועלכער עס איז אויפגענומען געוואָרן אַ באַריכט פון פינאַנץ-סעקרעטאַר עמנואל גאָלדפאַרב, וועגן דעם פינאַנציעלן מצב פונעם קלוב, און פון אשר קיפּניס, וועגן די פּראָגראַמען. משה כהן, וויצע-סעקרעטאַר פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד און פאַרוואַלטער פון דער ריזיקער ביבליאָטעק פונעם קלוב, באַהאַנדלט די שבת אָונט פּראָגראַמען. ער גראַטולירט דער פאַרוואַלטונג פונעם קלוב פאַר די פיינע פּראָגראַמען און ער אַפּעלירט צו די מיטגלידער ניט צו באַנוגענען זיך בלויז מיט דער ראָל צו זיין צוהערער נאָר אויך זיין מיטבאַטייליקטע אין דער חשובער קולטור אַרבעט פונעם קלוב.

• שבת אָונט, אַפּריל 24, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ יזכור-אָונט נאָך די זעקס מיליאָן קדושים פון אונדזער פאָלק. אַלעקס ראַבין האָט געפילפּול גערעדט וועגן דעם גייסטיקן און פיזישן ווידערשטאַנד פון די יידן אין געטאָ. בעלאַ פאָזי האָט געלייענט פון דער חורבן-ליטעראַטור, פון חוה זאַזענפאַרב, חיים גראַדע און ז. סעגאַלאָוויטש. סאָפיע בערגער האָט געזונגען חורבן-לידער.

• שבת אָונט, דעם 1טן מאַי — אַ קאָנצערט מיט דער באַרימטער אַרטיסטין הדסה קעסטין פון ישראל, און דעם דיכטער בינם העלער.

דער פאָרזיצער, אַלעקס ראַבין, באַגריסט די געסט און שטעלט פאָר צום ערשט דעם דיכטער בינם העלער. אין אַ קורצער רעדע האָט דער גאַסט געזאָגט, אַז יידיש ווערט איינגעפלאַנצט אין זאַמדיקן באָדן פון ישראל, און עס פאַנגט אָן שפּראָצן. דער אומצוטרוי פון עברית צו יידיש ווערט פאַרשווונדן.

דער פאָרזיצער שטעלט פאָר הדסה קעסטין, וועלכע באַגייסטערט דעם עולם מיט אירע רעציטאַציעס פון בינם העלער, חיים גראַדע, שלום עליכם, איציק קיפּניס, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, משה לייב האַלפּערן און אפרים קאַגאַנאָווסקי.

• שבת אָונט, דעם 8טן מאַי, האָט דער געלערנטער ד"ר אפרים פון ישראל, געהאַלטן אַ רעפעראַט אד"ט: ווו ליגט דער כוח און צוציאונגס-קראַפט פון חסידיזם." דער פאָזיצער פון אָונט אין געווען מאָריס דייטש.

• שבת אָונט, מאַי 15, האָט דער גאַסט-דיכטער, בינם העלער, געהאַלטן אַ רעפעראַט: „80 יאָר פרץ מאַרקיש." ער איז פאַגעשטעלט געוואָרן פון זיין יוגנט-חבר משה שקליאַר — אַ תושב אין לאָס אַנגעלעס, וועלכער האָט מיט גרויס באַגייסטערונג גערעדט וועגן בינם העלערס שאַפונגען. הדסה קעסטין האָט מהנה געווען דעם גרויסן עולם מיט אַ ציקל לידער פון דעם דיכטער.

דער אָונט איז אָנגעפירט געוואָרן פון שלמה צוקערמאַן.

• שבת, דעם 22טן מאַי, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ געדענק-אָונט נאָך דעם דיכטער ה. רויזענבלאַט אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט ישראל גובקין, מיט אַ לעקציע וועגן דעם פאַרשטאַרבענעם דיכטער אין ל. א., און משה כהן, וואָס האָט געלייענט אַן אָפּקלייב פון רויזענבלאַטס לידער. דער פאָרזיצער, שלמה צוקערמאַן טיילט מיט וועגן דעם טויט פון פייגעלע פּאַניץ, וואָס האָט אָפט באַשיינט דעם קלוב מיט אירע געזאַנגס-קאָנצערטן.

• שבת אָונט, מאַי 29, האָט די יונגע פּראָפעסאָרשע דזשאַנעט האַדאַ געהאַלטן — אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „די אַמער-

ריקאַניזאַציע פון יצחק באַשעוויס זינגער.“ אין דעם אָוונט, אָנגעפירט פון אַלעקס ראָבין, האָט זיך באַטייליקט דער וואָרט־קינסטלער יצחק רויטבלום. ער האָט פאָרגעטראָגן צוויי שאַפונגען באַשעוויסעס: „מיין טאַטנס בית־דין שטוב“ און „פיר זיינען מיר געווען.“

• שבת, דעם 5טן יוני, איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אָוונט לכבוד שבועות מיט אַ לעקציע פון מנחם קאַרסאָן וועגן דעם בייטראָג פון מתן תורה צו דער וועלט־ציוויליזאַציע און סאָציאַלער געזעצגעבונג.“ משה מאַנדעלבוים האָט געלייענט שלום עליכמס „מילכיקס“. חזן העראָלד גרין האָט געזונגען שבועות־לידער און די אָפּעראַ־זינגערין אַלפּיין פּעלי וואַניאַן האָט מהנה געווען דעם עולם מיט איר געזאַנג.

• שבת אָוונט, דעם 12טן יוני, איז געווען דער סיום הזמן פון דעם קולטור־סעזאָן.

דער פּאָרזיצער, אַלעקס ראָבין, באַגריסט דעם יום־טובדיקן עולם. ער דערקלערט, אַז עס ווערט איצט 50 יאָר זינט דער גרינדונג פונעם קלוב און ער גיט אַן אָפּשאַצונג וועגן דער אייגנאַרטיקער ראָל פונעם קלוב אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָס אַנגעלעס.

ער באַגריסט די 3 ערשטע מיטגלידער פון קלוב: באָריס ווינער, דעם טשאַרטער מיטגליד, און די ותיקים, שמואל בריינין און תנחום ברייס, וועלכע האָבן פיל בייגעטראָגן צום קלוב.

ער באַגריסט שמחה און יעטאַ גרעי, וועלכע האָבן אים באַווירקט טראָץ זיין פּאַרנומענקייט אין אַנדערע געזעלשאַפטן, צו ווערן אויך אַקטיוו אין קלוב. ער באַגריסט שלמה צוקערמאַן, וועלכער איז אַ זייל פונעם קלוב; הענעך בערמאַן, פאַרוואַלטער; עמנואל גאָלדפאַרב, פינאַנץ־סעקרעטאַר, און די אַנדערע אַקטיווע מיטגלידער און די אַלע לעקטאָרן און אַנדערע באַטייליקטע ביים דורכפירן די פּראָגראַמען און אונטערנעמונגען פון קלוב. ער דאַנקט באַזונדערס דעם פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר פון קלוב, אָשר קיפּניס, און ווינטשט אים אַ צאתך לשלום אויף זיין רייזע קיין ישראל.

דער פּאָרזיצער שטעלט פאָר יעקב קאַהאַן, פּאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע פון קלוב, וועלכער זאָגט אין זיין קורצער באַגריסונג, צווישן אַנדערעס, געזאָגט:

„דער היינטיקער אָוונט איז אַ באַרעכטיקטע שמחה פאַר די אַקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכע טוערס פון דעם קלוב און פאַר די אַלע וואָס באַטייליקן זיך אַקטיוו אין דער אַרבעט פון דער אָרגאַניזאַציע.

„אין גאַנג פון די אַקטיוויטעטן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר פאַרמאָגן אַ היבשע צאָל לאָקאַלע טאַלאַנטן, וועלכע האָבן אַ סך ביגעטראָגן צו אונדזערע אָוונטן, וואָס וואָלטן אָן קולטור־קלוב קיין פּלאַטפאָרמע נישט געהאַט; אויך הונדערטער פון אונדזערע פריינט און חברים, וועלכע לעכצן נאָך אַ יידיש וואָרט, יידישע קולטור, ווען ניט דער קולטור־קלוב וואָלטן זיי קיין היים נישט געהאַט ווו זיך אויסצולעבן אין אַ יידיש־קולטורעלער סביבה.

„איך וויל ביי דער געלעגנהייט זיך אויך אָפּשטעלן אויף אַן עסטעטישן ענין אין שייכות צום קלוב: וועגן דער אויסערלעכער שיינקייט פון זאַל, וואָס איז אַזוי צוגעפּאַסט צום כאַראַקטער פון אַ קולטור אינסטיטוציע. נאָר אַ מענטש מיט אַ פאָלקס־נשמה האָט געקענט צופּאַסן אַ בנין וואָס זאָל האַרמאָניזירן מיט אונדזערע גייסטיקע ווערטן.

„דער רחבותדיקער זאַל האָט פּשטות, עלעגאַנץ, און שאַפט אַן אינטים וואַרעמע אַטמאָספערע. די רייכע יידישע ביבליאָטעק, די בילדער פון אונדזערע גרויסע שעפערישע כוחות, וואָס באַצירן די ווענט, שאַפן די פּאַסיקע פאָלקסטימלעכקייט אויף אונדזערע אָוונטן. איבעריק צו זאָגן, אַז שלמה צוקערמאַן, וואָס האָט אָט דעם קלוב אויפגעבויט, האָט זיך פאַרדינט אונדזער טיפסטע אנערקענונג.

„נעמענדיק אין אָנבאַטראַכט די געלונגענע קולטור־אָוונטן פון דעם סעזאָן און פון די פריערדיקע צוויי סעזאָנען, קאָנען מיר זאָגן אָן איבערטרייבונג, אַז דער קולטור־קלוב איז אַ וויכטיקע קולטור־אינסטיטוציע. איך גלייב, אַז דאָס איז די איינציקע אינסטיטוציע ווו יידישע קולטור־פּראָגראַמען ווערן דורכגעפירט יעדע וואָך.“

אין דעם אונטערהאַלטונגס פּראָגראַם פון דעם אָוונט האָבן זיך באַטייליקט: ראָבערט דובאָוו, וויאָלין קינסטלער, און דער חזן משה שולהאָף.

# לשנה טובה תכתבו ותחתמו!

✡

## תכלה שנה וקללותיה
## תחל שנה וברכותיה

✡

די רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון

## „חשבון" און יידישער קולטור קלוב

שיקן זייערע האַרציקע לשנה טובה ברכות צו אַלע אונדזערע מיטאַרבע־טערס און לייענערס, צו מדינת ישראל און כל ישראל בכל מקום שהם.

מיר ווינטשן אַלע אונדזערע פריינד אַ שנת ברכה והצלחה און לאָמיר זוכה זיין אינעם יאָר תשל"ז צו אַן אמתן שלום אויף דער וועלט, נאָך מער אויפשוואונג פון מדינת ישראל, אַ סך נחת פון איר ושלום בכל גבולותיה ומנוחה בכל מושבותיה, און אַ סך גליק פאַר אַלע יידן אין דער גאַנצער וועלט.

מיר ווילן האָפן, אַז דאָס נייע יאָר וועט אויך ברענגען גליק און פרייד דאָס שווער-געפּרוווטע יידנטום אין סאָוועטן-פאַרבאַנד, פאַר וועלכע מיר זיינען אַלע מתפלל—

**תחל שנה וברכותיה!**

## באַגריסונג פון

# ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד

### צום נייעם יאָר תשל"ז... לשנה טובה תכתבו ותחתמו

**אַ יאָר פון שלום אין ישראל און אין דער גאַנצער וועלט!**

צום נייעם יאָר שיקן מיר אונדזערע האַרציקסטע ברכות צו די חברות און חברים פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד, צו דער גאַנצער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג און צו אַלע יידן אין דער גאַנצער וועלט.

מיר סאַלוטירן די רעגירונג פון ישראל, דעם גאַנצן ישוב און אונדזערע חברים אין דער הסתדרות, אַז דאָס יאָר זאָל זיין אַ יאָר פון שלום און פון וויטערדיקן אויפבוי.

אונדזערע הייסטע תפילות באַגלייטן די יידן אין סאָוועטן־רוסלאַנד און מיר פאַר־זיכערן זיי, אַז מיר וועלן שטענדיק געדענקען זיי און אומאויפהערלעך פאָדערן זייער רעכט זיך אויסצולעבן יידיש גייסטיק און קולטורעל און ווי אַ טייל פון יידישן פאָלק.

### פאַר דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד

ד"ר יהודה שאַפּיראָ, פרעזידענט — בערנאַרד ווייסבערג, נאַציאָנאַלער סעקר.

**מיר ווינטשן שנת שלום, ברכה והצלחה צו אַלע אונדזערע מיטגלידער, צו מדינת ישראל און כל עם ישראל**

**שלום עליכם צווייג נומ. 305**
**ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד**

טעאָדאָר כץ, פרעזידענט
ד. סידראָוו, וויצע־פרעז.
חיה ניומאַן, פראָט. סעק.
וועלוול אַרטנשטיין, פין. סעק.

**הירשביין - רויזענבלאַט צווייג 359**
**ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד**

מאָריס דייטש, פיליפּ בראָדי,
פרעזידיום

פנינה אָסמאַן,
בען קאָרן,
סעקרעטאַרן

שנת ברכה והצלחה צו אַלע אונדזערע חברות, צו מדינת ישראל און כל עם ישראל.

**דרורה צווייג פיאָנערן פרויען**
עדינה פרידמאַן, פרעזידענט

**אויפבוי גרופּע**

יוסף גאָלדבערג, פרעזידענט
משה מאַנדעלבוים, סעקרעטאַר
הערי אבראַמס, פין. סעקרעטאַר

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

☆ ☆ ☆

## ציליע און שלמה צוקערמאַן

## שרה און שמחה ליינער

## ליובע און שמואל ברײנין

## מנחם קאַרסאָן

## גדליה ראָזענבוים

(אוק פּאַרק, מישיגען)

די פֿאָלגענדע חברים און תלמידים שיקן זייערע ברכות צו די
רביים ר' זאב סאַלעס און ר' משה הירש פֿון המשך און מורשה:

לואיס באַדאַן    אַלעקס ראַבין    מ. גאָלדפאַרב
פנינה אַסמאַן    ב. ניומאַן    צבי גאַנטער
און יוליוס גראַווער

אויך ווינטשן מיר די ברכה פֿון אַ רפואה שלימה צו חברה הירש.

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

אָמאַן, סאָניע
אָרטענשטיין, פייגל און וועלוול

ד״ר הערשל בורשטיין

בערמאַן, איוואַ און העניך
בלום, ביילקע (בערטאַ)

גאָלדפאַרב, לילי און מענדל

גאָלאָמב, אברהם, רבקה און משפחה
לזכרון דער זינגענדיקער פייגעלע פאַניץ

דייטש, רחל און אלימלך

וואַנאַמייקער משפחה
און רחל סלאַבאָדקין

ווייס, פלאָראַ און שמואל

ווינער, באָריס

וויינטרויב, לילי און מאיר

וויינבערג, אברהם מ.

טויבער, בען און פרוי
טיילאָר, ליבע און מייער
טעמפּער, פּערל

כּץ, דאָראַ און טוביה

ס. א. לישינסקי
לעווין, אסתר און הערי
לייקין, שמואל בער (דעטראָיט)
לעוו, רבקה און זיגמונט

מלחי, בצלאל און פרוי
נאָדעלמאַן, בעקי און משה
נוטקעוויטש, בעטי און סערגיי
ניומאַן, עליע (דעזערט האָט ספּרינגס)

סלוצקי, רחל און מענדל

פּריזענט, סאָל און פּעני (פּיטסבורג)
שיקן זייערע ברכות צו חברים און משפּחות

פישער, לוסילעט און ד״ר בערנאַרד

פּאָזי, בעלאַ און אַריה

פּרימאָסט, דזשעני און טשאַרלי

קאָהען, אברהם
קאַהאַן, רעי און דזשעק
קאָהן, ראָוז און אברהם יצחק
קאַפּלאַן, משה
קאַפּלאַן, ראַקעל און דוד
קעסטל, מאיר
קריימער, לאָטי און מאַקס, לכבוד
אברהם און רבקה גאָלאָמב, לרפואה שלימה

ראַבין, אַלעקס

רומאַק, מאַקס און פרוי

שרגא, רבקה און דוד
שאַר ווילי (וועלוול)
שולגאסער, ד״ר בערל און פרוי
שטיינבערג, קלאַראַ, דזשעק
און משפּחה
שלאָסער, נעכע און זלמן

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאַרער וועלט**

אבּיראַן, באַרני און דזשין

אַסטראַף, לאה און שמואל
(ברוקלין, נ. י.)

אַפּטייקער, אסתר

באַנטשעק, גנענדל

בונין, יעטאַ און זרח

בוירק, ציליע

בראַדי, פיליפ

ברייס, טילי און תנחום

גילדער, שמחה

גרעי, יעטאַ און שמחה

גליקמאַן, סיליאַ און בערנאַרד

גיבערמאַן, אסתר און יצחק

גרינשטאַט, טילי און יצחק

גרעי, יעטאַ און שמחה (דזשאַן)

האַפּשטיין, פעני און מאיר
אין חבוד פון תנחום בריים

וויינמאַן, דזשעני

חזנוב, אליהו און פערל

טייטלבוים, שרה

טויבעס, גלעדים
אין אָנדענק פון מאַן, י. ש. טויבעס

טילעס, ראָוז און יוסף

לעווין, עטל און אייזיק

מאַלווינאַ מאַרסעל

מינץ, בעסי און בערל

מאַנדלבוים, עטל און משה

משרת, סאָניע און הערשל

סאַפּיאַן, פעי
אין אָנדענק פון מיין מאַן יצחק

סטעטנואַר, גיטל און איזידאָר

סיגל, שמואל און אליע

סיגל, אָסקאַר און מיני

פינקלשטיין, סידי

יעקב און פריידל פרידמאַן

פעלדרייס, גיטל
לכבוד אַלעקס ראַבין

פרידמאַן, חיה און גרשון

צוקערמאַן, מאַרווין און פרוי

צוקערמאַן, טשאַרלס

קוליק, עטל און חיים

קיפּניס, מרים און אשר

קאַזאַק, סאָפי און הערשל

ראָזענשטיין, גאַסי

שולוויים, גוטשע און משה

שטערנפעלד, סאָפי און הערי

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאַרער וועלט**

☆ ☆ ☆


ווייצמאַן-זאַלצמאַן צווייג
ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

דוד שרגא, פאָרזיצער

יצחק גיבערמאַן, פינאַנץ סעק.

---

האַרציקע באַגריסונג פון אַלע חברות!

**יהואַש לייען-קרייז**

ראָוז אָסטראָוו, פינ. סעקרעטאַר

---

**ה. רויזענבלאַט לייען-קרייז**

גאָסי סאַרטאַ, סעקרעטאַר

---

**דר. דאַלניק לייען-קרייז**

ווינטשט זייערע משפחות אַ גוט יאָר.

אָסתר סאָלאָמאָן סאַשאַ האָפמאַן

---

**עמנואל רינגלבלום לייען-קרייז**

יעטאַ גרעי, פינ. סעקרעטאַר


☆ ☆ ☆